STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06193

DETALN UN SAKHAKLEN

Shlomo Bickel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ייד

רעטאַלן און סך-הכלען

קריטישע און פּאָלעמישע באַמערקונגען

פון

שלמה ביקל

●

ניו-יאָרק

1943

DETAILS AND CONCLUSIONS

By SHLOMO BICKEL

•

Copyright by
DR. S. BICKEL
NEW YORK, 1943

הויפּט־פֿאַרקויף :

פֿאַרלאַג „מתנות"

FARLAG MATONES

22 East 17th Street, New York, N. Y.

אויסגעזעצט : שלמה גאַנץ
אין דרוקעריי „פּאַריש פּרעס"
11 באַראָו סטריט, ניו־יאָרק

אינהאַלט:

I

1) דער יידישער פּראָזע־סטיל 7
2) קליינע און גרויסע משומדים 53
3) סטעפאַן צווייג 63
4) היינריך מאַן דער פּראָזאיקער 71
5) דער טויט געהער צום לעבן 79
6) ה. לייוויק — דער דיכטער 89
7) דער דיכטער א. לעיעלעס 107
8) איציק מאַנגערס ליד 119
9) אַפּאַטאַשו — נעש 134
10) דער דערציילער משה אַלטמאַן 140
11) המשך און במקום 152
12) יידישער „פאַנאַטיזם" 160
13) ד"ר נתן בירנבוים 169
14) אויף די וועגן פון דער יידיש־ליטעראַטור 175

II

פאַרצייכענונגען

1) י. ל. פרץ 207
2) אליעזר שטיינבאַרג 312
3) יידישער אומרו, פאַדואַ — ניו־יאָרק 216
4) א. אויערבאַך: „ליטעראַטור איז דער אַלטער קוואַל" 220
5) יוסף חיים ברענער 226
6) פרץ הירשביין 229
7) עסעאיסטן 233
8) ה. ד. נאָמבערג 237
9) פשטות 238
10) נפתלי גראָס 242
11) פריוואַט־שפּראַך 244
12) נ. ב. מינקאָוו 247
13) די שעפערישע גאַליציע 249
14) פאַמפלעט 253
15) פאַמפלעטישער קוראַזש 254
16) דראַמע און ראָמאַן 255

פון דעם אייגענעם מחבר:

אינזיך און אַרומזיך

נאָטיצן פון אַ פּאָלעמיסט און קריטישע באַמערקונגען

בוקאַרעשט, 1936

ס אַ נ ד י ן — אַ י י ד י ש ק י י ט ־ מ אָ נ ו נ ג
פון זיין זיידן אין דער טשערנאָוויצער געטאָ
און פון זיין טאַטן אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד.

דער יידישער פּראָזע־סטיל

(נאָטיצן פאַר אַ קריטישער אַרבעט)

1

„מעגלעך, אַז דער סטיל פון אַ שריפטשטעלער הענגט גאָר אָפּ מער פון זיין כאַראַקטער ווי פון זיין גייסט, מער פון זיין זיטלעכן, אײדער פון זיין פילאָזאָפישן אָדער קינסטלערישן קוק אויפן לעבן. ציצעראָ שרייבט אויסגעצייכנט, אָבער ער האָט ניט קיין סטיל. ער איז געווען אַ מענטש אָן כאַראַקטער. טאַציטוס און צעזאַר האָבן סטיל".

ס'קען זיין, אַז וואָס שייך ציצעראָן האָט לודוויג בערנע — צו אים באַלאַנגען די נאָר וואָס ציטירטע שורות — קריטיש איבערגע־כאַפּט די מאָס. ווארעם עס איז שווער צו טראַכטן וועגן כאַראַקטער־לאָזיקייט ביי אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט אַזויפיל צילבאַוואוסטקייט אין זיין לאַטייניִשער שפּראַך. און עס איז ניט ווינציקער שווער צו אַקצעפּ־טירן, אַז עס איז געווען אָן סטיל אַ שרייבער, וואָס זיינע עלעגאַנט גע־טאַקטע ווערטער און זאַצן האָבן מיט אַזויפיל פּעדאַנטישער און דערביי הייסער געטריישאַפט געטראָגן ראיות און סברות — ציגל פאַר געביי־דעס פון פּאָליטישן און פילאָזאָפישן סך־הכל.

אָבער די קריטישע „אומגערעכטיקייט" צו ציצעראָן איז ניט מער ווי אַ טפל אין יענע עטלעכע שורות פון בערנעס „באַמערקונגען וועגן שפּראַך און סטיל". דער עיקר איז בלי שום ספק דאָס, וואָס בערנע האָט דאָרט מיט זיין געוויינטלעכער שאַרפזיניקייט און מיט זיין פאַר־שפּיצטער מאָראַלישער שפּירעוודיקייט פאַר ליטעראַטור אַרויסגעבראַכט צוויי גרונטאָוונע געדאַנקען וועגן ליטעראַרישן סטיל. אפשר איז עס עטוואָס איבערגעטריבן, ווען איך זאָג, אַז ער האָט „אַרויסגעבראַכט". ווארעם אין דער אמתן האָט ער דעם ערשטן רעיון, אַז סטיל איז דער רעזולטאַט פון כאַראַקטער און זיטלעכן לעבנס־באַנעם, בלויז אַפאָריסטיש פיקסירט און וואָס אַנבאַטרעפט דעם צווייטן — האָט ער אויף אים

דער יידישער פּראָזע־סטיל

אייגנטלעך נאָר אומדירעקט אָנגעוואונקען. די אָנווינקעניש אויפן צווייטן טעזיס באַשטייט דערין, וואָס בערנע האָט מיט זיין סטיללאָזי־קייט־באַשולדיקונג פאַרטשעפּעט ניט קיין אַנדערן ווי דווקא ציצעראָן, וואָס איז געווען דער קלאַסיש־גרויסער רעדנער ניט בלויז ווען ער האָט גערעדט, נאָר אויך ווען ער האָט געשריבן. דער געדאַנק וואָס לאָזט זיך אַרויסטייטשן פון בערנעס קעגנערשאַפט צו דעם אופן שרייבן פונם באַרימטן רוימישן פּאָליטיקער און פילאָזאָף פון מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק, וואָלט געקענט פאָרמולירט ווערן אַן ערך אַזוי, אַז סטיל הייבט זיך אָן אויף אַן אמת ערשט דעמאָלט, ווען עס הערט זיך אויף דאָס רעדן.

רעדן און שרייבן זיינען פּסיכאָלאָגיש צוויי פונדאַמענטאַל פאַר־שיידענע אופנים פון גייסטיקער עבודה. רעדן איז בעצם אַן עקסטענ־סיווע געהירן־ און געמיט־אַרבעט, בעת שרייבן פאַרקערט — אַן אינ־טענסיווע. די קונסט פון רעדן באַשטייט אין באַרעדעוודיקייט. דער קינסטלערישער אויפטו פון שרייבן איז דער היפוך פון באַשרייבעוו־דיקייט — צמצום. ביים רעדן איז די שפּראַך דער אָנטרייבנדיקער, דער פאַרפלייצנדיקער כוח. ביים שרייבן — די קראַפט וואָס האַלט צוריק און האַמעוועט פּסיכיש. אויך די געדאַנקלעך סאַמע צוגעגרייט־סטע רעדע איז וואָס שייך פאָרם, ריטם און טאָן — אַ מאָמענט־אימפּראָ־וויזאַציע, וואָס לעבט צום גרויסן טייל אין איר זכות. און ווייל די שאַפונגס־אינספּיראַציע ווערט ביים רעדנער אָנגעווייעט און מאָדיפי־צירט פון די צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער אויגן, וואָס מאָנען זייער הנאה און זיינען גרייט אָפּצודאַנקען שוין אויפן אָרט מיט דער הויכער הסכמה פון פונקט אַזוי פיל דלאָניעס — דערפאַר איז די רעדע אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער, אָבער תמיד און אַלעמאָל אַן אָפּנייג פונם רעדנערס טיפערן „איך", פון זיין געמיט, פון זיין געדאַנק, פון זיין עסטעטישער באַדערפעניש און פון זיין עטישער כוונה.

די געשריבענע פּראָזע דאַקעגן — זי איז אַ בית־עולם פון פאַרשני־טענע אינספּיראַציעס, המצאות, געשטאַלטן, אימאַזשן, מעטאַפערן און ווערטער. וואָרעם איר דרך איז ניט בלויז שאַפונג, נאָר אויך פער־מאַנענטער קריטישער קאָנטראָל פון דעם געשאַפענעם. איר כוונה איז צו פאַרקערפּערן און צו פאַרלעבעדיקן פאַנטאַזיע־שאַטנס, אָבער טאַקע צוליב דעם מוז זי עלימינירן, אַרויסשטויסן און פאַרטרייבן אין

דער יידישער פּראָזע-סטיל

מלכות פון שאָטנס אויף צייטווײַליק אָדער אויף תמיד אַזויפיל "לעבע־דיקס", "צאַפּלדיקס" און "שיינס", וואָס שטופּט זיך אין איין געדרענג צו דער שוועל פון רעאַליזירונג.

די געשריבענע שפּראַך איז דאָס לשון פונם עקזאַקטן רעיון, פון דער עכטער עמאָציע און פונם סאַמע אייגנסטן זעלישן ריטם און טאָן. איך האָב מיך אויסגעדריקט צו קאַטעגאָריש און האָב דערזען דעם לעזער אַ שמייכל טאָן. בעסער איך טאָקע באַלד אויס דעם געדאַנק. די שריפט־שפּראַך — ניט זי איז דער אויסבונד פון אַלע פריער אויסגע־רעכנטע מעלות, נאָר זי קען, זי איז בכוח דאָס צו זיין.

און עס איז ניט דערפאַר, ווייל ביים שרייבן פאַרלירט מען כלומרשט די נאַטירלעכקייט, נאָר פאַרקערט, ווייל דעמאָלט, ווי געזאָגט, ווערט דער מענטש ערשט דער סאַמע נאַטירלעכסטער "ער אַליין". עס פאַרווישט זיך אין אים זעליש דער "זאָאָן פּאָליטיקאָן", וואָס האָט אין זינען אין זיין שפּראַך דעם איינדרוק אויף זיינע געזעלשאַפטלעכע מיט־באַשעפענישן און עס קומט אויף צוריק דער איינזאַמער, עגאָצענטרי־שער יחיד, וואָס דאַגהט נאָר וועגן אויסדרוק פון זיך אַליין. און אויס־דריקן זיך אַליין קען ניט הייסן נאָר אַרויסזאָגן און באַגרינדן אייגענע מיינונגען, נאָר פאַר אַלעמען אויך אַרויסברענגען די אייגענע נשמהדיקע נויטווענדיקייט פון אַזאַ מיינונג. קאָנקרעטער און בדרך משל: ניט נאָר דערווייזן די עקזיסטענץ פון גאָט, נאָר דערעיקרשט געשטאַלטיקן די אייגענע ליידנשאַפטלעכע באַדערפעניש נאָך גאָטס דאַאיקייט.

און דאָ מעגן מיר זיך אומקערן צום בערנעשן ציטאַט, וועלכן איך האָב אַוועקגעשטעלט ביים סאַמע אָנהויב פון מיינע באַטיצן, ווייל איצט וועט אונדז קענען קלאָרער ווערן בערנעס טעזיס, אַז סטיל איז אַ רעזולטאַט פון כאַראַקטער און מער פון זיטלעכן איידער פון פילאָזאָ־פישן לעבנס־באַנעם.

אויך די שפּראַך פון ווייסנשאַפטלעכער אַרגומענטאַציע שיידט זיך קאַטעגאָריש אָפּ פונם גערעדטן לשון. זי איז געשריבענע פּראָזע דער־מיט, וואָס זי דינט דעם אויסדרוק פונם געדאַכטן, דעם עקזאַקטן אַרויס־ברענג פון באַגריפלעכקייט, וואָס קען דערגרייכט ווערן נאָר אין אַ קאָנ־צענטרירטן איבערשמועס מיט דער אייגענער מחשבה. אָבער אָט־די ווייסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע פּראָזע קען ניט אידענטיפיצירט

דער יידישער פּראָזע־סטיל

ווערן מיט סטיל אַזוי לאַנג זי איז נאָר דער אויסדרוק פון איין זעלישער פאַקולטעט און ניט פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פּסיכישע און גייסטיקע עלעמענטן, וועלכע שטעלן צונויף די פולקייט פונם שרייבערס פּערזענלעכקייט. פּשוטער: דער אידעאַלער סטיל וועט זיין דער לעבעדיקער סינטעז און די האַרמאָנישע פּראָפּאָרץ פון דאַכטונג און פאַנטאַזיע, פון וויזיאָנערישקייט (זען מיט אינערלעכן אויג) און אַודיטיוקייט (הערן מיטן אינערלעכן אויער), פון באַוועגלעכקייט און קאָנטעמפּלאַטיווקייט, פון אַבסטראַקציע און חושימדיקייט, מיט איין וואָרט — פון שרייבערס גאַנצער און קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט.

אָבער ווען איבער באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר וועט זיך דורכטראָגן פאַר אונז אַ בעסער אָדער ערגער געפּלאַסטערטער שאָסיי פון ווערטער און זאַצן אָן אַ לאַנדשאַפט ביי די זייטן, וואָס נאָך איר זאָלן מיר דעם שליאַך קענען אידענטיפיצירן און אַ נאָמען געבן — דעמאָלט וואָלט בלי שום ספק געווען אומפּאַסיק אָנצואווענדן בכלל דעם באַגריף סטיל. דעמאָלט וועט גענוג זיין, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ שרייבער מיט אַ גלאַטיקער און פליסיקער שפּראַך. נאָר דאָס און ניט מער. וואָרעם סטיל — סטיל קען ניט אויסקומען מיט איין גייסטיקער אָדער זעלישער דימענסיע. ער איז בעצם מער־דימענסיש. ער איז דער סכום פונם שרייבערס איינגעבוירענער און ירושהדיקער נשמה־לאַנדשאַפט פּלוס זיין אַנטוויקלטן קינסטלערישן בליק אויף דער וועלט און פּלוס זיין אייגענער פאַרהאָרעוועטער און דערוואָרבענער טעכניק פון וואָרט־געצייג.

עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז זשאָרזש לואי בופאָנס באַרימטע און דורך אַנדערטהאַלב יאָרהונדערטער אַזוי האָפערדיק אַרומגעטראָגענע און ביטער באַנאַליזירטע מימרא, אַז Le style c'est l'homme (דער סטיל איז דער מענטש) זאָל צוליב אַלטקייט און אומפּאַסיקייט איבערגעניצעוועט ווערן. מיטן אויבערשטאָף (מענטש) צוריק פון אויוון און מיטן אונטערשלאַק (סטיל) צוריק אויף זיין בכבודיקן אָרט פון אונטן וואָלט זיך באַקומען אַ נייער זאָג, וואָס וואָלט מן הסתם ניט אַזוי געבלישטשעט מיט אויפטועכץ און פּאַראַדאָקסאַלישקייט, וואָלט אָבער דערפאַר בלי שום ספק געווען נענטער, אַ סך נענטער צום סאַמאָראָדנעם אמת, אַז — סטיל קען ניט באַצייכענען קיין מענטש, ווייל סתם

דער יידישער פּראָזע־סטיל

מענטש איז בעצם סטיללאָזיקייט. דער בכלל־מענטש איז שפּראַכלעך ניט נאָר ניט קיין באַשאַפער פון סטיל, נאָר אַפילו ניט זיין בעל־הנאה (אוזופּרוקטואר). דער בירגער (פאָלקסמענטש און אינטעליגענט) דעקט זיין פולן באַדאַרף פון געשריבענער שפּראַך ביי די רעגיאָנאַלע און צומאָל אויך ביי די נאַציאָנאַלע נוסחאות. דער זשורנאַליסט העלפט זיך מייסטנס אַרויס דערמיט, וואָס ניט ער שרייבט, נאָר ער רעדט שרייבנדיק, און אויב טאַקע שרייבן, טוט ער געוויינטלעך דאָס, וואָס עס טוען אַלע אַנדערע סתם־שרייבער. ער לעבט, ווי זיי, פון גמילות־חסדים ביי אַ סטיל, וואָס פאָסמאַקעוועט אים און מאַכט צוואַנג־הלוואות ביים ליטעראַרישן נוסח.

סטיל גופא ווערט געבוירן נאָר דאָרט און נאָר דעמאָלט, ווען הינטער אים שטייט אַ שעפערישע שרייבערישע פּערזענלעכקייט.

2

טרויעריק, פיינלעך טרויעריק האָט געמוזט אויסזען יענער יידישער מענטש מיט דורות צוריק, וואָס האָט זיך אין איינעם אַ טאָג גענומען שרייבן אַ בריוו אויף יידיש און איז געבליבן שטיין פאַרן בייגעלע פּאַפּיר אַ זעליש אויסגעטוענער, אַ שטום־אומבאַהאָלפענער — אָן לשון. זיין צער האָט געלינדערט דער אַנאָנימער קינסטלער פונעם בריוונשטעלער, פונעם נאָך ניט געדרוקטן בריוונשטעלער, וואָס האָט פאַר אים צונויפגעמייסטרעוועט אויף גיך עטלעכע פּראַזעס אויף פּאַפּיר — דעם אָנהייב פון אַ געשריבענעם נוסח. ווי דאַנקבאַר, ווי טיף דאַנקבאַר האָט געמוזט זיין דער טראַגיש־איבערראַשטער מענטש פאַר די פייגנבלעטער אויף צו פאַרדעקן זיין נאַקעטקייט, זיין שרייבערישע פאַרשעמטקייט?!

די ערשטע, די עלטערע פּראַזעס, ווי למשל, „טײַלע דיר מיט, אַז כ׳בין ב״ה געזונט, געבע גאָט פון דיר דאָס זעלבע צו פאַרנעמען״, זיינען טאַקע געווען ניט מער ווי „פייגנבלעטער״, וואָס האָבן מיט זייער פּאַפּירנקייט געפּרואווט ניט מער ווי צו פאַרשאָטענען די פאַרשידנאַרטיקייט פון איבערלעבענישן ביים בריוושרייבער. יענע געשריבענע זאַצן האָבן כלל ניט פאַרטשעפּעט און אַוודאי ניט געפּרואווט אַרויסברענגען

דער יידישער פּראָזע־סטיל

פּריוואַטע געפילן פונעם יחיד אָדער צו באַשרייבן אַ ספּעציפישן זעלישן צושטאַנד.

ס'האָט גענומען אַ היפּש שטיקל צייט ביז דער בריוונשטעלער האָט, אַנשטאָט צו סטריגעווען פייגנבלעטער, אָנגעהויבן צו נייען נוסח־בגדים, וועלכע מען זאָל קענען אָנטאָן אויף אַלע מעגלעכע געפילן פון אַ שרייבנדיקן מענטש. ווי שפּראַך־שטאָף האָבן דעם בריוונשטעלער געדינט אַחוץ גערעדטע אידיאָמען, אין וועלכע עס לאָזט זיך אַריינבלאָזן דער אָטעם פון געשריבנקייט אָדער, ריכטיקער געזאָגט, פון וועלכער עס לאָזט זיך אַרויסבלאָזן דער דעך פון גערעדטקייט, דערעיקרשט אויך פּסוקים פון דער ביבל און בכלל פון אַלטע ספרים. די קליידער, וועלכע האָבן זיך באַקומען פון דער מאַטעריע און פון דעם געניי, זיינען מייסטנס געווען צוגערעכט פאַר דער גרעסטער מאָס פון די מענטשלעכע געפילן, פאַר מאָנומענטאַלע סענטימענטן, פאַר איבערלעבענישן, אַזוי צו זאָגן, אין דער גאַנצער לעבנסגרויס.

ווען אַנטשל בעל־קוראַס און זיין ווייב שרה רבקהס בכור פון שלום אַשס ראָמאַן „די מוטער" שרייבט דעם ערשטן בריוו פון אַמעריקע צו זיינע טאַטע־מאַמע, טוט ער אָן אויף זיינע איבערלעבענישן אַט אַזעל־כע ברייטע פלודערן פון אימאַזש:

„איך האָב צו אייך ניט געשריבן, ווייל איך האָב ניט גע־האָט וואָס צו שרייבן. איך האָב פילעס דורכגעמאַכט אין אַמע־ריקע. ווען אַלע ימים וואָלטן טינט געווען און אַלע וועלדער פעדערן און אַלע הימלען פּאַפּיר, וואָלט איך אייך ניט געקענט אַלעס אַרויסשרייבן, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין אַמע־ריקע..."

און דעם בעל־קוראַס זון שלמה חיים איז אין אַמעריקע חלילה ניט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ווילדע אינדיאַנער, ס'האָט אים ניט אַרומגעטראָגן דער אַשמדאַי איבער ימים און מדבריות און דער טויט האָט ניט געלויערט אויף זיין יוגנט. ס'האָט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן די באַנאַלסטע פּאַסירונגען פון די ערשטע עמיגראַנטישע וואָכן. מיר דערוויסן זיך דאָס פון אַשן אַליין, וועלכער קאָמענטירט קריטיש דעם שרייבערישן פּאַרמעסט פון זיין העלד.

דער יידישער פּראָזע־סטיל

„פון דעם אָנהייב פון בריוו — שרייבט אַש — מיט די אַלע ימים טינט און אַלע וועלדער פעדערן וואָלט מען געקענט מיינען ווער וויים וואָס דער יונג איז דורכגעגאַנגען. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז איין וואָך האָט ער געגעכטיקט ביי איין לאַנדסמאַן, און אַ צווייטע וואָך האָט ער גענעכטיקט ביי אַ צווייטן לאַנדסמאַן, און אַ דריטער לאַנדסמאַן האָט אים געפירט אין שאָפּ אַריין צו לעדער־סחורה אַרבעטן. היינט וואוינט ער ביי אַ פערטן לאַנדס־מאַן, וועלכן ער צאָלט אַ דאָלער אַ וואָך פאַר אַ „שטיקל בעט" בלויז אויף ביינאַכט.

דאָס וואָס איך פאַרצייכן דאָ וועגן דעם בריוו פון אַשס ראָמאַן־געשטאַלט שלמה חיים איז ניט נאָר חל אויפן נוסח פון אַ בריוונשטע־לער, נאָר אויך אויפן פּרימיטיוון ליטעראַרישן נוסח בכלל. וואָרעם ניט וועגן דעם גייט עס, וואָס דער קאַמאַשניק געברויכט אין זיין באַ־שרייבונג אַ פאַרטיקע און הויכע מליצה פון „אַקדמות", נאָר וואָס דורך אַט־דער מליצה קומט צום אויסדרוק זיין באַדערפעניש צו סינטעטי־זירן זיינע איבערלעבענישן אין אַ ווירקלעכקייטס־ווייטער און דיספּראָ־פּאָרציאָנירט גרויסער ליטעראַרישער כלי. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז פון שלמה חיימס ליטעראַרישער פאָרם האָט אַרויסגערעדט אַ טונ־קעלער קינסטלערישער אינסטינקט צו געשטאַלטיקן די איבערלע־בענישן אַזוי, אַז די דעטאַלן זאָלן זיך ערגעצוואו פאַרלירן און זאָלן ניט קענען מינערן מיט זייער וואָרהייט די גראַנדיעזקייט און דעם צווי־בער פון געשריבנקייט. דער „אַקדמות"־אימאַזש, וועלכן ער נוצט, איז אויסן ניט נאָר צו פאַרשטעלן די פרטים, נאָר מיט זיין באַדינגטקייט בכלל אויסצומיידן אַ דירעקטן צורירן זיך צו דער ליטעראַרישער טע־מאַטיק. ווען די הימלען זאָלן זיין פּאַפּיר, וואָלט מען געקענט באַשרייבן די פּאַסירונגען, אָבער אַזוי ווי זיי זיינען עס דערוויל נאָך ניט, לאָמיר זיך — הייסט עס — אָפּלאָזן פון דעם געשעעניש־שטאָף. דער עיקר איז די סוגעסטיע, די אַנסאַמבל־שטימונג, וואָס באַקומט זיך פון דער געשריבענער פאָרמולע.

וואָלט אַנטשל בעל־קוראַס בכור דאָס זעלבע, וואָס ער האָט גע־שריבן, געדאַרפט דערציילן פאַר טאַטע־מאַמע, וואָלט ער זיכער געוועזן אָנגעהויבן ניט פונעם סינטעז, נאָר פון די דעטאַלן, ניט פון דער קאָנ־

סטרוקציע, נאָר פונעם אַנאַליז. די קאָנווע פון רייד האָט ניט קיין ראַנדן. שטאָף לייגט זיך אויס נאָכאַנאַנד און דאָס שפּעטערע וואָרט האָט דעם כוח צו פאַרדעקן און צו פאַרטיליקן דאָס פריערדיקע. ערשט אויף דער באַגרענעצטקייט פון פּאַפּיר ווערט געבוירן די פאָרם־פראַגע, די פּראָבלעם פונעם עסטעטישן ציל. וואָרעם עס האַנדלט זיך דאָך וועגן דעם, ווי אַזוי אויסצונוצן דעם שטח און אַלץ צו זאָגן. די פּרימיטיווע פּראָזע האָט פאַרענטפערט, אַזוי צו זאָגן, די צמצום־פראַגע דערמיט, וואָס זי האָט אויסגעלאָזט דעם שטאָף און אָפּגעגעבן ס׳גאַנצע פּלאַץ צו דער פאָרם. און די פאָרם האָט געמוזט זיין אַ פּאַרטיקע, אַן אויסגע־ליגענע ניט נאָר ווייל עס האָט די ראשונים פונעם ייִנגסטן און שווערסטן ליטעראַטור־זשאַנער: פּראָזע, געמאַנגלט אין שעפערישן כוח און אין טעכנישער רוטין, נאָר אויך צוליב דער הערשנדיקער קונסט־שטימונג, אַז פאָרם איז דער עיקר און אַז זי מוז שטיין וואָס ווייטער פונעם שטאָף, ווייל עס דראָט איר פון זיין זייט מינערונג און פּראָפאַ־נאַציע. און איבעראַל און אַלעמאָל ווען די עסטעטיק פאַרנעמט דעם געביטערישן אויבנאָן, ווערט די ליטעראַטור פאַרוואַנדלט אין אַ גאַט־לאָזן שפּיל און די פאָרם זינקט אַראָפּ צו אָרנאַמענטיק — צו מליצה. און מליצה קאָן קיינמאָל ניט זיין סטיל, נאָר העכסטנס נוסח, ווייל סטיל איז ניט קאָנווענציאָנעל־קאָלעקטיוו, נאָר העכסט־פּערזענלעכער נשמה־אויסדרוק.

פאָרמאַליסטן זיינען ניט נאָר געווען די העברעאישע בת־השמימני־קעס אונזערע פון דער השכלה־צייט, נאָר אויך, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, דער זיידע שמ״ר און זיין ליטעראַרישע שול פון פּראָזע־שונדיסטן אויף יידיש. אויך פאַר שמ״רן איז די פאָרם געווען אַ הימ־לישע פּרינצעסין, וואָס טאָר ניט פאַראומווערדיקט ווערן פון דער שטאָף־מיאוסקייט. נאָר וואָדען? ער האָט געהאַט זיין אייגענעם דרך ווי אַזוי דאָס צו פאַרהיטן. ער האָט זיך אויסגעטראַכט און אויסגעליגן פּרינץ־געשטאַלטן, כדי דער שידוך צווישן חומר און צורה זאָל חלילה ניט מוזן זיין אַ מאַרגאַנאַטישער.

און שמ״ר — דאָס איז אייגנטלעך געווען דער קאָנסעקווענטסטער פאָרמאַליזם. ניט נאָר גרויסע קאָנווענציאָנעלע סיטועזן, אין וועלכע עס זאָלן זיך ווי אין ווייטע הימלען אויסבאַהאַלטן די אַנאַליטישע דעטאַלן

דער יידישער פּראָזע־סטיל

פון די אייגענע איבערלעבענישן, נאָר צו דער קאָנווענציאָנעלער, אויס־געליגענער פאָרם — נאָך אַ פרעמדע טעמאַטיק אויף באָרג.

און סטיל — סטיל גרענעצט זיך ניט נאָר אָפּ פון פאָרם־קאָנווענציאָנעלישקייט, נאָר ער קען אויך אַרויסוואַקסן בלויז פון אייגענער טעמאַטיק. אויב כאַראַקטער ביי אַ שרייבער איז אידענטיש מיט דורכ־געלעבטער שטרעבונג צו אייגענעם אמת, דאַן איז זיין סטיל דאָס גע־צייג, מיט וועלכן די וואָרהייט־שטרעבונג אָקערט אַנאַליטיש אויף די אייגענע טעמאַטיק און סינטעטיזירט זי צו אַ ליטעראַריש־קינסטלערי־שער קאָנסטרוקציע. מיר מוזן בכן אַלץ מער און מער מסכים זיין מיט בערנען. די פּראָפּאָרציע אין דער געשטאַלטונג, די מאָס און וואָג פון די איבערלעבענישן און ווערטער, די פאַרב און דער ריטם פון די ווערטער — אַלץ וועט שטיין אונטערן קאָנטראָל פון דער אייגענער וואָרהייט־שטרעבונג, אונטער דער מאָראַלישער אַפּטרופּסות פון כאַ־ראַקטער. און דער סטיל וועט ניט לאָזן פעלשן ניט אין דעטאַל און ניט אין דעם סינטעטישן סך־הכל, ער וועט „האַלטן אַן אויג" אויף די ווערטער, אויף די זאַצן און יעדע קלענסטע פאַרקרימונג קאָרעגירן.

אַן אינטערעסאַנטער ביישפּיל פון סטיליסטישער זעלבסט־קאָרע־גירונג איז מיר אונטערגעקומען לייענדיק ל. שאַפּיראָס דערציילונג „ממה נפשך". אויפן ערשטע בליק קען זיך אויסדאַכטן, אַז די אויטאָ־קאָרעקציע איז בלויז קאָקעטעריי, בלויז חנדל און מאַניער. אָבער האָט מען זיך אַריינגעלייענט אין שאַפּיראָן און מען ווייס, אַז ער איז אַ שריי־בער מיט כאַראַקטער און סטיל, און אַז ער האָט על־פּי כאַראַקטער די נייגונג איבערצולאָדן אַן עפּיטעט, געדיכטער צו מאַכן אַ פאַרב און גראָ־טעסק צו פאַררוקן אַ שטריך ביי זיינע געשטאַלטן, וועט דאָס „אַליין פאַר־בעסערן זיך" אין משך פון דער שילדערונג זיין אין הסכם מיטן קאָנטראָל, וועלכן ס׳איבט סטיליסטיש אויס זיין קינסטלערישע וואָרהייט־שטרע־בונג. שאַפּיראָ הייבט אָן די דערציילונג מיט אַ קורצער באַשרייבונג פון זיין העלד ליפּעס מוטער — די רביצין.

„די רביצין — שטעלט ער אַוועק אַ סינטעטישן זאַץ — איז געוועזן זייער אַ נאַרישע יידענע."

דער יידישער פּראָזע־סטיל

און דערנאָך קומט איבער אַ צענדליק שורות פון דעטאַל־אַנאַליז, פון מאָראַלישן הינטערגרונט און פון פיזישן אויסזע. זיי לייענען זיך אַזוי:

„דעם רבס שכירות, מיטן רח״ש צוזאַמען, זיינען געווען אַזוי קליין, אַז אַלע אירע יאָרן האָט זי געהאַלטן אין איין שטיקע־ווען דעם סוף פון דער וואָך צום אָנהייב פון דער נעקסטער. עס האָט זיך ניט געשטיקעוועט, און פירן די רבנישע בעל־הבתישקייט איז געווען אַזוי שווער ווי צו פירן אַ מלוכה. פונדעסטוועגן איז ביי דער רביצין געוואַקסן אַ גוידער און איר פּנים איז געווען גלאַט און גערויטלט ווי ביי אַ מיידעלע. זי איז געווען לאַנג און דין, אָבער ווייט פון מאָגער. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַ ביסל פאָרויס און געבויגן, ווי אַ הון, וואָס זוכט קערנדלעך. געהאַט צוויי בלויע, אינגאַנצן אומשולדיקע, מיידלשע אייגעלעך, אַ ביסל קורצזיכטיקע, און פון אונטן פּאַרוואָרפענעם וויס־זיידענעם טיכל האָבן אַרויסגעקוקט צוויי קליינע אויערלעך ווי רויזנבלעטלעך, מיט אַלט־פרענקיש געפּאַסטע בריליאַנטן אין זיי — אַ ירושה פון דורות.״

קען מען נאָך אָט־די עטלעכע פּאָרטרעט־דעטאַלן נאָך בלייבן ביי דער ערשטער אימפּרעסיע, אַז די רביצין איז געווען „זייער אַ נאַרישע יידענע״? איז „זייער נאַריש״ ניט איבערגעטריבן פאַר אַ פרוי, וועלכע האָט געמייסטרעוועט די רבנישע בעל־הבתישקייט, וואָס איז געווען אַזוי שווער צו פירן ווי אַ מלוכה? און איז דאָ למען אייגענער וואָרהייט־שטרעבונג ניט נייטיק נאָך אַן אַנדערער סך־הכּלדיקער אַדיעקטיוו? איז דאָ ניט געבאָטן אַ סינטעטיש וואָרט אויף פאַרן גלאַטן פּנים, וואָס האָט זיך גערויטלט ווי ביי אַ מיידעלע, און פאַר די בלויע, אומשולדיקע אויגן און פאַר די אויערלעך ווי רויזנבלעטלעך?

קומט טאַקע די סטיליסטישע זעלבסט־אויסבעסערונג און שטעלט אַוועק קודם־כּל און אין סאַמע פראָנט אַ נייעם שם־התואר: „שיין״. און וואָס שייך דעם אַדיעקטיוו „זייער נאַריש״, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער היץ פון ערשטן איינדרוק און פון איבערגעאײַלטער מאָראַלישער קוואַליפיקאַציע — ווערט ער שטרענג אַרומגעפוצט פון

דער יידישער פּראָזע־סטיל

גוזמא. די קאַרעגירטע אונטערשטע שורה פונעם בילד זעט איצט אויס אַזוי: „די רביצין איז געווען אַ שיינע און אַ נאַרישע יידענע".

אַוודאי איז דאָס אַ ספּעציעלע אייגנטימלעכקייט פון שאַפּיראָס סטיל. ער האָט ליב אַוועקצושטעלן ביים אָנהייב אַ סינטעטישע כאַראַקטעריסטיק פון אַ געשטאַלט און זי דערנאָך אַנאַליטיש צו באַארבעטן און זי סטיליסטיש אויסצובעסערן. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. איך בין אויסן אַרויסצוברענגען ווי אַזוי דער אַנאַליז פון די אייגענע אימפּרעסיעס האָט אין דעם שאַפּיראָש'ן טעקסט באַהיט די ווערטער פון איבערגעטריבנקייט און... פאַרוואַנדלט דעם גערעדטן רכילות־פּסוק וועגן דער רביצין אין אַ געשריבענעם זאַץ פון קינסטלערישער פּראָזע.

און געבראַכט האָב איך דעם ביישפּיל דערפאַר, ווייל אין אים שוועבט ערגעצוואו אַרום די עיקר־פּראָבלעם פון דער יידישער פּראָזע־שפּראַך ווי זי האָט זיך באַוויזן צום זיידע מענדעלע. די פּראָבלעם איז געווען: פּטור ווערן פון גערעדטקייט וואָס איז אידענטיש מיט גוזמא; ניט פאַרלירן דעם שטאָף אונטער גרויסע פאַלעס פון פּאַרטיקע סינטעזעס; געדולד, אויסדויער און אָטעם ביים באַשרייבן דעם פּרט; שרייבן, באַשאַפן און פאַרמולירן ניט אין אַ לשון פון ערשטער אימפּרעסיע און פון הייס־געבאַקענער עמאָציע, נאָר מיט באַגריפן און בילדער, וואָס זיינען אָפּגעקילט, אָביעקטיוויזירט און צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער איבערלעבעניש, צו דער פאַסירונג און צו דער געשטאַלט אין קלוגן באַראָט פון חושים און געדאַנק.

3

אמר ר' מענדעלע:

„און היות דאָס רעדן מיטן מויל אַרבעט אויס ווי אַ קינסט־לער אַ מאָלער, די געדאַנקען פונעם גייסט אין זייער קערפּערלע־כער געשטאַלט, דערייבער דאַרף עס אויך האָבן מיטל דערצו, וואָס זאָלן אים שטיין צו הילף, די אַרבעט זאָל זיין ריכטיק, מייס־טעריש גוט. און אַזאַ מיטל איז דאָס שרייבן, אָדער די שריפט־לעכע שפּראַך. דער שרייבער איז מער מקפּיד אויף זיין שפּראַך ווי דער וואָס רעדט. ער זוכט, קלייבט צו די פּאַסנ־

דער יידישער פּראָזע־סטיל

דיקע ווערטער, זעצט זיי ווי פּערל איינס צום אַנדערן מיט ישוב־הדעת, מיט דער כוונה, אַז דער גייסט און די צורה זאָלן ווי די נשמה מיטן גוף פּאַסן איינער צום אַנדערן, ניט מער — ניט ווייניקער וויפל מען באַדאַרף.״

(הקדמה צו „שלמה ר׳ חיימס״)

און מענדעלעס גרויסער, אומשטערבלעכער אויפטו פאַר דער מאָדערנער יידיש־פּראָזע איז טאַקע געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך דער ערשטער (אויב די ליטעראַטור־אַרכעאָלאָגיע וועט אויסגעפינען אַ פריערדיקן ערשטן, וועט מענדעלע אַלץ בלייבן דער ערשטער, ווייל דער ערשטער מיט דערפאָלג) גענומען באַשרייבן דאָס יידישע לעבן. באַשרייבן און ניט באַרעדן. און ווען איך זאָג באַרעדן, בין איך ניט אויסן קיין מוסרדיק שטעכווערטל אויפן חשבון פון די פאַרמענדעלישע רעאַליסטן. איך מיין נאָר, אַז זיי האָבן ניט געזוכט און ניט געקליבן די פּאַסנדיקע ווערטער און האָבן ניט אין זינען געהאַט, אַז „דער גייסט און די צורה זאָלן ווי די נשמה מיטן גוף פּאַסן איינער צום אַנדערן״. דאָס וואָס דאָס יידישע לעבן איז למשל ביי יצחק יואל לינעצקי אַרויסגעקומען אַזוי גראָטעסק, פאַרקרומט און אַזוי גוזמאדיק פאַרגעדיכטעוועט, איז ניט בלויז ווייל דער באַשאַפער פון „דאָס פּוילישע יינגל״ האָט געהאַט אַן איבערגעטריבן פיינטלעכע איינשטעלונג צו דעם דאָזיקן לעבן, נאָר אויך און דעריקרשט דערפאַר, ווייל ער האָט עס געפּרואווט געשטאַלטן אין פאַרטיקע און אין ליאַרעמדיק־גוזמאדיקע פאָרמולעס פונעם גערעדטן לשון.

צוליב די פאַרטיקע זאָגעכצער און פאַרגלייכן האָבן די פיר קנייטשן אין שטערן ביים גמרא־מלמד ר׳ אַברהמל חיריק געמוזט מאַכן פון אים ממש אַ פאַרזעעניש. די קנייטשן זיינען געווען אַזוי טיף — דערציילט אונז לינעצקי, — אַז „אין איטלעכן באַזונדער וואָלט מען געקאָנט לייכט באַהאַלטן אַ בינטל ציצית״. (ז׳ 58) און צוליב דער זעלבער סיבה האָט דער פרעגער אין חדר געמוזט זיין עפּעס אַ מאָנסטרום פון כוח און פון סאַדיסטישן עקשנות, ווייל דער מחבר האָט געוואָלט, אַז ער זאָל האָבן אַזוי געקוועטשט דאָס יינגל ביי דער באָרד און אַזוי געהאַלטן אים אין איין פאַררייסן די מאָרדע, „ביז איך האָב באַקומען עד־היום אַ קנאָפּ אין גאָרגל ווי אַ גענזן איי די גרויס״ (ז׳ 35, ציטירט

דער יידישער פּראָזע־סטיל

ביידע מאָל לויט „די צווייטע פאַלקאָמען איבערגעאַרבעטע אויסגאַבע", ווילנע תרנ"ז, איבערגעדרוקט מיט אַן אַריינפיר פון מ. זילבורג אין פאַרלאַג „קוואַל", ווין 1921).

איז געקומען מענדעלע מיט דערזעלבער טעמאַטיק און מיט דער־זעלבער אָדער כמעט דערזעלבער פיינטלעכער באַציאונג צו די גע־שטאַלטן פון זיין יוגנט, אָבער מיט גאָר אַן אַנדערער, מיט אַ נייער שפּראַך אויף זיי צו באַשרייבן און די געשילדערטע פאַרשווינען, זאָכן און געשעענישן האָבן זיך איינגעשרומפּן ביז צו די נאָרמאַלע גרענעצן פון רעאַלקייט, פון אַ ביטערער אָבער רעאַליסטישער ווירקלעכקייט.

די גאָר אַנדערשקייט פון שפּראַך איז קודם־כל באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט געזוכט ווערטער אויף ריכטיק אָפּצופאָטאָגראַפירן דאָס געזעענע. ס'האָט מענדעלע אין ערשטער ריי דערצו פאַרהאָלפן דאָס, וואָס על־פּי טבע פון זיין ספּעציפישן קינסטלער־טאַלאַנט איז ער געווען מער זעעוודיק ווי הערעוודיק. די פאַרמינערטקייט פון זיין אינער־לעכן חוש־השמיעה האָט מענדעלען באַהיט פון צו דערהערן און פון אויפצונעמען אין זיין שפּראַך דעם רעש און דעם ליאַרם פון גערעדט־קייט. דאָס איז מעגלעך און וואַרשיינלעך. אָבער זיכער איז, אַז די באַזונדערע פאַרשאַרפטקייט פון זיין אָפּטישן זין האָט געפירט דערצו, אַז ער זאָל זיך דורכויס ניט פאַרלאָזן אויף די „געזאָגט־ער" און „געהערט־ער"־גוזמאות, וואָס האָבן זיך אַנגעקליבן אין די ווערטער פון גערעדטן לשון, און אַז ער זאָל ביים אָפּקלייב און ביי דער צופּאַסונג פון וואָרט געטרויען בלויז דער פּאָזיטיווער דערפאַרונג פון זיין אויג. די מאָס און וואָג פון מענדעלעס שפּראַך איז געלעגן אין זיין אויג און... (ווי ער דערציילט אונדז אַליין) אין זיין ישוב־הדעת. דער סאַמע אויבערשטער קאָנטראָלאָר איז געווען דער ישוב־הדעת. ער איז געווען דער שופט־עליון, וואָס האָט געמשפּט, צי פאַרדינט טאַקע די זעאונג פונעם חושימ־דיקן אויג אַזאַ ברייט, אַזאַ טיף, אַזאַ שאַרפקאַנטיק וואָרט, ווי זי פּרע־טענדירט.

לינעצקי האָט „געזען" אַזעלכע קנייטשן אויפן שטערן פון אַברהמל חיריק, וואָס אין איטלעכן פון זיי וואָלט מען געקענט באַהאַלטן אַ בינטל ציצית. מענדעלע האָט אַזוינס ניט געקענט זען, ווייל ער האָט טאַקע אויף אַן אמת געקוקט. און ווען דעם אויג זאָל זיך געווען פאַר־

דער יידישער פּראָזע־סטיל

גלוסטן צו פאָלגן די עצה פונעם יצר־הרע און דווקא זען „גרינטלעך" און „עקסטרעם", וואָלט דער ישוב־הדעת אָקעגנגעשטעלט זיין וועטאָ און נאָך אַ לאַנגער שקלא וטריא, אויב ער וואָלט באַוויליקט דאָס שפּראַך־בילד פון איין אָרעמען, דינעם ציצית־פאָדעם, וואָלט דאָס זיכער געווען אַ סך.

געשטיצט אויף אָט־די צוויי עיקר־עלעמענטן פון זיין טאַלאַנט: אויג און ישוב־הדעת, האָט מענדעלע אונטערגענומען די גרעסטע אונ־טערנעמונג אין דער געשיכטע פון עטלעכע הונדערט יאָר יידיש־שאַפונג, דהיינו צו באַשרייבן מיט וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט און גענויאיקייט יידישע מענטשן און יידישע זאַכן. ער האָט דערמיט ניט באַשאַפן קיין אייגענעם פּערזענלעכן סטיל, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז פונעם שטאַנדפּונקט פון אונזער שפּראַך־בעל־הביתישקייט אַ סך מער דערפון — אַ נוסח פון אַ געשריבענעם לשון, מיט וועלכן יעדער איינער קען זיך און דאַרף זיך באַנוצן אויף אַרויסצוברענגען וואָס ער זעט און וואָס ער טראַכט. מיטן כוח פון ווערטער, שפּראַך־בילדער און שפּראַך־ווענדונגען, וועלכע ער האָט מיט גרויס עקלעקטישער גע־ניטשאַפט געשעפּט פון אַלע יידיש־דיאַלעקטן און דערעיקרשט פונעם ליטווישן און פונעם אוקראַיניש־וואָלינישן און מיט דער הילף פון שפּראַך־סימבאָלן, וועלכע ער האָט אַליין צוגעטראַכט, צונויפקאָמבי־נירט און צונויפגעמייסטערט, האָט ער אויסגעברייטערט דעם באַגריף־שטח פון יידיש און אויסגעצויגן איר דערציילונגס־ און באַשרייבונגס־אָטעם.

ער האָט אויסגעצויגן און פאַרלענגערט, זאָג איך, דעם אָטעם פון יידיש, ווייל ער האָט מיט חידושלעכער עקשנות און ווירטואָזיטעט דורכגעלייגט וועגן פון גלאַטע און קלאָרע זאַצן אויך דאָרט, וואו פריער זיינען געוואַקסן בלויז די ווילדע געוויקסן פון שטאַמלערישע ע־בע־מע־אַנאַמאַטאָפּייעס און פון שטום־פאַרצווייפלטע העוויות און מענאַריעס אָנשטאָט ווערטער.

ער האָט זיך ניט גערעכנט, מענדעלע, מיט זיין אייגענער פּאָעטי־שער סענסיביליטעט, נאָר אין זינען געהאַט ביי זיין באַשרייבונג די געוויינטלעכע חושימדיקייט פון אַלע מענדעלעך; ער האָט ניט געטראַכט צו זיין אייגענער פאַרשפּיצטער געדאַנקלעכקייט, נאָר גענומען ווי אַ

דער יידישער פּראָזע־סטיל

מאָס דעם אַלגעמיינעם שכל־הישר פון אַ יידישן דערציילער און באַ־שרייבער. פאַר זיי האָט ער דאָס געשאַפן דעם שפּראַך־נוסח, זיי געוואָלט לערנען ווי אַזוי אַרויסצוברענגען געדאַנקען און בילדער.

איז ווי אַזוי דאַרפן זיי דאָס אַרויסברענגען? דער דירעקטיוו צו דער וועלט פון יידישע פען־האַלטערס, וואָס גייט אויף פון מענדעלעס נוסח וואָלט געקענט פאָרמולירט ווערן אומגעפער אַזוי: שרייב בלויז דאָס וואָס דו האָסט געזען, האָב צייט און געדולד, קלויב זאָרגעוודיק אימפּרעסיעס האָט אין דעם שאַפּיראָ'שן טעקסט באַהיט די ווערטער זאַכלעכקייט און קלאָרקייט. דאָס וואָרט דאַרף דינען דעם באַגריף און דער זאַך און ניט דיינע אייגענע חפציעס און חלומות, מיט אַנדערע ווערטער ניט אַזוי דער סוביעקטיווער קינסטלערישקייט ווי דער אָביעקטיווער וויסנשאַפטלעכקייט.

זאַכלעכקייט, קלאָרקייט און פּינקטלעכקייט — דאָס איז דער גע־ניוס און דער דעוויז פון מענדעלעס נוסח. און סיי דער דירעקטיוו און סיי דער נוסח אַליין, איך מיין דאָס נוסח־פּליש, זיינען ביידע, ווי געזאָגט, פון גרויס באַדייטונג פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור־בעל־הבתישקייט. מענדעלעס שפּראַך־מאַטעריאַל האָט אַרויסגעהאָלפן, האָט צום גרויסן טייל מעגלעך געמאַכט די יידיש־סטיליסטן פון דער קינסטלערישער פּראָזע, וואָס זיינען געקומען נאָך אים. מענדעלעס מעטאָדע ווידער אינאיינעם מיט זיין וואָרט־מאַטעריאַל האָבן געשטעלט אויף די פיס די שפּראַך פון דעם יידישן וויסנשאַפטלער, פון דעם יידישן פּובליציסט און... פון דעם יידישן צירקולאַרן־שרייבער. יאָ, אויך דער צירקו־לאַרן־שרייבער האָט נהנה געווען פון דעם נוסח און געקענט איבערגיין פון זשאַרגאָן צו יידיש.

דער איינציקער, וועמען מענדעלע האָט באַוואוסטזיניק מיט זיין נוסח איז געווען ער אַליין, מענדעלע, וואָס האָט צוליב דעם אין גוטע דריי־פערטל פון זיין שפּראַך איבער דער לענג פונעם „קליינעם מענטשעלע" און ביז זיין שפּעטסטן ווערק „שלמה ר' חיימס" מוותר געווען אויף אַ פּערזענלעך־קינסטלערישן סטיל. איך וויל דער־מיט זאָגן, אַז אונטער דריי פערטל פון מענדעלעס שפּראַך שטייט ניט סוביעקטיווע קינסטלערישקייט (איך ווייס, אַז עס דערוואַרטן מיך

מלקות דערפאַר), נאָר ווירטואָזע בעל־מלאָכהשקייט. עס פעלט אין גרעסטן טייל פון מענדעלעס פּראָזע דער איך־חותם.

עס איז דאָרט ניט פאַראַן יענע העכסט־פּערזענלעכע סטיליסטישע נאָטע, וואָס לויט איר דאַרפט איר — ווי עס פאַרלאַנגט דאָס געאָרג בראַנדעס — דערקענען אַ באַשטימטן קינסטלער אויך אין זיין אַנאָנימקייט. אויב מען וועט אייך פאַרלייגן אַן אַנאָנימען פּאַראַגראַף פּראָזע און ס׳וועט אייך דאָרט ניט אַקעגנקומען עפּעס אַן אַנווינקעניש אויף מענדעלעס ספּעציפישער טעמאַטיק, וועט אייך על־פּי שפּראַך אַליין שווער זיין צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס געשריבענע בלעטל דאַרף דווקא שטאַמען פון מענדעלען און ניט פון אַ סתם יידישן שרייבער.

ווי אַ ביישפּיל לאָמיר נעמען ניט אַ שטעלע פונעם „קליינעם מענטשעלע", וואו מענדעלע איז נאָך אין זיינע אָנהייבן, נאָר דווקא יענע באַרימטע באַשרייבונג פון די הייזער, אין וועלכע „די ניידעס זיינען געזעסן און האָבן אָפּגעלעבט זייערע יאָרן אינאיינעם מיט קינדער, קליינע און גרויסע, און פאַרפאַלקן אויף קעסט", וואָס געפינט זיך אין דעם ווערק פון מענדעלעס עלטער — אין „שלמה ר׳ חיימס":

> האַרט לעבן דעם אויוון שטייט אַ הרובע פון גרינע קאַפּלעס, אַ הויכע, אַ לאַנגע מיט צוויי בענק: די פליישיקע און די מילכיקע באַנק. אַט די דאַזיקע ביידע אויוונס און אַ וואַנטל מיט טירלעך נאָך זיי, וואָס ציען זיך איבער דער גאַנצער לענג שטוב, צעטיילן זיך אין צוויי העלפטן, איין העלפט איז די הויפּט־דירה, וועלכע איז דאָ באַשריבן, און די אַנדערע באַשטייט פון אַלקערלעך פאַר זיך און פאַר שכנים. אַקעגן דער הרובע הענגט פונעם סופיט אַראָפּ אַ ליימען קוימענדל עפּעס ווי אַ מין גלאָק מיט צוויי דראָטענע קייטעלעך, איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, אונטן ביים ראַנד, צו וועלכן עס ווערט צוגעקייטלט עפּעס אַ מין אייזערנע סקאָוואָראָדע (אַ לוטשניק), אויף וועלכער עס ווערט צעלייגט אַ פייערל פון דאַרע שפּענדלעך צו באַלייכטן אַלע אָוונט די שטוב חוץ פרייטיק צו נאַכטס, וואָס דענסמאָל ווערט עס באַלויכטן פון חלבדיקע בענטשליכט אין מעשענע לייכטער אויפן טיש און אין דעם זעקס־רייערדיקן קופּערנעם הענג־לייכטער אויוון מיט אַן אָדלער. דער דאַזיקער לוטשניק גיט, ווי די זון, ליכט, וואַרעמ־

דער יידישער פּראָזע־סטיל

קייט דעם גאַנצן הויזגעזינט און טראָגט אַריין פריילעכקייט, לעבן אין שטוב. אַרום אים פאַרברענגט מען די ווינטער־נעכט אין געזעלשאַפט מיט עפּעס אַן אַרבעט, אָדער גלאַט אַזוי זיך אַ געשפּרעך. ווייבער, היימישע און אַמאָל אויך איינע אָדער אַ פּאָר נאָענטע שכנות אין דער מיט זיצן זיך אויף דער פליישיקער, אויף דער מילכיקער באַנק, פליקן פעדערן און באַרעדן די וועלט. שבת צו נאַכט ווערט צוגערוקט אַ טיש, מען לייענט פאָר פון „ספר הישר״, פון „גדולת יוסף״ — און מען עסט געקאָכטע קאַר־טאָפלעס. חנוכה שפּילן די קינדער אין דריידל, די עלטערע אין קאָרטן — און מען עסט לאַטקעס. און גלאַט אַזוי אַ נאַכט, ווען מען פּרעגלט שמאַלץ, זיצט מען אויפגערוימט, דערציילנדיק מעשיות — און מען עסט גריוון.״

(ז׳ 12, פאַרלאַג „מענדעלע״, וואַרשע 1928, מיט אַ הקדמה פון נ[חמן] מ[ייזיל])

און מען פרעגט זיך — דאָס טוען מיר און ניט אונזערע באַשריי־בענע זיידעס און באָבעס — וואו איז אין די דאָזיקע סאָליד קאָנסטרו־אירטע זאַצן און פּינקטלעך אויסגעקליבענע און גוט צונויפגעהעפטע ווערטער פאַראַן אַ רמז אויף קינסטלערישן סטיל? עס איז טאַקע ניטאָ. די שפּראַך איז דאָ, אַזוי צו זאָגן, אַ פאָטאָגראַפישע. זי ברענגט אַרויס אָביעקטיוו די שטוב־פּאַנאָראַמע, אָבער זי דייטעט אַפילו ניט אָן אויפן פאָטאָגראַף אַליין. עס מוז ערשט קומען די אונטערשריפט אויף דער פאָטאָגראַפיע, כדי מען זאָל זיך דערוויסן, פון וואָס פאַראַ אַטעליער זי שטאַמט. און זי שטאַמט, וואָס אמת, פונעם סאַמע בעסטן. עס איז דער וואַרשטאַט פונעם לערער פון אַלע פאָטאָגראַפן.

יעדער זאַך איז, ווי געזאָגט, אַ סאָלידע קאָנסטרוקציע און האָט רוים און אָטעם, אָבער וואָס עס פעלט אים, איז געשטאַלט — די לעבע־דיקע געשטאַלט פונעם קינסטלער, וואָס באַווייזט זיך אין אַ צונויפ־שטעל פון ווערטער מיט זיין אייגענעם קאָליר־ניואַנס, מיט זיין אייגע־נעם טאָן און באַוועגלעכקייט און מיט זיין אייגענער באַהאַלטענער אַר־ביטראַרישקייט פון שטימונג און רעפלעקס. און עס פעלט די גע־שטאַלט פון די זאַכן, ווייל זייער באַשרייבונג איז בלויז אַ צונויפלויף פון ליניעס און שטח, איז בלויז אויסגעשפּרייט, איז בלויז צוויידימענסיש.

דער יידישער פראָזע־סטיל

עס האָט דאָס אין אַ געוויסער מאָס דערפילט אויך בעל־מחשבות, ווען אים, וואָס איז געווען אַן אַבסאָלוטער יאָ־זאָגער צו מענדעלען, האָט זיך פונדעסטוועגן גענומען אויסדאַכטן, אַז מענדעלעס „לשון איז אַ גע־קינצלטער" און אַז „מען ווערט פאַרמאַטערט צו שלינגען די אַפגעטאַקטע רייד פון ר' מענדעלען אין פאַרשיידענע געשטאַלטן" (ז' 36, געקליבענע שריפטן, ערשטער באַנד, פאַרלאַג שרעברעק, ווילנע 1910). דעם פיאָנער פון אונזער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס איז אין תוך געווען אַ קונסט־געניסער מיט מערב־אייראָפּעאישע אַפּעטיטן, איז נמאס געוואָרן די פאָטאָגראַפישע פינקטלעכקייט, די וויסנשאַפטלעך־דידאַקטישע קלאָרקייט פון דעם גרעסטן טייל פון מענדעלעס לשון. אין אַזאַ מאָמענט איז אים זעליש מעגלעך געווען צו פאַרזען דעם זיידנס גרויסע קולטור־היסטאָרישע נוסח־כוונה און נוסח־דערגרייכונג און מענדעלעס שפּראַך איז אים אויסגעקומען „געקינצלט" און „אָפּגעטאַקט", ווייל עס האָט אים געשטערט אין איר דער מאַנגל פון העכסט־פּערזענלעכער קינסטלערישער אייגנקייט — פון סטיל.

אַוודאי ווערט מענדעלען דעם קינסטלער איבערדריסיק און שווער צו דינען רק ורק דעם נוסח און ער באַשליסט צומאָל מיט אַ בייזער, אַז „עד כאַן, ביז דאַנען, ווייטער, ר' ייד, רוקט זיך ניט! צו מיר אין דער נשמה אַריינקריכן, אַריינלייגן דאָרט אייערע חכמהלעך, פוילע פּשטלעך — דאָס איז ניט פאַר אייך. דערויף איז שוין דאָ פאַר אייך אַנדערע ערטער... מיינע געדאַנקען גיב איך איבער בעסער אַליין". (ז' 78, „פישקע דער קרומער", די זעלביקע וואַרשעווער אויסגאַבע).

און „בעסער אַליין" מיט זיין אייגענער שפּראַך קומט מענדעלע אַרויס אין זיינע לירישע אינטערמעצאָס און אין זיינע ביחידותן מיט דער נאַטור. דעמאָלט הייבן אַן צו שפּילן אין זיין לשון אַלע סטרונעס פון געמיט און עס דערהערט זיך און עס דערפילט זיך אין יעדן זאַץ דער ספּעציפיש מענדעלישער טאָן און טעם פון זיסער האַרבקייט. דעמאָלט ווערט מענדעלע אויס בעל־נוסח און אַליין פאַר זיך אַ בעל־סטיל. דעמאָלט פאַרלירט זיך די סטאַטישקייט, די פּאָטאָסטאַטישקייט פון זיינע ווערטער און עס צעוויגט זיך אין זיי עפּעס אַן איינגע־האַלטענע דראַמאַטישקייט, וואָס פאַרכאַפּט זייער אָפּט ממש דעם אָטעם ביים לעזער.

דער יידישער פּראָזע-סטיל

איינער פון די ביישפּילן פאַר מענדעלעס שפּראַך, ווען זי גייט אַריבער פון רשות הרבים פון נוסח צו רשות היחיד פון סטיל, איז יענע סצענע אין „פישקע דער קרומער", ווען דער ערל כאַפּט מענדעלען און פירט אים אַריין צום „רויטן קאָלנער" און ער ווערט ניזוק מיט דער פאה. אין דער עלעגיע אויף דער „גרוי־אַלטער פאה, וואָס איז געוואַקסן מיט מיר פון קינדווייז אויף ביז אין מיינע אַלטע יאָרן" (ז' 54, „פישקע דער קרומער") און דערנאָך נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אין דעם לירישן איבערשמועס מיט דער לבנה, וואָס „קוקט אויף אים מיט איר ליכטיקער צורה" און טרייסט אים „שאַ, בידנע קינד, שאַ! וואָס זאָל מען טאָן?" (ז' 61) באַדינט זיך מענדעלע, דאַכט זיך מיט דיזעלביקע אידיאָמאַטישע ווערטער פון זיין רייכן נוסח ווי אַלעמאָל, אָבער דאָסמאָל האָט כמעט יעדעס וואָרט עפּעס ווי צערוקט זיינע גרענעצן און אויפגע־נומען אין זיך אַחוץ דעם קאָנקרעטן און סינאָנימיש ניואַנסירטן באַ־גריף, נאָך אויך עפּעס מער — אַ סימבאָלישע אָנווינקעניש, אַ טרער פון פאַנטאַסטיק און אַ ראָמאַנטישן זיפץ פון צער.

איך טראַכט צומאָל אַזאַ מין אַפּיקורסישע טראַכטעניש. דאָס וואָס דעם לעזער פונעם נייעם דור איז אַזוי שווער צו לייענען מענדעלען, איז ניט (ווי מיר האָבן זיך ליב צו טרייסטן) ווייל זיין טעמאַטיק איז פאַרעלטערט געוואָרן, נאָר דערפאַר וואָס זיינע ווערק זיינען צום גרעסטן טייל געשריבן ניט אין סטיל פון זיינע לירישע אינטערמעצאָס, נאָר אין נוסח פון זיינע רעאַליסטישע באַשרייבונגען. טעמאַטיק ווערט קיינמאָל ניט אַלט, דער אייגנאַרטיקער סטיליסטישער „ווי אַזוי" פונעם קינסטלער היט אויף די פרישקייט און לעבעדיקייט פון דעם טעמאַטישן „וואָס". דער אמת וואָס שייך מענדעלען איז דער, אַז מיט זיינער אַ געווינטלעכער פּרשה קען מען אונזער יוגנט לערנען שרייבן אַ גוטן, זאַכלעכן און קלאָרן יידיש, אָבער מען קען ביי איר ניט וועקן די פרייד פון זיך האָבן באַגעגנט מיט יידיש־קינסטלערישן סטיל.

איך געדענק שוין ניט, וואו איך האָב געלייענט, אַז אַ צו אַנט־וויקלטער און קולטיווירטער נוסח קען צומאָל אויך ברענגען שאָדן דער ליטעראַטור פון אַ פאָלק. איך געדענק בלויז, אַז דער ביישפּיל פאַרן, ווי מיר דאַכט, ריכטיקן געדאַנק איז געווען די פראַנצויזישע שפּראַך, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט אַזאַ קלאָרן, עלעגאַנטן און וואָס

דער יידישער פּראָזע־סטיל

שייך געפיל־ און געדאַנק־ניואַנסן, אַזאַ מין רייכן „דעפּאַרטמענט־סטאָר"־נוסח, וואו עס איז דאָ אַפילו פון פויגלמילך, אַז נאָר אַזעלכע ווי מאַרסעל פּרוסט און שאַרל פּעגי האָבן אין אונזער צייט נאָך געקענט מוסיף זיין דערצו זייער אייגענעם, העכסט־פּערזענלעכן סטיל.

יידיש איז, פאַרשטייט זיך, נאָך ווייט, זייער ווייט פון דער פראַנצויזישער עשירות און זאַטקייט. ביי אונדז האָט דער מענדעלע־נוסח קיינעם זיכער שעפעריש ניט געהאַמעוועט, נאָר פאַרקערט, סטימולירט און צום טייל אויך שרייבעריש אַרויסגעהאָלפן און אויפגערעכט. שאָדן האָט ביי אונז, ווי מיר דאַכט, אַנגעטאָן בלויז שלום־עליכם. יאָ, שלום־עליכם!

דער פענאָמען פון טביה'ס באַשאַפער איז ביי אונדז פון שטאַנדפונקט פון שפּראַך געווען איינער פון יענע ליטעראַרישע וואונדער, וואָס געשען זייער זעלטן. עפּעס אַ פאַרבאַרגענער צויבער־זאַק האָט זיך פאַנאַנדערגעבונדן אין געמיט פון שלום ראַבינאָוויטש פון פּערעיעסלאַוו און עס האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעשיט פאַר אים יידיששפּראַכלעכער רוי־מאַטעריאַל פון עטלעכע דורות. דער וואונדערמענטש האָט זיך גענומען פאַרווילן מיט זיין אוצר, געטאַשט און איבערגעטאַשעוועט זאַגעכצער ווי קאָרטן, צונויפגעשטעלט רעדעכצער ווי דאָמינאָ־ביינדלעך און צוזאַמענגעשטעקט ווערטלעך ווי אין אַ שפּיל מיט שוועבעלעך און . . . ס'האָבן זיך באַקומען געשטאַלטן מיט אויסזע און מיט אויספּיל. אַוודאי איז געווען אַ סכנה אַרויסצונעמען אַ ווערטל, אָוועקצובלאָזן אַ זאָגעכץ אָדער גאָר אַרויסצורוקן אַ רעדעכץ, וואָרעם „דאָס מענטשעלע" האָט זיך דאָך בלויז אויף זיי, אויסשליסלעך אויף זיי געהאַלטן. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

איך וויל זאָגן, אַז די גערעדטע שטיקלעך לשון, וואָס געוויינטלעך באַנוצן זיך דערמיט שרייבער און אויך נאָר מיט גרויס שפּאָרעוודיקייט, בלויז דעמאָלט ווען זיי ווילן אויף אַן עקסטראַ־קורצן וועג דערגיין אין medios homines ווען זיי ווילן דערגרייכן און אַרויסברענגען עפּעס אַ באַזונדער פאַרביק פּינטעלע אין דעם שטייגער פון זייערע העלדן, אַט־דעם שפּראַך־שטאָף האָט שלום־עליכם פאַרשוועגדט אויפן אַלצבאַנאַנד פון זיינע פאַרשוינען, אויפן עיקר און טפל פון זייער געשטאַלטונג.

דער יידישער פּראָזע־סטיל

קענען רעדן אויף פּאַפּיר מיט אַלע גרויסע חסרונות און מיט אַלע געוואַלטיקע עפעקטן פון רעדן, פון אין פּסיכישן זין נאָר רעדן און ניט שרייבן — דאָס איז געווען אַן איינמאַליקער שלום־עליכמשער פענאָמען, וועלכן עס איז שווער און אפשר בכלל ניט מעגלעך ליטעראַר־קריטיש צו פאַרטייטשן און צו דערקלערן.

און עס איז זיך אפשר נישטאָ וואָס צו חידושן וואָס שלום־עליכם — ווי עס ווערט דערציילט אין די זכרונות וועגן אים — האָט געקענט שרייבן איבעראַל און האָט זיך ניט געניטיקט אין דער געוויינטלעכער שרייבערישער קאָנצענטרירונג און מיט זיך אַליין זיין. עס דאַרף אויך מעגלעך ניט וואונדערן, וואָס ער איז געווען אַזאַ אויסגעצייכנטער רע־ציטאַטאָר פון די אייגענע ווערק — וואָרעם ער איז דאָך געווען אַ גרוי־סער, אַ געניאַלער רעדנער מיט דער פען.

אָבער לאָמיך ווייטער ניט אָפּגיין פונעם וועג. מיר גייט דאָ ניט אין עפּעס אַנדערש ווי בלויז אונטערצושטרייכן, אַז אונזער איינמאַליקער און אומפאַרגלייכלעכער שלום־עליכם האָט ניט באַשאַפן ניט קיין ליטעראַרישן סטיל און ניט קיין ליטעראַרישן נוסח. וואָס שייך סטיל, הייבט ער זיך אָן, ווי שוין געפּרואווט דערוויזן אין די פריערדיקע נאָ־טיצן, ערשט מיט געשריבנקייט. און ניט נאָר ער הייבט זיך אָן, נאָר ער איז אויך באַדינגט פון פּסיכישער געשריבנקייט. און שלום־עליכמס שפּראַך — דאָס איז געווען אַ רעדנערישער אינטערמעצאָ אין דער מאָ־דערנער יידיש־ליטעראַטור. און נוסח? נוסח האָט שלום־עליכם אַוודאי ניט באַשאַפן. וואָרעם זיין שפּראַך־מאַטעריאַל פון פאַרטיקע און האַלב־פאַרטיקע זאָגעכצער און רעדעכצער און ווערטלעך איז ניט געווען באַשטימט פאַר קיינעם אַחוץ אויסשליסלעך פאַר אים אַליין. נאָר ער האָט אַזוי געקענט רעדן אויף פּאַפּיר און דעם געהיימען נוץ־רעצעפּט זיינעם האָט ער צו דער נאָכוועלט ניט איבערגעלאָזט. און זיין שפּראַך גופא האָט אויך ניט געקענט אָנווינקען קיין שום „אַזוי זאָלט איר שרייבן", ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין שום באַוואוסטזיניקע קינסטלערישע צילן און קיין שום באַהאַלטענע אָדער אָפענע נוסח־כוונות — זי איז געווען אַ זיך אַליין ניט־קענענדיקע און זיך אַליין פאַר־צערנדיקע סטיכיע, וואָס האָט אָפּגעטאָן איר געשטאַלטונג־עבודה און זיך דערנאָך געלייגט, אַנטשוויגן געוואָרן אינאיינעם מיטן טויט (צי,

דאַכט זיך, עפּעס פריער?) פון אונזער גרויסן שלום־עליכם — איר אויסשליסלעכן און גליקלעכן אוזופּרוקטואַר.

אפשר האָט מען ניט גענוג געוואָרנט און אפשר האָט די וואָרעניש ניט געקענט העלפן, וואָרעם די רויע שטיקער שפּראַך־גאָלד האָבן געמיניעט און געגרייצט די מיטלמעסיקייט און אומשעפערישקייט. אַ פאַקט איז, אַז די שלום־עליכם־אימיטאַציע האָט אין בריוו, אין וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, אין פּאָליטישע צירקולאַרן און אין אַ היפּשן טייל פון אונזער בעלעטריסטיק צונישט געמאַכט מענדעלעס גרויסן קרבן פון נוסח־באַשאַף.

פון מענדעלעס נוסח האָט געפירט אַ וועג צו שפּראַך־אויסברייטערונג, צו אַלץ ווייטערער און ווייטערער דעראָבערונג פון באַגריף־ און זאַך־שטחים פאַר יידיש — צו דער מאָדערניזירונג פון אונזער פאָלקס־לשון. מיט די איבערגענומענע זאַגעכצער און רעדעכצער פון שלום־עליכמס שפּראַך, מיט זייער בלישטש פון חכמהדיקייט, אָבער אָן דעם סוד פון געשטאַלטונג אין זיי, וועלכער איז געווען באַקאַנט נאָר אים אליין, דעם געהיימנישפולן קינסטלער־מכשף שלום־עליכם — האָט אונזער שרייבערישע אינטעליגענציע און ניט־אינטעליגענציע צוריקגעפירט יידיש צו דער פּלאַטשיקער, רעשדיקער און גוזמאדיקער פאָלקסטימלעכקייט פונעם גערעדטן פּאַרמענדעלישן רעאַליזם.

די שלום־עליכמשע נאַטור־סטיכיע מיט אירע טויזנטער פאַרפּירערישע רייצן האָט אַזוי אַרום אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע צום טייל אַ תל געמאַכט פון מענדעלעס געזונטער און פרוכטבאַרער קולטור־האַרעוואַניע — פון זיין יידיש־נוסח. פאַר אונזער שפּראַך־בעל־הבתישקייט וואָלט אפשר דערפאַר נאָך איצט געווען נייטיק און פאַסיק אָוועקצושטעלן אַ וואָרנונג־צייכן: היט אייך פאַר שלום־עליכמס לשון! אים טאָר קיינער ניט נאָכמאַכן, אים קענען בלויז טויזנטער געניסן.

4

פּרצס שפּראַך איז ניט אָן ערך ווייניקער אָפּגעהיט און פון שטאַנדפּונקט פון איבערטעריטאָריעלן פאָלקס־נוסח אָוודאי ווייניקער דורכגעזיפּט ווי מענדעלעס. פּרץ קען זיך אין אַזאַ ווערק זיינעם ווי „חסידיש"

דער יידישער פּראָזע־סטיל

פּאַרגינען אַ טיף פּוילישן לאָקאַליזם ווי „דזיאַנסלעס" און אַזאַ ליידיקן דייטשמעריזם ווי „לער". און די העברעאיזמען, די אָן אַ שיעור העב־רעאיזמען, וואָס ווימלען אין פּרצס לשון, וועלן זיך צום גרויסן טייל צוליב דער ווייטער אַרכאַאישקייט פון זייערע באַגריפן ניט קענען איינ־בירגערן אין יידיש און זיי וועלן פאַר דער שפּראַך־בעל־הבתישקייט פאַרבלייבן ווי ווערטער, וואָס — ווי זאָגט פּרץ וועגן זיינע „דריי מתנות"? „צונויף קומען זיי ניט, גאָרניט לתשמיש, אָבער לנוי — אויסטערליש".

קען זיין, אַז די שפע פון לשון־קודשיזמען ביי פּרצן איז טאַקע אַ סימן פון שפּראַכלעכער אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט אפשר, ווען ער זאָל געווען האָבן מענדעלעס געדולד, אויסדויער און זיין פאַרשפּיצטן חוש אויף אַרומצונישטערן אין די באַהעלטענישן פון די שבט־דיאַ־לעקטן, געקענט געפינען ווערטער אין נענטערע און היימישערע שיכטן פון דער יידיש־געשיכטע. אָבער פּרץ האָט פאַר דער סוף־כל־סוף נוסח־אַרבעט ניט געהאַט דעם נייטיקן טעמפּעראַמענט און אויך ניט דעם ווילן. פּרץ איז אין דעם פּרט געווען דער סאַמע עגאָ־צענטרישסטער קינסטלער צווישן די קלאַסיקער אונזערע. ער האָט אין זיינען געהאַט זיך, געהאַלטן אין איין אַרויסברענגען די פּרץ־געשטאַלט אין איר אייגענעם, אייגנאַרטיקן סטיל.

און דווקא אָט־די סאַלטאָ־מאָרטאַלעס זיינע פון אַרכאַאיש־רבנישן לשון צו נעאָלאָגיזמען און פון נעאָלאָגיזמען צו פּרומען ביכל־דייטש־מעריש און צו וואָרצלדיקע סלאַווישע לאָקאַליזמען — דווקא זיי צייכע־נען פאַר אונז די קאָנטורן פון דער פּרץ־פיגור, ווי זי דריקט זיך אויס אין איר פּראָזע־סטיל. דער אַלגעמיינער איינדרוק, וואָס באַקומט זיך, איז: גלייך אַ שטענדיק גייסטיק פאַרסאַפּעטע געשטאַלט זאָל האַלטן אין איין לויפן אין באַרג אַרויף, די שפּראַך אירע — אַ גיכע און אָפּגע־האַקטע, די זאַצן קורצאָטעמדיקע, די ווערטער — אַרויסגעריסענע פון סאַמע אינעווייניק פון שפּראַך־פּלאָנטער און אַלץ יאָגט זיך ווי געטריבן אין ריטם פון פּחד און אַלאַרם, פאַרזייענדיק דערביי דעם שטח פון די שורות מיט ווייטע אַסאָציאַציעס פון ערגעצוואו אָנהאַלט, ערגעצוווען טרייסט און ערגעצוואוהין ראַטונעק. אַדרבא, נאָט לייענט:

דער יידישער פּראָזע־סטיל

„דער גראַף האָט נאָך געלעבט און האָט מיט אַלע פּריצים אַרום מלחמה געהאַלטן — אַ גרויסער גבור־חיל געווען . . . פּלעגט באַפאַלן, פאַרברענען גאַנצע הייף . . . אויפהענגען די פּריצים, מאַנס זיין די נשים — סכנת־נפשות געווען . . . און אין שטעטל איז אַ בת־ישראל געווען, אַן אשת־איש און מגזע ישרים, מזרע קדושים, און בעלה — נשמתו בגנזי מרומים — איז געווען גאָר, גאָר! מיט איין וואָרט, אַ מנהיג . . . איז אָבער די אשה אַ גרויסע יפה־פיה געווען . . . און דערזען האָט זי אַמאָל דער גראַף . . . און איר ווייסט דאָך „אין אַפּטרופּסות״ . . . און דער יצר הרע האָט גובר געווען . . . ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט פאַר קיין שום בת־ישראל געדאַכט . . .

(נסים ונפלאות, באַנד „חסידיש״, ז׳ 105, אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ, ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין).

מען קען קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן. (און נאָך „אַ גליק״, וואָס דאַסמאָל ווערט דערציילט אין פאַרגאַנגנהייט, וואָס האָט אַן און פאַר זיך אַ רואיקן טעמפּאָ, און ניט אין דעם גיכן, האַסטיקן און ביי פּרצן אַזוי באַליבטן פּרעזענס נאַראַטיוואום.) עפּעס באַרירט דאָ פּרצס ריין אינדיווידואַליסטישער סטיל ערגעצוואו אויך דעם עסענציעלן ריטם פון הונדערטער יאָרן יידיש לעבן, יידישע דורות און יידישע געשיכטע. דער ריטם פון די ווערטער און פון די זאַצן דעכעט דאָ, דאַכט זיך, אַרויס דעם היסטאָרישן פּאַניק־געשריי פון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו.

אויך מענדעלעס נוסח האָט, פאַרשטייט זיך, אַ נאָענטע קרובה־שאַפט מיטן אימפּעט פונעם יידישן קיבוץ. אָבער אין אים שפּיגלט זיך בלויז אָפּ דאָס סטאַטישע, דאָס אין צייט און אין רוים איינגע־גרענעצטע פונעם יידישן לעבן. שלום־עליכמס צוויבער־לשון טראָגט אין זיך, אמת, שוין דאָס דינאַמישע, אָבער נאָר דאָס אויסערלעך דינאַ־מישע, די האָוועניש און לויפעניש פון די רמ״ח אברים, וואָס ביי דער ערשטער קרייצונג מיט נשמה־איבערלעבעניש ווערט דערפון געדיכטע מעלאָדראַמאַטיק. נאָר דער גרויסער און איינמאָליקער שלום־עליכם האָט דאָס פּאָטענציעל מעלאָדראַמאַטישע פון זיין שפּראַך־ריטם גע־קענט גובר זיין מיט דער געניאַלער קראַפט פון זיין הומאָר.

ערשט אין פּרצס גרופּירונג פון זאַצן און ווערטער, אין זייערע

דער יידישער פּראָזע־סטיל

אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע געפיל־ און געדאַנקען־פּינטעלעך און אין דעם ריטם פון זייער גאַנג יאָווועט זיך דאָס זעליש־דינאַמישע פון שטיקער יידישע געשיכטע און עס שפּאַרט אַרויס דאָס טראַגישע פונעם יידישן לעבן. איך כאַפּ זיך צוריק. ניט אַזוי דאָס טראַגישע גופא, ווי דאָס יאָגן זיך נאָך דעם טראַגישן און איינציייטיק די טיפע מורא און שרעק עס צו דערגרייכן.

דעם אונטערשייד צווישן מענדעלעס נוסח און פּרצס סטיל, וואָלט מען אפשר געקענט פאָרמולירן אַזוי: מענדעלע — ווירטואָזיש צונויפ־געשטעלטע אַקאָרדן אויפן וואָרט־קלאַוויר, ביי וועלכע עס קומט ניט אַרויס קיין איין פאַלשער טאָן. ביי פּרצן ווידער — פעלט די ווירטואָ־זיטעט און עס איז דווקא פאַראַן צומאָל אַ וואָרט, וואָס גיט אַ קריץ „ווי אייזן איבער גלאָז", אָבער פונדעסטוועגן ברענגט די פּרצשע שפּראַך אַרויס איר אייגענעם, אייגנאַרטיקן אינערלעכן געזאַנג, איר אייגענעם נשמה־ריטם.

ריטם פון פּחד. און ניט נאָר ריטם, נאָר אויך פאַרב פון פּחד און וואונדער. צווישן די עטלעכע געציילטע באַמערקונגען, וואָס איך וויל דאָ נאָך מאַכן וועגן פּרצס סטיל, רוקט זיך אַרויס צום פראָנט דאָס באַ־לאַדישע און צומאָל אויך דאָס מעשהדיקע, וועלכעס טאַנצט אייך ממש אַקעגן ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אַ פּאַראַגראַף פּרץ. דאָס באַלאַדישע איז ניט בלויז איינע פון די סטיליסטישע פונקציעס פון זיינע באַרימטע פּינטעלעך, נאָר עס קומט אויך צום אויסדרוק אין פּרצס מעטאַפערן און פאַרגלייכן.

די באַלאַדישע פונקציע פון די פּינטעלעך: אַ קלאָרער, רעאַליס־טישער פאַקט געקליידט אין ניכטערע רעאַליסטישע ווערטער הייבט פּלוצים אָן צו לייכטן מיט אַ מאָדנע אומפאַרשטענדלעך ליכט און וועקט אַנונגען פון געשעענישן, וואָס קומען פאַר פון יענער זייט ווירקלעכקייט, אַזוי צו זאָגן, הינטער די פּלייצעס פונעם וואָרט. די פּינטעלעך אַנו־לירן אַזויאַרום דעם וואָרטס רעאַליסטישע באַגריפלעכקייט און מאַכן פון אים — אַ סימבאָל פון עפּעס, וואָס האָט אינדעראמתן ניט קיין קאָנ־ווענציאָנעלן צייכן אין דער שפּראַך. די פּינטעלעך זאָגן אָן, אַז דאָס וואָרט, וואָס שטייט פאַר זיי, האָט ניט די כוונה צו דעפינירן אָדער צו פאַרפיקסירן סתם אַ ממשותדיקע זאַך, נאָר צו סוגערירן אַ שטיק סוד,

דער יידישער פּראָזע־סטיל

וואָס בלויז ווען מען קוקט דערויף מיט חושימדיקע אויגן, קען עס כאַפּן דעם אָנבליק פון יענעם קאָנקרעטן קעגנשטאַנד. און עס בעטן זיך די פּינטעלעך, מען זאָל ניט זען דאָס וואָרט מיטן גשמיותדיקן בליק פון אויבן אויף, נאָר מען זאָל וועלן וויסן, וואָסביים וואָרט אין האַרצן טוט זיך, וואָס ביי אים „אויף דער נשמה איז״...

אַ ביישפּיל? דערמאָנט אייך אין נעמיראָווער רבין אין יענעם סליחות־אינדערפרי, ווען עס איז געשען דאָס דערהייבנדיקע, וואָס האָט געצוואונגען דעם „ליטוואַק״ מודה צו זיין, אַז „אויב ניט — נאָך העכער״. עס ווערט דערציילט, אַז ענדלעך שטייט דער רבי זאָל לעבן אויף״ און עס קומען דריי פּינטעלעך, וואָס וואונקען אָן, אַז די באַשיינפּער־לעכע טואונג פון אויפשטיין איז נאָר אַ לכאורהדיק־רעאַלע, וואָרעם עפּעס קומט דאָ פאָר אין דער העכערער ווירקלעכקייט אַזוינס, וואָס קען אויף וויפל עס איז נגלהדיק געדעקט ווערן מיטן וואָרט „אויפשטיין״, אָבער אין דער אמתן איז עס אַ סך מער און אַ סך געהיימנישפולער ווי דאָס. דאָס רעאַליסטישע וואָרט „אויפשטיין״ איז ניט מער ווי, אַזוי צו זאָגן, דאָס ערדישע מינימום פונעם וייטן פּלאַטאָנישן אידעאַל פון דעם זעלביקן באַגריף. און אַז: דערנאָך גייט ער צו (דער נעמיראָווער רבי) צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל״, הערט אויף אויך דאָס פּעקל צוליב די דריי פּינטעלעך, וואָס קומען נאָך אים, צו זיין רעאַל און עס פאַרציט זיך מיט אַ סודותדיקן באַלאַדע־שלייער.

אין דעם פּרץ־וואָרט קומען זיך אַ דאַנק די פּינטעלעך צונויף צוויי אמתן: דער אמת פון רעאַליסטישן פאַקט און די וואָרהייט פון זיין טראַנסצעדענטאַלן שאָטן. דער קאָנקרעטער פאַקט האָט די טענ־דענץ זיך צו פאַרטונקלען דורך דעם דיכטערס אומגלויבן אין דער געוויינטלעכקייט פון זיין עקזיסטענץ און דער שאָטן שטרעבט צו ליכט דורך אָנונג און וויזיע.

די פּינטעלעך האָבן ביי פּרצן, ווי געזאָגט, אויך אַנדערע סטי־ליסטישע פונקציעס: 1) איינפאַכע אָטעם־פּויזע אין דער האַסטיקייט פון דעם דערצייל־טעמפּאָ; 2) אַסאָציאַציע צו וייטע היסטאָרישע גע־שטאַלטן און פאַסירונגען; און 3) אָפּצושטופּן כוואַליעס פון גערעדטן לשון, וואָס רייסן זיך אין דער געשריבנקייט אַריין. אָבער דאָ אינ־טערעסירט מיך דאָס באַלאַדישע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין די פּינ־

טעלעך און, ווי אויבן שוין דערמאָנט, אויך אין פרצס מעטאַפּערן און פאַרגלייכן.

ווען פרץ וויל אונז מאָלן דעם חסיד חיים ברוך, דעם וואָס איז, ווי איר ווייסט, אויפגעריכט געוואָרן דורכן „רבינס ציביק", באַקענט ער אונז קודם־כל מיט זיינע אויגן. אויגן — דאָס איז פרצס באַליבט געשטאַלטונגס־מיטל.

אויגן — דאָס איז ראשית דער קורצסטער וועג פאַר פרצן אַרויס־צובאַקומען דאָס נשמהדיקע, דאָס תמציתדיקע. און והשנית, דורך וועלכן גליד פון די רמ"ח קען איינדרינגעלעכער, קלאָרער, אָדער בעסער געזאָגט טונקעלער, אָנגעדייט ווערן, אַז דער מענטש איז גאָר באותו רגע ניט־דאָאיק, נאָר ערגעצוואו אַריינגעדרייט אין אַ נעץ פון איבער־רעאַלע געשעענישן, וואָס שפּאַרן אַריין אין דער ווירקלעכקייט פון לעבן בלויז דורך שרעק און וואונדער? און פאַרבן פאַרבט זיך דער פחד ביי פרצס געשטאַלטן קודם־כל אין די אויגן און אין זיי ליכטיקט זיך אויך דאָס שפּעלטעלע, דורך וועלכן עס גייט אויף די אַנונג פון טראַ־גיק און ניסימדיקייט.

ביי חיים ברוכן „אין די טיפע אונטערגעשלאָגענע אויגן האָט שטענ־דיק געציטערט אַ מין באַהאַלטן שיינדל, גלייך עמעץ דרייט זיך דאָרט אַרום מיט אַ ליכט אין דער פינצטערער שטובו!". עס האָט אין די אויגן געציטערט דאָס באַלאַדישע — דער געראַנגל פון אַ ליכטל מיט דער פינצטערקייט פון שטוב אָדער ווי איציק מאַנגער וואָלט געזאָגט: דער קאַמף פון אַ לאַמטערן־פלעמל מיטן ווינט. וואָס וועט מנצח זיין? דאָס מאָל האָט זיך געשטאַרקט דאָס פלעמל און עס איז געשען דער מופת מיטן ציביק, וואָס האָט אויפגעהעלט פאַר תמיד די פינצטערקייט אין חיים ברוכס לעבן.

ביי שמעיה גבור ווידער, נאָך דעם ווי ער האָט „מקדש השם" געווען, אַראָפּגעריסן ביים רב דעם ספּאָדעק און זיך געלאָזט גיין אַהיים — אַהיים צו זיין גורל, „זיינען די שוואַרצאַפּל פון די אויגן אים ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן און ער האָט געקוקט פאַר זיך מיט צוויי ווייסע לענגלעכע פלעקן". די פאַרטונקלטקייט פון שמעיהס געמיט האָט זיך געבאָרעט מיט די ווייסע לענגלעכע פלעקן פון האָפענונג, ווי עס ראַנגלט זיך די שאָטנדיקע דעמערונג מיט דער ווייסקייט פון

אַ שפּיגל. און דאָסמאָל האָט געזיגט די דעמערונג און דער קאַמף האָט זיך געענדיקט טראַגיש — מיט דער שוואַרצקייט פון שמעיהס טויט.

אוןביידע מאָל (אין „רבינס ציביק" און אין „שמעיה דער גבור") — און די ביידע מאָל זיינען אַ משל פאַר אַ סך אַנדערע מאָל — איז אין דער באַלאַדישער מעטאַפער צונויפגעפּרעסט געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס אי דער דראַמאַטישער תוך פון דער דערציילונג, אי דער מעטאַפיזישער אומרו פון דעם העלד, און פאַר אַלעמען אויך דער הינטערגרונט־קאָליר פון אַן אייגנאַרטיקן אינדיווידואַליסטיש־קינסטלערישן סטיל, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין דער יידיש־פּראָזע אין די ווערק פון י. ל. פּרץ.

אַ צווייטער וויכטיקער שטריך פון פּרצס סטיל — אַ שטריך, וואָס קומט דערעיקרשט בולט צום אויסדרוק אין זיין עסעאיסטיק — איז דאָס שטורמישע אויסלאָדן זיך פון געדאַנק און עמאָציע ווי אין אַ דירעקטן, נאָענטן צוזאַמענשטויס מיט עפּעס אַן אומגעזעענער געשטאַלט. ווי אַ כאַראַקטעריסטישער טעקסט זאָל אונז דינען פּרצס באַרימטער עסיי „וואָס פעלט אונזער ליטעראַטור?"

לייענט מען איבער די ערשטע צוויי אַפּאָדיקטיש אַוועקגעשטעלטע פּסוקים פונעם דערמאָנטן אַרטיקל:

„צו אַלעם ערשטן — טראַדיציע.

דער אָרטאָדאָקסישער מאַטעריאַליסט שמייכלט. זאָל ער." —

האָט מען דאָס זיכערע געפיל, אַז מען איז אין דער מיטן פון אַ וויכוח. ניט ביים אָנהייב — נאָר אין דער סאַמע מיטן. די זאַצן הערן זיך ווי דער אָפּשלוס, ווי דער אונטערשטרייך צו פריערע רייד. וואוזשע און וואָסזשע איז דאָס פריערע? עס איז אַ ניט־פאַרשריבענער אינטימער איבערשמועס מיט עמעצן, אַזוי צו זאָגן, איידער עס איז אויפגעגאַנגען דער פאָרהאַנג פון דעם עסיי. דער איבעררעד פון הינטער די פּלייצעס פונעם ערשטן זאַץ איז טאַקע ניט אַריינגעקומען אין אַרטיקל, אָבער עס הערט זיך דער אימפּעט פון דער דיסקוסיע און עס דערטראָגט זיך דער קלוג־פאַרשפּיצטער איבערפרעג פון דעם אומגעזעענעם. און פּרצעס ערשטע ווערטער אין דעם עסיי: „צום אַלעם ערשטן — טראַדיציע" — דאָס איז דער ספּאָנטאַנער און עקספּלאָזיווער

דער יידישער פּראָזע־סטיל

ענטפער, וואָס ווערט געגעבן דעם דעקוטשלעוועץ ניט־געזעענעם דיס־קוטאַנט. עס ווערט פאַרשפּאַרט דער וועג צו וויטערע רייד מיט אַ לאַ־קאָנישער סענטענץ, וואָס דערלאָזט ניט קיין אָפּפרעג. דער זאַץ איז דער דראַמאַטישער קלימאַקס פון אַ מחוץ פון דער געשריבנקייט פאַר־געקומענעם געראַנגל פון פּראָ און קאָנטראַ. און ניט בלויז הייבט זיך דער עסיי אָן מיט אַזוינע הויכפּונקטן, נאָר ער ווערט אויך אָלעמאָל איבערגעריסן פון אַזעלכע ניט־געהערטע, נאָר בלויז דורכן אינערלעכן חוש־השמיעה אויפגעכאַפּטע אויסטענהכצער און ער הייבט זיך אָלעמאָל אויפסניי אָן מיט... אַ פינאַל פון אַפּאָריסטיש־פאַרפיקסירטע זאַצן.

אַזוי למשל — שוין אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון דעם זעלבן מאמר. נאָך אַ פאַרסאַפּעטן, אַנגעשטרענגט־באַלערעוודיקן, אָבער דאָך כמעט ווי רואיקן נאַכטייטש (ניט אויסטייטש) אין עטלעכע פּאַראַגראַפן צו דעם אַקסיאָמאַטישן זאַץ, אַז אונז פעלט קודם־כל טראַדי־ציע, קומט ערגעצוואו ווידער אַ ניט־געהערטער שמועס מיט דער זעלבער ניט־געזעענער געשטאַלט און עס ענדיקט זיך אויך דאָסמאָל ווי אָלעמאָל מיט אַן אויפרייס פון געדאַנק און וואָרט, וואָס וואַרפט אַרויס אַזעלכע איראָניש־בריענדיקע סוף־פּסוקים ווי:

טראַגי־קאָמיש: אַן אַלטער גרייז־גראָער מאַן גייט צו קינ־דער אין חדר אַריין לערנען.

אַן אַלט, דאָס עלטסטע פאָלק און אַ יונגע, די יינגסטע לי־טעראַטור! ווער ביסטו, יונג־יידישער שרייבער?

אַ קינד אָן אַ טאַטן, אַ קינד אָן אַ מאַמען; מאָרגן אָן עברי. ניט נאָר אויף יידיש, יידיש מוז געשאַפן ווערן; דערצו פעלט טראַדיציע.

און דער פרצשער סטיל, פרעגן מיר, וואו איז זיין טראַדיציע? איך מיין, וואו שפּאַרט זיך אָן און מיט וועמען זאָגט זיך אָן קרובהשאַפט פרצס עסעאיסטישער אופן שרייבן? לאָמיר אים נאָכאַמאָל כאַראַקטע־ריזירן, וועט זיך פאַר אונז לייכטער אויפהעלן די שטאַם־לייטער און מיר וועלן דערזען דעם „ראשון" מיט דער לעגענדאַרער גילדערנער טאַץ פון שעפערישער השפעה אין האַנט.

דער פרצשער עסיי. עס ציטערן אין אים אַריין די קלאַנגען פון אַ ניט־פאַרשריבענעם וויכוח; דער אויספיר הייבט זיך אָן מיט... אַ

דער יידישער פּראָזע־סטיל

סוף־פּסוק און זוכט דערנאָך אין אַ טאָן פון אַן אינטימער דיסטאַנצלאָ־זיקייט באַלערעוודיק צו פּאַרטייטשן אַבסטראַקטע, בכן דיסטאַנצירטע, געדאַנקען און רעפלעקסיעס; פאַלקסטימלעכקייט פון פאַרגלייך און תלמיד־חכמשער קאַפּריז פון אַסאָציאַציע שפּייזן דעם פאַלעמישן גע־בייזער פון די זאַצן; די דיאַלעקטישע פּראָצעדור פון דיסקוסיע מיט זיך און מיט דער אימאַגינערער קעגן־געשטאַלט געפינט איר אַפּשלוס אין אַפאָריסטישע „צא ולמד״־זאַצן, וואָס ווערן פאַרפיקסירט ווי אורטיילן, ווי משפטים ניט אַפּצופרעגן און ניט צו אַפּעלירן.

דערמאָנט ניט דער נאָר־וואָס אַנגעצייכנטער סטיל פון פּרצס עסיי אין דעם וואונדערלעכן נוסח־געמיש פון קילן סקעפּטיציזם און צו דערזעלבער צייט הייסער דאָגמאַטישקייט, פון לאַנג פאַרצויגענער אויסטעגהכץ און גלייכצייטיק אינטענסיווער וואָרט־שפּאָרעוודיקייט — אַ נוסח, אין וועלכן דער פּאַרצייטישער און צום טייל נאָך היינטצייטיקער בית־המדרש־לערנער האָט געאַקערט בלעטער גמרא און פאַ־לעמיזירט מיט געשטאַלטן פון געשיכטע, פון פאַנטאַזיע און מיט זיך אַליין?

אַוודאי איז ביי פּרצן דער דאָזיקער פּסיכישער נוסח פונעם „מתמיד״ צום גרויסן טייל פאַרהילעכט געוואָרן פון זיין אייגענעם קינסטלערישן טעמפּעראַמענט און פון זיין אייגענעם אָרגאַנישן ריטם פון אויסדרוק און אַוודאי האָט פּרץ אַרויסגעלאָזט פון זיין סטיל אַ שפּאָר ביסל פון די קולות און אַקאָרדן, וועלכע שטעלן צונויף דעם ניגון פונעם בית־המדרש־לערנער און אַנשטאָט דעם, באַוואוסטזיניק אַריינ־געבראַכט דעם קלאַנג פון געשליפענעם אייראָפּעאישן אַפאָריזם און דעם עלעגאַנטן מוזיקאַלישן פּרעג און ענטפער פון דער אייראָפּעאי־שער מאָנאָלאָג־פאָרם — אָבער דער גרונט־טאָן, די נשמה פון דער סטיל־מעלאָדיע, איז געבליבן דער אַלטער געדאַנקלעך־ און זעליש־קאָנצענ־טרירטער איבערשמועס פונעם יידישן למדן מיט די געשטאַלטן פון זיין עבר און מיט זיך אַליין אין דער קעגנוואָרט.

פּרצן איז אַזוי־אַרום געלונגען די גרויסע דערגרייכונג פון אַן אינדיווידואַליסטיש־קינסטלערישן סטיל אין איינקלאַנג מיטן ריטם פון יידישן לעבן און פון יידישער געשיכטע און אין הסכם מיטן

דער יידישער פּראָזע־סטיל

פּסיכישן גרונט־טאָן פונעם רעפּרעזענטאַטיווסטן אינטעלעקטועלן יידישן פאָלקסטיפּ אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק דורות.

און עס געשעט אויך ביי פּרצן ווי עס געשעט אַלעמאָל, ווען גייסטיקע קאָלעקטיוו־ירושה גיט זיך איבער צו עכטער אינדיווידואַליס־טישער שעפערישקייט, דהיינו: וואָס זעלבשטענדיקער פּרץ איז אין זיין סטיל, וואָס ווייטער ער איז אַוועק צו זיך אַליין, אַלץ נענטער בלייבט ער צום קאָלעקטיוון אָריגינאַל, אַלץ געטרייער צום אָנרעג פון ירושהדיקייט.

איך קער מיך איצט אום צום טעקסט פון „וואָס פעלט אונזער לי־טעראַטור?", פון וואַנעט איך האָב געפּרוּווט אַרויסשיילן יענעם עלע־מענט, וועלכן איך וואָלט אָנגערופן: דער פאַרקריפּלטער דיאַלאָג אין פּרצס עסעאיסטישן סטיל. אָט־דער „פאַרקריפּלטער דיאַלאָג" פון צו העלפט באַלויכטענע רעפּליקעס אויף האַלב אָדער אינגאַנצן ניט־באַלויכ־טענע רייד־שטחים, וואָס עקזיסטירן ניט אין דער עסיי אויף דער וואָר, נאָר בלויז מיטן כוח פון סוגעסטיע — זי איז אייגנטלעך אויך פּרצס טעכניק פון צמצום. (אין די דערציילונגען פילן אויס די דאָזיקע פונקציע די באַרימטע פּינטעלעך, וואָס קומען במקום אָפּגעשטופּטע און פאַרבראַקירטע שטיקער פון גערעדטן לשון).

אין פּרצס גרויסער סטיליסטישער דערגרייכונג איז די דאָזיקע טעכניק פון צמצום דער קלענסטער, דער סאַמע קלענסטער אויפטו. וואָרעם די שפּאָרעוודיקייט פון ווערטער איז דאָ אָן אַרביט־ראַרישע, אַ קאַפּריזנע. זי גייט אויפן חשבון פון געדאַנקען־לייב, איך מיין פון תוך גופא. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז אָט־דער צמצום פאַרזאָרגט ניט אַלעמאָל די גאַנצקייט און פולקייט פונעם רעיון אין דער ענגסטער וואָרט־ און זאַץ־פאָרם, נאָר ער לאָזט אויס טיילמאָל שטיקער פונעם געדאַנק, כדי צו באַוואָרענען די שפּאָרעוודיקייט פון די רייד. אַזוי באַקומען זיך אין זיינע עסייען אָנשטאָט דער גאַנצער און אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג אָפט נאָר אירע ראשי־פּרקים און אָנשטאָט דער פולער שפע פון פּרצשע געדאַנקען־בליצן — בלויז זייע־רע ברוכשטיקער, בלויז זייערע רמזים. די דערציילונגען ווידער קו־מען אַרויס צוליב דער אַכזריותדיקער סטיל־עקאָנאָמיע מיט דער הילף

פון די פינטעלעך, ניט איינמאָל בלויז סכעמאַטיש, בלויז רושטאָוואַניע־מעסיק.

אָבער, ווי מערקווירדיק דאָס זאָל זיך אין פלוג ניט אויסדאַכטן, די טיפע שעפערישע אַנרעגערישקייט פון פרצן אין אונזער ליטעראַטור האָט אויך אין דעם פּרט ניט געליטן. פאַרקערט.

דווקא אָט דער פּחת אין זיין סטיל האָט ניט ווייניקער, נאָר אפשר נאָך מער גערייצט וויכטיקע פּראָזע־שרייבערס, וואָס זיינען געקומען נאָך אים. אפשר נאָך מער, האָב איך געזאָגט, ווייל די ניט־פאַרענטפערונג פון דער צמצום־פּראָבלעם אין דער ערשטער גרויסער קינסט־לערישער סטיל־דערגרייכונג אין יידיש האָט פריי געלאָזט דאָס פעלד פאַר נייע עקספּערימענטן, פאַר נייע ראַנגלענישן און פאַר באַדייטנדיקע נצחונות.

5

וואָס קער זיך אָן דער מחבר פון „ניו־יאָרקיש", פון „ממה נפשך", פון „דאָך" — דער שרייבער מיט אַן אַרצי־פּאָזיטיוויסטישער איינשטעלונג צום יידישן לעבן און צו זיינע אייגענע יידישע העלדן מיט דעם ראָמאַנטיקער פון „חסידיש" און פון „פאָלקסטימלעכע געשיכטן"?

אין פרט פון לעבנס־ און געשיכטס־פילאָזאָפיע — זיכער גאָר ווייניק. וואָס שייך אָבער סטיל און סטיל־כוונה, איז צווישן לאַמעד שאַפּיראָ און י. ל. פרצן פאַראַן אַ בפירושע קרובהשאַפט. ביידע האָבן אַן אָרגאַנישע שטרעבונג אָפּצוגרענעצן זיך פון קאָנווענציאָנע־לישקייט, פון אַלגעמיינעם שפּראַך־נוסח און ביידע זיינען גרייט מקריב צו זיין געשטאַלט פון זייער געשטאַלטונג, אַבי אָפּצוהיטן די גרעסט־מעגלעכסטע שפּאָרעוודיקייט פון זאַץ־ און וואָרט־שטח.

דער חילוק איז נאָר, וואָס פרץ האָט טאַקע ניט איינמאָל געבראַכט, געמוזט ברענגען דעם קרבן, און שאַפּיראָ בלייבט מייסטנס בלויז ביי דער גרייטקייט, וואָרעם אים העלפט קודם־כל אַרויס די פילם־טעכניק פון קאָנסטרוקציע. שאַפּיראָס דערציילונג באַשטייט אָפט פון איינצלנע פילם־סצענעס, און די סצענעס זיינען איינע צו דער אַנדערער געבונדן בלויז מיט איין וואָרט פון אַסאָציאַציע. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז יעדעס בילד ווערט אינהאַלטלעך און אין פאָרם געפירט אַזוי ווייט,

דער יידישער פּראָזע־סטיל

ביז עס יאָווען זיך דאָס וואָרט, פון וועלכן עס קען אַרויסוואַקסן דער תוכן פון דער צווייטער סצענע.

אַ ביישפּיל: די נאָוועלע „דאַק" הייבט זיך אָן מיט אַזאַ איינס און אַ האַלב־שורהדיקן אַריינפיר: „בעני מילגרוים האָט אָנגעהויבן קול־טיווירן אַ פליך נאָך אין די סטודענטישע יאָרן". די צווייטע סצענע קניפּט אָן אין די „סטודענטישע יאָרן" און גיט איבער עטלעכע זייער טונקעלע שטריכן פון די ניו־יאָרקער יידישע גאַסן און אַז עס הערגייט צום „קלוב פון די עסערן", ווערט דער דאָזיקער קלוב דאָס סוגעסטיווע וואָרט, אויף וועלכן עס לאָזט זיך אָנשפּילען דעם תוכן פונעם דריטן בילד. און אין קלוב זיינען בעני מילגרוים און איזי פישלער פּאַרטאָן אין אַ שאָך־פּאַרטיע אַזוי לאַנג, ביז בעני „האָט אָן חשק אַרויסגעבור־טשעט: פאַראַן אַזאַ מיידל, וואָס אַרבעט אין אַ שאָפּ". דער געשפּרעך ביים שאָך־ברעט אָטעמט דאָן נאָך אַרויס געציילטע צוויי, דריי זאַצן, און אויף דער לייוונט באַווייזט זיך דאָס פערטע בילד מיט דעם מיידל — די באַרדערקע סיידי.

אַוודאי איז פילם־טעכניק אויך ניט מער ווי אַן אויסערלעכע, אַ דרויסנדיקע פאָרם פון שפּאַרעוודיקייט. אָבער ראשית אָרגאַניזירט די דאָזיקע טעכניק פון לכתחילה דעם לעזערס אויפמערקזאַמקייט אַזוי, אַז פאַר איר זאָל די גאַנצקייט אויף אַ נאַטירלעכן אופן באַשטיין פון זעלבסטשטענדיקע חלקים, בשעת די סוגעסטיווע פּרצשע פינטעלעך שאַפן דאָס געפיל פון אַ איבערגעריסענעם אָטעם, וואָס דאַרף ערשט דורך דעם כישוף פון זייער הויך צוריק פאַרקניפּט ווערן. און והשנית ווערט די סוגעסטיע פון דער צוזאַמענגעהעריקייט פון די חלקים מער דער־גרייכט דורך שאַפּיראָס קאָנקרעטן און פּלאַסטישן וואָרט, איידער דורך פּרצס אַבסטראַקטע און פון דער קאָנקרעטקייט אַוועקרופנדיקע פינ־טעלעך.

וואָס שייך די קאָנקרעטקייט פון שפּראַך, איז זיכער פאַראַן אַ נאָענטקייט צווישן שאַפּיראָן און מענדעלען. זיינען זיי אָבער אויך ווי ס'קען זיך אויפנאויביק אויסדאַכטן, קרובים אין זייער סאַטירישער געשטאַלטונג? דער אונטערשייד איז אין דעם פּרט, ווי איך גלייב, אַ פונדאַמענטאַלער. דעם זיידנס לעבנס־מאַטעריאַל איז אַן איבערגע־קליבענער, אַן אויסגעסדרטער און מענדעלעס ברייט־לייוונטיקער נוסח

דער יידישער פּראָזע-סטיל

טעכערט אויס מענטשן און געשעענישן איַעדן מיטן פּינקטלעכסטן און . . . מיטן סאַמע לעצטן וואָרט. מענדעלעס באַשרייבונג און אירע שפּראַכלעכע מיטלען זיינען סך-הכלדיקע, אָפּגעשלאָסענע.

שאַפּיראָס סטיל אָבער געפינט זיך אין סאַמע מיט פון זיין מאַטע־ריאַל־כאַאָס — אין סאַמע מיט פון זיין געשטאַלטונגס-עקספּערימענטאַ־ציע. דאָס אַמעריקאַניש-יידישע לעבן, וואָס איז דער ליטעראַרישער שטאָף פון שאַפּיראָס לעצטע און רייפסטע ווערק, איז אין תוך אַ זייער מאָדנע געזעלשאַפטלעך באַשעפעניש. עס איז יונג און ליאַרעמדיק — דאָס דאָזיקע לעבן — ווי אַ שטיפעריש חדר-ייִנגל און צו דער זעל־בער צייט מוטלאָז און פילאָזאָפיש אָפּגעבליאַקעוועט ווי אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער. עס שפרודלט מיט קאַריערע-גלוסטעניש און מיט תאווה צו דערפאָלג און גלייכצייטיק שמייכלט עס רעזיגנירט מיט אַנונגען פון פריצייטיקן טויט. עס עקספּערימענטירט נאָך מיט זיך אַליין — דאָס אַמעריקאַנער יידיש-יידיש לעבן. עס רייצט אָן אויף זיך דעם כעס פון סאַטירע און עס דרייט זיך אַרויס פון זיך אַליין מיט באַוואָרענישן פון צווייפל.

און שאַפּיראָס סטיל — ער איז ווי יעדער עכטער סטיל אַרויס־געוואַקסן פון זיין אייגענער טעמאַטיק, פון דעם תמצית אָדער בעסער געזאָגט פון דער תמציתלאָזיקייט פון זיין איסט-סיידער ליטעראַרישן שטאָף. שאַפּיראָס סטיל איז דערפאַר ניט אַזוי סאַטיריש ווי וואַגאַ־בונדיש. איך מיין, מען הערט ניט אין אים אַ קאָנסעקווענט און ציל־זיכער יאָגן זיך אויף ערגעצוואוהין געשטאַלטעריש אַנצוקומען, נאָר גיכער אַ נערוועז און אומרואיק אַרומהאַוועז איבער מענטשן און פאַקטן, אַן אַרומהאַוועז מיט שטעכיקער פאָלעמיק און מיט איראָני־שער רעזאָנירונג און אָפּפרעג.

אין „ניו-יאָרקיש" (ז' 17) זיצט דער אַלטער בחור מאני מיט דער קעלנערקע דאָלאָרעס אין מואווי. „די בליקע און גליטשיקע קופּלעטן און טענץ האָבן צעוואָרעמט דאָס מיידל, וואָס האָט שליסלעך ניט געקענט איינהאַלטן אירע געפילן און האָט זיך מיט אַ קוויטשעק צו־געדריקט צו איר קאַוואַליערס אָרעם". אַוודאי לאָזט זיך דאָס בילדל פאַרענדיקן מיט אַ דיקן סאַטירישן שטריך, אָבער שאַפּיראָס סטיל דרייט זיך אַרויס ביים סאַמע סוף פונעם זאַץ מיט אַ באַוואָרעניש פון שמייכל

און איראָניע. „ניט אַ שפּיל טאָן זיך מיט איר וואָלט געווען אַ גראָב־קייט" — גיט ער פּלוצים אַ פינקל און די שטעכיקע קפּדנות רירט זיך ניט פון אָרט. זי בלייבט שטיין עפּעס אַ צוריקגעהאַלטענע אין מיטן וועג.

דאָס קינסטלעריש-וואַגאַבונדישע אין שאַפּיראָס סטיל דערלאָזט ניט צו סאַטירישן אונטערצי. די סאַטירע ווערט מיד פון איר אייגענער בייזקייט און זי נעמט זיך אונטערפּוילן איראָניש. און די איראָניע — דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, שאַפּיראָס סטיליסטישער קליין-געצייג, מיט וועלכן ער פאַרמעסט זיך אויפן גרויסן פאַנצער פון לעבנס-פאַקטן און זעלישע צושטאַנדן און... טרעפט אים. עס חזרט זיך טאַקע ניט אי־בער דער נס פון דודן מיט גליתן. עס זיגט ניט דוד, אָבער גלית פאַר־לירט פון זיין גרויס. דער לעבנס-פאַקט ווערט ניט פּסיכאָלאָגיש פאַרניכטעט. ער קרומט זיך בלויז אויס אונטערן קלאַפּ, ער ווערט נעבעכדיק און פון אונטער דער געשטאַלטס זעלישער אַפּאַטיע הייבט אָן אַרויסצוקוקן דאָס רחמנות-פינטעלע פון אַ מענטשלעך אויג.

דער איראָנישער זאַץ, דאָס איראָנישע וואָרט און צומאָל בלויז דער איראָנישער קאַדאַנס פונעם לשון — זיי באַשאַפן דאָס די אייגנאַרטיקע אינטימקייט פון שאַפּיראָס סטיל. איך זאָג אייגנאַרטיקע, וואָרעם עס איז אַן אינטימקייט, וואָס באַגייט זיך אָן גוט-ברודערישקייט צו די אייגענע געשטאַלטן און אָן היימישן „אויף דו" מיט דער אייגענער שפּראַך. דאָס אינטימע איז דאָ פון אַן אַנדער מין. דאָס לשון איז דווקא קלאָר און דווקא אויף דיסטאַנץ, אַמאָל קאָרעקט און אַמאָל קאַפּ־ריזנע דיסטאַנצירט. נאָר דאָ און דאָרט האָט אַן איראָנישע רעפלעק־סיע זיך צעשאָטן איבער דער שפּראַך, איבער די זאַצן, איבער די ווער־טער, און דער דאַזיקער פּוך גיט צו די פּאַסירונגען און די געשטאַלטן — דעם חן פון אומלאָגיק. און גאַרניט מאַכט מענטשן נענטער, אינטי־מער, ווי דאָס אומלאָגישע, אַבסורדע פינטעלע אין זיי.

און אַמאָל געלינגט שאַפּיראָן מיט אַזאַ זייטיקער ערגעץ אין אַ פּאַראַנטעז איינגעקלאַמערטער באַמערקונג ניט נאָר צו שפּרייטן איב־טימקייט איבער זיין שפּראַך און פּסיכאָלאָגישע וואָרעמקייט צו זיינע געשטאַלטן, נאָר דאָס און נאָך מער ווי דאָס. עס טרעפט, אַז דורך אַזאַ מאמר המוסגר ווי למשל „איזי (פּישלער) האָט געהאַט עפּעס אַ ווייב

דער יידישער פּראָזע־סטיל

און עפּעס קינדער״ („דאָק״, ז׳ 174) דערגרייכט שאַפּיראָ אַ באַזונדערן איבערלעבן צמצום פון קינסטלערישן סטיל. ער האָט דערמאָלט דעם כוח אייך צו לאָזן קוקן אויף דער גאַנצקייט פון געשטאַלט ווי ביי אַ גלעזערנעם קעגל ניט נאָר פון דער ברייטער באַזע, נאָר אויך פונעם בלויז צו איין פּינטעלע צונויפגעדרענגטן שפּיץ. דורך זעקס ווערטער פון אַ פּאַראַגנטעז האָבן מיר זיך דערוואוסט, האָבן פאַרשטאַנען און עס איז אונז נאָענט געוואָרן די געשיכטע פון איזי פישלערס שלימזלדיקן משפּחה־לעבן, פון זיין צעבראָכענער מערכה און פון זיין צעשויבערט געמיט.

און צום סוף פון דער נאָטיץ זאָל נאָך דערמאָנט ווערן אַ וויכטיקע סטיל־דערגרייכונג, וואָס שטייגט אויף פון שאַפּיראָס נאַטור־ און פּאַנאָ־ראַמע־קאָנטעמפּלאַציעס. דער ביישפּיל:

אַהער צו דער הויך, וואו דאָס פאַרשטעטל איז געלעגן, האָבן קלאַנגען פון דער שטאָט געגרייכט שיטער און קנאַפּ. אַ דאַמפּער האָט געסאַפּעט ערגעץ אויפן טייך ווי אַ שווערער שווימער, אַ צוג האָט פאַרשלאָפן געדעדערט איבער איינער פון די צוויי בריקן און געפּאָכעט איבערן קאָפּ מיט אַ פרענזל רויך. טיפע שאָטנס האָבן געדוט אינעם פּלאָנטער פון די גאַסן, וואָס האָבן זיך געקייטלט באַראַראַפּ און פון דאָרטן איז געקומען אַמאָל אַ סקריפּ, אַמאָל אַ שאָרך, פאַרשטיקט און צווייפלדיק, ווי די קלאַנ־גען אַרום אַ שלאָפנדיקן, וואָס האָט נאָר וואָס געעפנט די אויגן. אַ קאָץ איז אַריבערגעגאַנגען דעם וועג מיט ווייכע וואַטענע טריט, פאַמעלעך און מיושבדיק; זי האָט באַשיידן פאַרשנורעוועט די ליפּן, ווי זי וויים, נאָר וועט ניט זאָגן, און האָט געשזמורעט די אויגן. פון דער אקאציע פאַרן הויז האָט זיך אָפּגעריסן אַ שווערער טראָפּן וואַסער, האָט אַ בליאַסק געטאָן אין דער זון און איז ניט געוואָרן.

(„ממה נפשך״, ז׳ 52)

דער ברייטער יום־טובדיקער, כמעט ריטועלער ריטם פון אָט דער באַשרייבונג איז, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, דער עונג־שבת פון שאַפּיראָס שפּראַך נאָך אַזויפיל קריטישע באַגעגענישן און צוזאַ־

מענשטויסן מיט די צערייצטע, פאַרשפּיצטע און . . . וואָכעדיקע טראַכ־טענישן און געפילן פון זיינע העלדן. אָבער אייגנטלעך, ניט דאָס בין איך אויסן.

די אויבן ציטירטע נאַטור־ און פּאַנאָראַמע־באַשרייבונג איז, ווי איך גלויב, אַ גרויסער סטיליסטישער נצחון דערפאַר, ווייל אין דער שפּראַך און אין די בילדער, וועלכע שאַפיראָ נוצט דאָ, מישן זיך אויף מענשטויסן מיט די צערייצטע, פאַרשפּיצטע און . . . וואָכעדיקע טראַכ־אַ זעלטענעם אופן צונויף דאָס אַקוסטישע, דאָס וויזועלע און דאָס גע־דאַכטע. עס איז אַ קלאַסישער ביישפּיל פון סטיל־רייכקייט, וואָרעם הינטער די ווערטער האָבן אויפגעמעריש געאַרבעט כמעט אַלע חושים פונעם קינסטלער און דער פאַנטאַזיע־כוח דערצו. דער גליקלעכער האַרמאָנישער צונויפשפּיל פון אַלע רעצעפּטיווע מעגלעכקייטן האָט אַרויסגעבראַכט אין דעם בילד פון די פופצן געדרוקטע שורות גלייכ־צייטיק שלווה און באַוועגלעכקייט, גלייכצייטיק אייביקן געדויער פון לעבן און דעם בליאַסק פון ניט ווערן.

6

„ואראה והנה חור אחד בקיר . . . ואחתר . . . והנה פתח אחד" — אָט די ווערטער פון יחזקאלס גרויסער וויזיע, וועלכע דוד בערגעלסאָן האָט אַוועקגעשטעלט ווי אַ מאָטאָ צו איינעם פון זיינע סאַמע בער־געלסאָנישסטע ראָמאַנען ווי „אָפּגאַנג" גיבן, דאַכט מיר, איבער צום בעסטן דעם תמצית פון זיין ליטעראַרישן סטיל. צום בעסטן — וואָרעם בערגעלסאָן האָט מער ווי יעדער אַנדערער פון אונזערע מאָ־דערנע פּראָזע־קינסטלער אינזינען געהאַט קודם־כל זיך צו דערגראָבן צו דעם פּסיכאָלאָגישן טירל, וואָס קען אַדורכפירן דורך דער זעלישער וואַנט פון זיינע געשטאַלטן. אים האָט אין זיינע ראָמאַנען און דערציי־לונגען אינטערעסירט ווייניקער דער געקייטל פון פּאַסירונגען און גע־שעענישן אַרום זיינע מענטשן און זאַכן און אפשר נאָך ווייניקער דער געזעלשאַפטלעכער פייזאַזש און די אידעאישע אַטמאָספערע, פון וועל־כער זיי וואַקסן אַרויס. זיין קינסטלערישע אַמביציע איז פאַר אַלעמען געווען להוט אַרויסצובאַקומען פון דער געשטאַלט דעם אינערלעכן נשמה־פּאָרטרעט, וואָס אַז מען האָט אים אויפגעכאַפּט, שטראַלט ער

דער יידישער פּראָזע־סטיל

אַרויס פון זיך און באַשאַפט שוין ממילא דעם דרויסנדיקן הינטער־גרונט.

בערגעלסאָן איז אפשר טאַקע דערפאַר ניט אַזוי דער ראָמאַן־שרייבער (דערצו פעלט אים די דינאַמיק פון סיפור־המעשה), ווי דער גרויסער פּאָרטרעטיסט פון דער יידיש־ליטעראַטור. אים גייט עס פאַר אַלעמען אויסצושעפּן פּסיכיש דעם מענטש און אַרויסצוברענגען די פאָרמולע זיינע, זיין פּאָרטרעטיסטישן שם־המפורש.

און דער געשטאַלטונגס־אינסטרומענט, דער סטיל, מיט וועלכן בערגעלסאָן נוצט זיך אויף צו דערגרייכן זיין קינסטלערישן ווילן, איז אַן אויספאָרשערישער, אַ דיאַגנאָסטישער. עס ווערן פאַרצייכנט די פאַקטן, עס ווערן צונויפגעקליבן די פּרטים, עס ווערן אַרויסגעאַר־בעט פּראָוויזאָרישע סך־הכלען — אַלץ אויפן וועג צום אַנטגילטיקן אורטייל, צום דיאַגנאָז.

אויך מענדעלע האָט פּינקטלעך פאַרצייכנט פאַקטן, אָבער די גרופּירונג, די איינאָרדענונג און דערעיקרשט דער אָפּשאַץ פון זייער וויכטיקייט זיינען געווען לגמרי אַנדערע, ווי ביי בערגעלסאָנען. וואָרעם ביי מענדעלען איז דאָס געווען אַ פאַרשרייבן לדורות פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער און ביי בערגעלסאָנען אַ פאַרנאָטירונג צוליב אַ תיכפדיקן באַריכט, וועלכער דאַרף צוגעשטעלט ווערן וועמען? — דעם ריכטער, דעם דאָקטער און זיך אַליין. דער זיידע באַשרייבט אַ לעבנס־שטייגער און לאָזט איבער צו דער געשיכטע צו מאַכן דעם בילאַנס. בערגעלסאָן נעמט אויף פּראָטאָקאָל, שטעלט אויס דעם קראַנקן־צעטל פאַר זיך אַליין, וואָרעם ער נייטיקט זיך דערין פאַר דעם ספּעציעלן גערעכטלעכן אָדער מעדיצינישן „קייס", וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו זיין קינסטלע־רישער השגחה און באַהאַנדלונג.

באַגלייך מיט דער שפּראַך פון געריכטס־אַקט און שפּיטאָל־צעטל ווערט אויך בערגעלסאָנס סטיל באַהערשט ערגעצוואו פון אַ מורא, אַז די געשטאַלט זאָל ניט אונטערגעביטן ווערן אונטער די ווערטער. עפּעס לאָזט אים ניט רוען דער חשד, אַז דער נאָמען פון זיין העלד איז צו קורץ, אַז ער איז ניט קיין גענוג גוטער דערקענונגס־צייכן פאַר אים, און בכלל אַז דאָס פּאַפּיר מיט די ווערטער ניט עס ברענגט אַרויס, נאָר פאַרקערט, עס פאַרשטעלט גאָר די לעבעדיקייט פון דער גע־

שטאַלט. ווי אַזוי באַוואָרנט זיך בערגעלסאָן? אַמאָל האַלט ער דווקא אין איין איבערחזרן דעם נאָמען פון זיין ליטעראַרישן פּאַרשוין און איז ביי יעדער איבערחזרונג מוסיף עפּעס אַ פיזישן סימן ווי אַ באַזונדערע דערקענונגס־סגולה און צומאָל רופט ער עלעהיי אַ דאָקטער זיינע מענטשן און זיינע זאַכן ניט אַזוי ביי זייערע נעמען, ווי בלויז ביי כאַראַקטעריס־טישע סימפּטאָמען פון זייערע חולאתן, ביי ספּעציעלע דיאַגנאָסטישע קנייטשן און ביי דינע פּסיכאָלאָגישע דעפיניציעס.

אין בערגעלסאָנס סטיל קומט פאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ שלאַכט פאַר אידענטיפיקאַציע פון די געשטאַלטן, אַ געראַנגל אויף צו דערהאַלטן די הונדערט־פּראָצענטיקייט, אַז זיי זיינען טאַקע זיי אַליין. וואָרעם אָט־די געוויסהייט, די אַלעמאָל אויפסניי געוויסהייט וועגן דער אידענ־טיטעט פון זיינע פאַרשוינען איז פאַר אים אויך די זיכערקייט, אַז ער געפינט זיך אויפן ריכטיקן וועג צו דער סך־הכל־דיקער צמצום־פאָרמולע פון זייערע פּאָרטרעטן.

ביי מלכּה לוויה אין „אָפּגאַנג״ באַקענען מיר זיך צווישן אַ רעדל יידן מיט דעם גרויסגופיקן קאַסיר פון ראַקיטנער וואַלד, יצחק בער. וויטער מיט עטלעכע שורות ווערן מיר אויך געוואויר, אַז

> אין די יונגע יאָרן איז ער געווען ערגעץ אַ שוחט צי אַ רב, אָט דער יצחק בער, ער האָט געקענט גוט לערנען, נאָר ער איז געווען אַן אַפּיקורס, קיינמאָל ניט געגאַנגען אין שול און האָט שטאַרק פיינט געהאַט פרומע יידן.

(„אָפּגאַנג״, ווילנער פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע 1929)

איז דערנאָך אַלעמאָל ווען מיר באַגעגענען זיך מיט יצחק בערן, וועט אונדז בערגעלסאָן צוליב אידענטיפיקאַציע ניט פאַרפעלן צו דער־מאָנען אין דעם גאַנצן פּעקל סימנים: „גרויסגופיק, איז אַמאָל געווען אַ שוחט, צי אַ רב און האָט פיינט פרומע יידן און גייט קיינמאָל ניט אין שול...״ און אַז מיט עטלעכע פּאַראַגראַפן שפּעטער קומט צו נאָך אַ פיזישער צייכן, דהיינו „זיינע גרויסע אויסגעקוליעטע אויגן״, וועט אָט־דער נייער סימן אויך שוין ניט פאַרגעסן ווערן און ער וועט פיגורירן אין די אָקטן כמעט אַלעמאָל, ווען עס וועט דערמאָנט ווערן דער נאָמען יצחק בער.

און יאָסל באַמפּעלדס וויב פייגע אין דער דערציילונג „שונאים״

דער יידישער פּראָזע־סטיל

— געקליבענע ווערק, ווילנער פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע 1929 — ווערט אידענטיפיצירט אין די מייסטע סיטואַציעס דורך די סימפּטאָמען פון איר משונהדיקער שלאַפקייט: „עס מלויעט זי שטענדיק אויפן האַרצן און איר מויל געגעצט פון זיך אָפּט מיט אָפּטע קורצע געגעצלעך“.

און ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוואונקען, איז אָט־דער עלע־מענט פון אידענטיפיקאַציע אין בערגעלסאָנס סטיל אויך אַ רעזול־טאַט פון זיין בענקשאַפט און שטרעבונג נאָך דער לעבעדיקייט פון געשטאַלט. דער פאַרלאַנג זיך אַרויסצורייסן פון דער פאַפירענער וואָרט־פאָרמולע און צו ווייזן טאַקע דעם מענטש גופא, טרייבט בערגעלסאָנען אַלץ געדיכטער און געדיכטער אַריין אין די דאָזיקע פאָרמולעס, וואָרעם דער באַגער בייצוקומען די שפּראַכלעכע צייכנס קען נאָר דערגרייכט ווערן דורך די צייכנס גופא, דורך מער פאַרשטאַרקטע, מער אונטערגע־שטראָכענע און מער בולטע צייכנס. עס איז פּאַראַדאָקסיש? אמת. אָבער אין דעם דאָזיקן פּאַראַדאָקס קומט דאָך טאַקע צום אויסדרוק די טראַגישע באַגרענעצטקייט פון קינסטלערישער שאַפונג בכלל.

און מיר דאַכט, אַז אָט־דאָס טראַגישע שפּאַנען פון איין רעאַליס־טישער שפּראַך־פאָרמולע צו דער אַנדערער, כדי אָנצוקומען צו דער סאַמע לעצטער און אויסשעפּנדיקסטער — דווקא די דאָזי־קע פּראָטאָקאָלאַרישע זאַכלעכקייט פון סימנים ברענגט אַריין אין בערגעלסאָנס סטיל יענעם שטיל נאָגענדיקן טאָן, יענעם עלעגישן קאַדאַנס פון זיין שפּראַך, וואָס איז דאָס העכסט־פּערזענלעכע מוזיק־פּינטעלע, וועלכעס מען קען דערהערן אין יעדער שורה זיינער.

ביי מענדעלען גייען דאָס לירישע און דאָס זאַכלעך באַשריי־בערישע נעבנאַנאַנד און נאָכאַנאַנד. ביי בערגעלסאָנען איז דאָס עלעגישע דער גרונט־ריטם פון זיין פּראָטאָקאָלאַרישער פאַרצייכענונג. די זאַכלעכע ווערטער וויברירן מיט עפּעס אַ געזאַנג, מיט עפּעס אַ טרויעריקער אָנונג, אַז דאָס עסענציעלע, צו וועלכן זיי ציען זיך, וועט אין תוך אויך גאָר ניט אויפקלערן, וואָרעם דאָס לעצטע — עס מעג זיך פאַרשפּיצן אַנעקדאָטיש (ווי ניט איינע פון בערגעלסאָנס דערציי־לונגען) אָדער עס מעג זיך צעשטראָלן מיט צער (ווי אַ סך פון זיינע נאָוועלן און ראָמאַנען) — עס איז אָן באַוועגונג און אָן באַגער.

זיין קינסטלערישן ציל — צו דעפינירן דעם סאַמע פּסיכאָלאָגישן

עסענץ פון זײַנע מענטשן, פון זײַנע זאַכן און פון זײַנע אַטמאָספערעס — האָט בערגעלסאָן געקענט דערגרייכן אויפן חשבון און אפשר צום שאָדן פון זײַן געשטאַלטונגס־דינאַמיק, פון זײַן סטיל־אימפּעט. וואָרעם די דעפיניציע, זי קען ניט געכאַפּט ווערן אין פלוס פון זאַכן און פּאַסירונגען. דער מאָדעל מוז פאַרפיקסירט ווערן, כדי דער קינסטלער זאָל פון אים קענען אַרויסקוקן און אַרויסשמעקן דאָס תמציתדיקע פּינטעלע. און טאַקע ניט אומזיסט האָבן די צוויי חושים: ראיה און ריח, די אויבערהאַנט אין בערגעלסאָנס שפּראַך. זיי זײַנען די בעסטע אויספאָרש־אינסטרומענטן פאַר אומבאַוועגלעכקייט.

וואָס אַ שטייגער קען זײַן מער היפּוך צו סטאַטישקייט, פליסיקער און רעשדיקער ווי דער געיאָג פון שעהן און מעת־לעתן? ביי בערגעלסאָנען אָבער איז די צייט אַזוי: האַלט זי זיך אויף ערגעץ אין אַ „פאַרלוירענער נעסט מיט עטלעכע הונדערט יידן” ווי אין דער דערציילונג „שבט גדליה” (באַנד VI) איז זי „אַ שטילע און אַ זויערע ווי אַן אַלטע מויד, וואָס האָט ניט חתונה און איז פרום און לעבט יאָרן לאַנג אָן שום אומגליקן און אָן שום גליקן”. האַנדלט זיך עס ווידער וועגן דער צען־אַ־זייגער־אָוונט־שעה אין בערלין, ווי אין דער נאָוועלע „מיט אַ נאַכט ווייניקער”, איז זי „אַ נעפּלדיק־עלעקטרישע, אַ דערוואָרגענע”.

ערשט ווען די געשטאַלטונגס־אָביעקטן ווערן באַפרייט פון זייער אויסערער באַוועגלעכקייט און גערויש, קען פון זיי אויפגיין דער אינטענסיווער ריח פון פּסיכישן תמצית. ערשט אַן אָפּגעשטעלטע אין גאַנג, „אַ דערוואָרגענע”, נעמט די בערלינער צענטע אָוונט־שעה מאָנען, אַז „מען זאָל זיך מיט איר באַהעפטן דורך אַ וואונק, דורך אַ בליק, דורך אַרומפירן דעם עצירותדיקן הונט אויפן טראָטואַר — אַרומפירן הין און צוריק און שווייגן”.

שווייגן — וואָרעם נאָר פון דער מאַסיווער שטילקייט פון און אַרום זײַנע מענטשן און זאַכן האָט בערגעלסאָנס שפּראַך געקענט אַרויסברענגען מיט אַזאַ צמצום די פּאַסן פון אינערלעך ליכט, וואָס זײַנען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זײַן געשטאַלטונג. עס איז אין זײַנע פּסיכיש־דיאַגנאָסטישע פאָרמולעס כמעט ניטאָ אַ וואָרט, וואָס זאָל ניט אויפהעלן אַ גרעסערן אָדער קלענערן פלעק פון נשמה־פינצטערקייט.

דער יידישער פּראָזע־סטיל

צי איז עס „ס׳עצירות״ פונעם הונט אין דער בערלינער אונט־שעה אָדער די „זויערקייט״ פון גדליהס צייט — עס שלאָגט ליכטיקייט פון ערגעץ טיפער און באַלויכט די סטאַטיק.

בערגעלסאָנס דערציילונג איז צום גרויסן טייל דער שטיל־לעבן פון יחידישן נשמה־געשפּין אין אונזער ליטעראַטור, פּונקט ווי מענדעלעס — דער „נאַטור־מאַרט״ פון כללישן שטייגער־געוועב. דער חילוק באַשטייט אָבער ניט בלויז אין די קינסטלערישע אָביעקטן, נאָר אויך אין די געשטאַלטונגס־מיטלען און אין די רעזולטאַטן. אויף בערגעלסאָנס פּאָרטרעטן קען מען ווי אויף קינסטלערישע בילדער לאַנג קוקן און ניט מיד ווערן צו אַנטדעקן אין דער געשטאַלט דעם געשטאַלטער. מענדעלעס מייסטערהאַפטע שטייגער־בילדער, זיי איילן זיך אַוועק פון אייער אויפמערקזאַמקייט — אין פּאַנטעאָן פון קולטור־געשיכטע.

7

וועגן סטענדאַלן איז געזאָגט געוואָרן, אַז זיין ליטעראַטור איז אַ מענדעלעכע — אַ סימן זיינע פּרויען ווערן אַזוי ליידנשאַפטלעך געליבט. אויף דער מענלעכקייט פון יוסף אָפּאַטאָשוס ראָמאַנען און דערציילונגען זאָגט עדות דער סטיל, אין וועלכן זיי זיינען געשריבן געוואָרן. וואָרעם ניטאָ, דאַכט זיך, קיין צווייטער אין דער יידיש־פּראָזע, וואָס זיין שפּראַך זאָל אָטעמען מיט אַזוי פיל באַוועגלעכקייט און מיט אַזוי פיל קראַפט, ווי אָפּאַטאָשוס. זיין אופן פון געשטאַלטונג האָט עפּעס ווי געשטעלט אויף רעדער דאָס גאַנצע יידישע לעבן און אַרויסגעריסן פון קאָנטעמפּלאַטיווקייט די קינסטלערישע מאָדעלן זיינע. און עס גייט ניט נאָר וועגן דעם, וואָס אָפּאַטאָשו האָט טעמאַטיש געדעקט גרויסע שטחים פון יידישער טעריטאָריע און יידישער היסטאָריע. דאָס האָט אַש געטאָן באַגלייך מיט אים. עס האַנדלט זיך וועגן דער דינאַמישקייט, מיט וועלכער אָפּאַטאָשו האָט אויסגעפּולט, אַזוי צו זאָגן, אַלע מינוטן אין דעם מעת־לעת, אין אַלע צייטן פון זיינע געשטאַלטן. עס איז גלייך, ער זאָל ניט וועלן דערלאָזן קיין איין לײדיק־גייערישן מאָמענט ניט אין דער אויסערלעך־פיזישער און ניט אין דער אינערלעך־נשמהדיקער פאָרמאַציע פון זיינע ליטעראַרישע פּאַרשוינען און זאַכן, און אַפילו ניט אין זייער אַרום פון געזעלשאַפט און נאַטור.

דער יידישער פּראָזע־סטיל

צו אַ ט־דער געשטאַלטונגס־כוונה פונעם לעבן אינעם פּראָצעס פון לעבן האָט אַפּאַטאָשו צוגעפּאַסט זיין סטיל, וועלכן מען וואָלט געקענט אָנרופן אַ סטיל פון צייטווערטער. ווארעם ביי קיינעם פון די אַנדערע וויכטיקע פּראָזע־שרייבער אין יידיש דאָמינירט ניט אין אַזאַ מאָס דאָס צייטוואָרט, ווי ביי אַפּאַטאָשון. דאָס הויפּטוואָרט פּרעזענטירט זיך אין זיין שפּראַך צום סאַמע גרעסטן טייל ניט מיטן גרים פון זיין אייגנשאַפט, נאָר מיטן ריטם פון זיין טואונג.

דער אַדיעקטיוו אַפילו דער סאַמע ריכטיקסטער איז דאָך פאַרן הויפּטוואָרט ערגעצוואו אַן אָפּשטעל אין צייט, ערגעצוואו אַ מאָמענט פון מער אָדער ווייניקער געקינצלטער שטייפקייט פאַר דער הנאה וועגן פונעם פרעמדן אויג. דאָס צייטוואָרט דאַקעגן אַפילו אַזאַ גליי־וועררדיקס ווי „רוען" האָט אין זיך דעם ברויז פון דינאַמיק, פון נאַטיר־לעכער באַוועגלעכקייט לשם לעבן.

ווערט טאַקע דערפאַר יעדע סיטואַציע, אַפילו די סטאַטישע פּאָ־זיציע פון „רוען", ביי אַפּאַטאָשון געשטאַלטעריש פונאַנדערגעלייגט אויף אירע באַוועג־טיילן און די לעבעדיקע גאַנצקייט און ניט נאָר די גאַנצ־קייט, נאָר אויך דער קינסטלערישער צמצום פון דער גאַנצקייט ווערט באַשאַפן פון דעם צונויפשטעל פון די איינצלנע טואונגען.

אַט למשל האָט מען ביי שמעון „פויער" אין הויף פרי באַכט גע־מאַכט און אין שטאַל האָט זיך באַזעצט די רו. איז, ווי אַזוי ווערט זי אונז באַוויזן?

„אין די שטאַלן האָבן קי געאַרבעט מיט די בייכער ווי מיט בלאָז־זעק. פערד זיינען ניט איינגעשטאַנען, זיך געריבן אָן די ווענט, צעשאָטן די פּאַשע מיט די נאָזלעכער, געריסן פון בענ־קעניש די קאָרעטעס."

אַזוי די בהמות. און די מענטשן?

„די פּאַראָבקעס זיינען געלעגן אויף בונטן שטרוי מיט פאַר־ריסענע קעפּ, אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון בהמה־מיסט, פון צע־פּאַרעטן ווייבער־לייב, וואָס איבער די ווענט, געלאָזט קנוילן פּאַ־רע צו די באַלקנס און די אָנגעקוואָלענע גלידער האָבן געוויינט פאַר צופיל שפע."

די סטיליסטישע שפּאַרעוודיקייט אין דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער

דער יידישער פּראָזע־סטיל

געשטאַלטונג איז, ווי מיר דאַכט, איינע פון די סאַמע שווערסטע און וואונדערלעכסטע פּראָזע־דערגרייכונגען, וואָרעם דער צמצום ווערט דאָ פאַרווירקלעכט אין סאַמע מיט פון שפּראַך־רחבות. עס ווערן דאָ ניט גענוצט קיין סינטעטישע אַדיעקטיוון אויף איינצופאַנגען און אַרויס־צוברענגען די נאַכט־רו אין שטאָל. פאַרקערט, די שפּראַך צעלאָזט זיך מיט דעם גאַנצן פלייץ פון נאַטוראַליסטיש־קאָנקרעטע צייטווערטער אויף צו צעשטערן, דאַכט זיך, די שלווה, און עס געשעט ווי אין דער נאַטור: דער טייך מורמלט ליאַרעמדיק, דיביימער ניט זיי שושקען זיך, נאָר זיי רעדן זיך איבער מיט זייערע בלעטער הויך און אויף אַ קול, און גאָטס לעבעדיקע באַשעפענישן האַלטן אויך ניט אין דעם אָטעם, נאָר זיי רייסן זיך די העלזער איעדעס אויף זיין אופן — און אַזוי פון אָט־דער שפע פון רעש באַקומט זיך דאָס די אַזוי פיל באַ־זונגענע נאַכטישע שטילקייט אין וואַלד. פון אָט דער אויסערלעכער באַוועגלעכקייט פון אירע טיילן גייט אויף די אינערלעכע מיסטעריע־שווייגעניש פון דער נאַטורס גאַנצקייט.

און ווי אין דער נאַטור, אַזוי אויך מן הסתם אין דער קונסט. דער סוד פון האַרמאָניע באַווייזט דאָס דאַזיקע וואונדער פון גע־שטאַלטונג. עס איז דאָ ממש אַ נאַטורהאַפטער סדר אין דעם בייאַנאַנ־דער־שפּאַן פון די הויפּט־ און צייטווערטער אין אָפּאַטאַשוס שפּראַך און עס איז פאַראַן עפּעס אַ שלימותדיקער צונויפשטעל פון טואונג און סוביעקט און אָביעקט פון טואונג אין זיין סטיל.

איין סובסטאַנטיוו יאָגט זיך האַפּערדיק און מיט אינערלעכער סי־מעטריע־געזעצלעכקייט פאַנאַנדער מיט דריי און מיט מער צייטוואָר־טער און איין פּרעדיקאַט ברענגט צו טראָגן מיט געטריישאַפט אַזוי פיל און נאָך מער הויפּטווערטער. די שם־עצמס „פאַראַבקעס” און „פערד” אין דער דערציילונג „יוגנט” טוען דריי טואונגען מיט אַמאָל און ביי־אַנאַנד, און אַפילו אַזאַ דומם ווי פּעסלינס קלייד אין דער נאָוועלע „אליהו בחור” ווערט אויך דינאַמיזירט פון כלערליי באַוועגונגען.

„אַ שוואַרץ זיידן קלייד, געפּאַסט אין סטאַן, מיט אַרעמבענ־דער אַרום די אַרבל, מיט שטיקערייען אַרום האַלז, און פון דער טאַליע פאַלדן און פעלדלעך, זיידענע פאַלעס, וואָס שווילן, צע־בלאָזן זיך ברייט און ברייטער, אַ גאַנץ געשטעל, וואָס רעדט, רוישט, צישעט ביי יעדן ריר, ביי יעדן קער.”

דער יידישער פּראָזע-סטיל

און אַז אויף ז׳ 33 פון „צווישן ימען און לענדער״ (ניו-יאָרק 1937) זיינען אָנגעלאָפן ווינטעלעך פון די פרדסים און האָבן מיטגע־בראַכט טרויער, האָבן זיי אים מיט אַ סדר פאַרטיילט אויף דריי סוב־יעקטן: „טרויער פאַרן אייגענעם לעבן, פאַר דער אייגענער פּראַצע, פאַרן אייגענעם לשון״.

אַ דאַנק אַט דער קינסטלעריש רעאַליזירטער צוועקמעסיקייט און פּראָפּאָרציע פון טוער און טואונג, ווערט אַחוץ דער שוין דערמאָנטער שפּאָרעוודיקייט פון זאַץ און בילד און אַחוץ דער שטענדיקער באַוועג־לעכקייט פון סיפּור־המעשה אויך דערגרייכט דאָס, וואָס איבער דער דינאַמישסטער שפּראַך אין אונזער פּראָזע שפּרייט זיך די גרעסטע מאָס פון ווערדע און פון רואיקער זיכערקייט — פון מענלעכקייט אין אונזער פּראָזע.

אין אַשס שפּראַך דאָמינירן לירישע טענער. פון שאַפּיראָס לשון רייסן זיך אַקאָרדן פון סאַטירישן פּאַמפלעט. פון בערגעלסאָנס סטיל טראָגט זיך דער ניגון פון עלעגיע. אין אָפּאַטאָשוס ראָמאַנען און דער־ציילונגען, אין וועלכע ס׳ברויזן אָפט אַזוי פיל לײדנשאַפטן, עס ציגדן זיך מיט אַזוי פיל גבורה באַגערן פון גוף און נשמה — דווקא אין זיי איז דערגרייכט געוואָרן יענע זעלישע גלייכוואָגיקייט פון געשטאַלטונג, וועלכע קומט צושטאַנד דעמאָלט, ווען קראַפט פאַרבינדט זיך מיט ראַ־פינירטקייט.

עס איז אין אָפּאַטאָשוס סטיל פאַראַן יענער זעלטענער צוזאַמענ־שפּיל פון מאַטעריע און גייסט, וואָס דערמאָנט אין די מאַנצביל־סקולפּטורן פון די אַלטע גריכישע מייסטערס. מען קוקט אויף אַזאַ באַרימטער שטיין־פיגור און עס דאַכט זיך, אַז איבער איר פּלייצע האָט זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט אַראָפּגעלאָזט די קאָנקרעטקייט פון פליייש און מוסקולן און זי פאַרנעמט דעם גאַנצן שטח. וואו קומט דאָ צום אויסדרוק דער גייסט? ער ליכטיקט זיך אין די אינערע באַווע־גונגס־ליניעס פון דער גשמיות, אין די מיט וואונדערלעכער דינקייט און ראַפינירטקייט אויסגעמאָסטענע דיסטאַנצן אין באַנאַנדער־געלאָף און אין קרייץ־געיעג פון די דיקע און געשפּאַנטע פליישרימענס.

אויך אין אָפּאַטאָשוס שפּראַך איז מיט אומפאַרמינערטער גאַנצ־קייט פאַרבליבן די שפּראַכלעכע פליייש־מאַסע, איך מיין די מאַסיווע

דער יידישער פראָזע־סטיל

קאָנקרעטקייט פון ווערטער, פון אידיאָמען און שפראַך־ווענדונגען פון רעגענסבורג, פון מלאַווע און פון ניו־יאָרק. אַלע זיינע געשטאַלטן, צי איז דאָס דער אַלטער צירונג־הענדלער פון קיסריה, קיוּוקע גנב פון מלאַווע, די טענצערינס רויזלין פון „אַ טאָג אין רעגענסבורג" אָדער רעגינע פון „אַרום גרענד־סטריט", צי גאָר אַפילו משה העס אין 1863, אָדער דער אָסטראָווצער רבי, וואָס האָט אַ האַלב יאָרהונדערט געפאַסט תעניתים — אַלע שטייגן זיי אויף פון אַפאַטאָשוס שפראַך־קאָנקרעטקייט און רעדן כמעט דורכויס קאָנקרעטע רייד. דער גייסט פון טיפע עטישע וועלענישן און די הייסע שטרעבונג צו אַ העכער לעבן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גרויסן טייל פון אַפאַטאָשוס ליטעראַרישע פאַרשוינען, גייט אויף סטיליסטיש ניט פון אַבסטראַקציעס, ניט פון ציטערדיק־געפיעשטשעטע ווערטער און אויך ניט פון אַריינטאַטואירטע פסיכאָלאָגישע פאָרמולעס, נאָר פון דער זעלטן יוגנטלעכער בויגעוודיקייט, וואָס מיט איר ברענגט ער אַריין באַוועגונג אין דער אַלטער און סאָלידער שפראַך־מאַטעריע זיינער. אַפאַטאָשוס סטיל איז דער וואונדער פון לייכטקייט, מיט וועלכער עס באַוועגט זיך די שווערקייט.

די פינקטלעך אויסגעמאָסטענע און פאַרטיילטע טואונגען אין זיינע שורות און דערביי די גיכע און איבערראַשנדע ווענדונגען און איבערגאַנגען פון זאַץ און אָפּזאַץ שאַפן אויך יענע רחבות פון צעשפּאַרטן שטח, פון גערױמקייט, וואָס גיט אי דעם געשטאַלטער און אי דעם לייענער דאָס נחת־געפיל פון באַזיצן אַ סך מער, ווי מען נוצט אויס. „וואו אַ קער און וואו אַ ווענד" — טראָגט עס זיך פון אַפאַטאָשוס שפראַך און זאָגט אָן, אַז אין איר איז פאַראַן ברייטקייט, איז דאָ פרייקייט אויף איינצונעמען נאָך מער, אויף צו דעראָבערן אַלץ מער און מער.

אין אַפאַטאָשוס ווערק קומט אויף צום ערשטן מאָל אין אונזער פראָזע אַ סטיל פון עכטן רעאַליזם. עס איז אַ געשטאַלטונג ניט פון אָלימפּישער רו, אָבער דערפאַר פון סאָוווערענער באַהערשונג פון מענטשן, זאַכן און געשעענישן. עס איז אַ שפראַך פון פאַרוואָרצלטקייט על־פי געמיט און פון באַוועגלעכקייט על־פי אינטעלעקט. עס איז אַ סטיל, וואָס אין אים צאַצקעט זיך ניט דער קינסטלער מיט זיין העלדיש שוואַכקייט, נאָר ברענגט אַלעמאָל אַרויס זיין אייגענע שטאַרקייט.

(1942)

גרויסע און קליינע משומדים

אומזיסט האָט מען חושד געווען פראַנץ ווערפעלען, אַז ער איז אַ משומד. דער באַרימטער יידיש־דייטשער שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך אַנומלט אַרויסגעראַטעוועט פון פראַנקרייך צו די זיכערע ברעגעס פון אַמעריקע, האָט אין אַ געשפרעך מיט אַ פאַרטרעטער פון דער יידישער פרעסע בפירוש אָפּגעלייקנט די דאָזיקע ידיעה און זי גע־שטעמפּלט ווי אַ בייזוויליקע אויסטראַכטעניש.

זיינען מיר צופרידן, וואָס ווייניקער איין ייד, און דערצו נאָך ווײ־ניקער איין באַרימטער ייד טראָגט אויף זיך דעם מאָראַלישן פגם פון האָבן אויסגעביטן ס׳רענדל. און ניט אַנדערש ווי טאַקע צוליב צו־פרידנקייט גלוסט זיך צו פרעגן: פון וואַנען נעמט זיך די אויסטראַכ־טעניש פון שמד אויף ווערפעלען? איך מיין, ווו ליגט דער פּסיכאָלאָ־גישער יסוד פון דעם פאַקט, וואָס מען האַלט איצט אין איין אויס־טראַכטן אויף יידן, אַז זיי זיינען משומדים, און וואָס מיר קאָנען, בעוונותינו הרבים, זעלטן ווען דערגיין ווי ווייט די אויסטראַכטעכצער זיינען אמת? איך שטרייך נאָך אַ מאָל אונטער, אַז דעם פאַל ווערפל־לאָז איך אַרויס פון שפיל, וואָרעם דאָ האָט דער בעל־דבר אַליין גע־רעדט און אָפּגעלייקנט. אָבער אין די מייסטע אַנדערע פאַלן פון פאַרדאַכט אויף שמד שווייגן די פאַרדעכטיקע אין אַלע 70 לשונות פון שווייגעניש. ווערט איר טאַקע אין כעס און ווילט שוין גלייבן, אַז אייער גוטער באַקאַנטער פלוני בן אַלמוני איז אַ משומד. דערמאָנט איר זיך אָבער, אַז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק זייט איר מיט אים געזעסן צוזאַמען אין אַ מסבה פון פריינד און ער האָט מיט אייך אינ־איינעם געקרעכצט די סאַמע אמתדיקסטע יידישע קרעכצן אויפן פינצ־טערן גורל פון יידישן פאָלק. פאַלט איר שוין אַריין אין ספק, וואָרעם, טראַכט איר זיך מיט רעכט, וואָס פאַר אַ מין משומד איז דאָס, וואָס באַהאַלט זיך מיט זיין שמד? צוליב וואָס האָט ער באַצאָלט דעם גלח פאַר טובל׳ען, אויב די טבילה זאָל בלייבן אַ סוד?

גרויסע און קליינע משומדים

דאָס וואָרט משומד איז ביי אונז אַלעמען תמיד געווען פאַרבונדן מיט להכעיס׳דיקייט. אַ משומד, האָבן מיר געוווסט, דאַרף מאַכן רעקלאַמע פאַר זיין שמד. און די בעסטע רעקלאַמע איז אַלע מאָל געווען רעדן רכילות אויף יידן, אויסטראַכטן אַ בלבול און בכלל — אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצל. וואָס בייזער דאָס שפּיצל איז געווען, אַלץ מער אָנזען האָט דער נייער קריסט געהאַט ביי זיינע גלויבנס־ברידער און אַלץ זיכערער האָט ער געקאָנט זיין, אַז זיי וועלן ניט צווייפלען אין דער עכטקייט פון זיין נייער אמונה.

אַ משומד, אַן אמתער משומד להכעיס איז געווען יענער ייד פון מיין היימשטאָט אין גאַליציע, וואָס האָט אין איינער אַ סוף־חודש־נאַכט אַרויפגעקלעטערט אויפן סאַמע שפּיץ פון פוילישן קלויסטער און דאָרט אויפגעקלאַפּט אַ גאָלדענעם שם הויה. דערמיט האָט דער געשמדטער ייד ניט נאָר געמאַכט אַ גוואַלדאָוונע רעקלאַמע פאַר זיין נייער קריסט־לעכקייט, נאָר ער האָט אויך באַוויזן, אַז פאַר אַ ביסל להכעיס צו יידן איז ער זיך ממש גרייט מוסר נפש צו זיין. און די דאָזיקע מסירת נפש צו אַזאַ גרויסער עבירה ווי אויפקלאַפּן הייליקע אותיות אויף אַ טפלה האָט געפאָדערט ביי אונז רעספּעקט. מיר האָבן געהאַט אַ טיפע פאַר־אַכטונג צו דער מאָראַלישער געפאַלנקייט פונעם משומד, אין אונז האָט געברענט אַ פייער פון צאָרן אויף זיין נאַציאָנאַלן פאַרראַט, אָבער ער־געצוואו האָט אין אונז געטליעט דרך־ארץ צו דעם אומהיימלעכן קוראַזש פון אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט דעם כוח צו דערשטיקן אין זיך אַלע אינסטינקטן פון ירושה, צו דערהרגענען אַלע פליגן פון געוויסן, איבער־צורייסן אַלע פעדעם פון משפחה און כלל און צו פייפן מיט טייוולשער חוצפה דאָס לידל פון אומגעהאַמעוועטן פּערזענלעכן אינטערעס.

ווי קליין און נישטיק זעט אויס אַקעגן דער רשעותדיקער גרייס פון דעם משומד אין מיין גאַליצישער היימשטאָט אַ היינטצייטיקער ייד מיט אַ טויפשיין אין קעשענע?! עס שטייט מיר פאַר די אויגן איינער אַ רומענישער זשורנאַליסט, וואָס איז פערציק יאָר געווען געשמדט. אין משך פון די פערציק יאָר האָט ער קיינעם ניט דערציילט וועגן זיין יידישקייט און אַלעמען פאַרשוויגן זיין קריסטלעכקייט. יידן האָט ניט געקאָנט איינפאַלן צו מיינען, אַז ער איז אַ קריסט, און קריסטן זיינען געוווּיר געוואָרן, אַז ער איז ניט קיין ייד, ערשט דעמאָלט, ווען יידישקייט

גרויסע און קליינע משומדים

האָט זיך געצאָלט מיט פּעטש און אַראָפּוואַרפן פון דער באַן. פּאַר קוזיסטישע סטודענטן, וואָס האָבן דעם פאַרהוילענעם משומד ניט איין מאָל געוואָלט דערלאַנגען אין זיין יידישער צורה, פלעגט דער זשור־נאַליסט, וועלכער איז אין יידישער געזעלשאַפט געווען אַזאַ וווּנדער־לעכער קרעכצער אויף יידישע צרות, שטיל און באַשיידן באַווייזן זיין פּאַספּאָרט, ווו עס איז געווען פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז פּעטש זיינען ניט פאַר אים, ווייל ער איז פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. דער שוואַכהאַרציקער משומד האָט ניט געהאַט קיין כוח צו פאַרגעסן זיין יידישקייט. ס׳איז גענוג געווען אַ טרונק בראָנפן מיט לעקעך, אַז עס זאָל אין אים דערוואַכן די דערמאָנונג אין זיין טאַטעס יידישער שטוב און זיינע אויגן זאָלן זיך באַנעצן מיט טרערן. אָבער ס׳איז אויך גענוג געווען די מורא פאַר איין קוזיסטישן פּאַטש, אַז די דאָזיקע דערמאָנונג זאָל ערגעצוואו פאַרזונקען ווערן אינאיינעם מיט אַלע קרעכצן אויף יידישע צרות.

די דאָזיקע צוויי משומדים, דער שטורעמדיק־דראַמאַטישער פון מיין גאַליצישער היימשטאָט און דער פאַרבלאָז־אַפּערעטישער פון דער רומענישער זשורנאַליסטיק, זיינען ניט קיין פסיכאָלאָגישע צופעליקייטן, נאָר זיי שפּיגלען אָפּ אַ צושטאַנד פון יידישן לעבן.

אין מיין גאַליצישער היימשטאָט האָבן געוווינט יידן מיט אַ ליידנשאַפטלעכן גלויבן אין זייער גאָט און מיט אַ טיפער אמונה אין קיום פון זייער פאָלק. האָט זיך אַ ייד איבערגעקערט צוליב דער גראָ־בער גשמיותדיקייט פון קאַריערע, אָדער גאָר ווייל ער איז געווען איינער פון יענע „אַזראַ״־מענטשן, וואָס וועגן זיי האָט היינע געזונגען, אַז זיי טוען שטאַרבן ווען זיי טוען ליבן, האָט ער מיט זיך אין דער איבער־געקערטקייט אַריין מיטגענומען דעם גאַנצן ברען צו דער אמונה פון זיינע זיידעס און דאָס גאַנצע עקשנות צו גייסטיקער עקזיסטענץ פון זיינע טאַטעס. די גאַנצע וווּנדערלעכע מסירת נפש, וואָס איז פריער געווען דער רוקנביין פון יידישן קיום, איז איצט געוואָרן דער אָנשפּאַר פון משומד׳ס סיטרא־אַחרא׳דיקייט. דער קעגנזאַץ צו טיפע מאַמינים זיינען ניט ווייניקער פאַרגלויבטע אַפּיקורסים. זיגט דער בייזער גייסט איבער גרויסע יידן, דאַן קאָנען פון דעם נצחון אַרויסשפּרינגען ניט אַנדערש ווי ניט .ווייניקער גרויסע משומדים.

גרויסע און קליינע משומדים

אין דער שטאָט פון מיין רומענישן זשורנאַליסט איז די יידישקייט געווען אַ לעבלעך־וואַרעמע, זי איז געפלאָסן זומפיק־פלאַך און אירע העכסטע פונקטן זיינען געווען דריי טעג אין יאָר האַלב־רעפאָרמירטער טעמפל. אַוודאי האָט אַזאַ אידנטום אָן שום דראַמאַטישע אַקצענטן, אַ יידנטום וואָס האָט ניט געהאַט קיין כוח אָנצוצינדן אַ פרומען באַגער צום נאַציאָנאַלן לעבן, אויך ניט געהאַט די קראַפט אַ פלאַם צו טאָן מיט טריפהנעם גלוסט צו פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער פאַר־ניינונג. פריווילעגיעס פון „קולטור״ און פון קאַריערע ביז צו אַ געוויסן גראַד האָבן געקאָנט — און דאָס קלאַסישע לאַנד פון דער דאַזיקער קאַ־נעכן איז אַ יאָרהונדערט לאַנג געווען דייטשלאַנד — דערגרייכט ווערן אויך אויפן סמך פון פאַרבלאַזער טעמפל־יידישקייט אַליין. וואָס שייך דעם בונד פון ליבע מיט קריסטלעכע מיידלעך, האָט זיך דאָ די באַשיידענע און טעמפעראַמענטלאָזע „יאָם־קיפּור״־יידישקייט אויך ניט אַנטקעגנגעשטעלט. פאַרקערט, עס איז געווען איר טייערסטער חלום, אַז דער גאָט פון אויסגעמעקטן ירושלים אין סידור זאָל איר באַ־שערן צו שטאַרבן פון אַ לאַנגער, כראָנישער בלוט־אויסזויגעניש. גע־מישטע חתונות — איז געווען דער לאָזונג ניט נאָר פון דער גרויס־בורזשואַזיע, נאָר אויך פונעם גרויס־פּראָלעטאַריאַט, איך מיין, פון זיינע גרויסע פירערס. דער שטרענגער מאַרקסיסט אָטאָ באַוער האָט אין זיין בוך „די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״ געצערטלט די אוטאָפּיע פון יידישן אונטערגאַנג דורך געמישטע חתונות ניט אַנדערש ווי עפּעס אַן אינטעליגענטישער בעל־חלומות.

צו וואָס האָט מען באַדאַרפט שמד? מען האָט עס באַדאַרפט, טאָ־מער האָט אַ יידישער יוסטיץ־ראַט געדאַרפט ווערן אָבער־יוסטיץ־ראַט, און אַן אויסעראָרדנטלעכער פּראָפעסאָר — אָרדנטלעכער. האָט מען פאַרן צושטעלן דעם „אָבער״ אָדער אַראָפּנעמען דעם „אויסער״ פאַר־לאַנגט אַ טויפשיין. דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן קאַריערע גופא, נאָר בלויז וועגן אַ קליינער אויסבעסערונג, ניט וועגן גאַנצן טוב, נאָר וועגן אַ פּיצל טובה׳לע. נו, צוליב דעם דאַרף מען ניט מאַכן צו פיל ליאַרעם. ס׳איז געוואָרן גענוג אַריינצולייגן אַ טויפשיין אין קעשענע און אים צו ווייזן וועמען מען דאַרף, דערגרייכן וואָס מען דאַרף, און בלייבן וואָס מען איז געווען. יידישקייט איז אַ זאַך, וואָס מען דאַרף עס לאָזן שלאָפן ביז

גרויסע און קליינע משומדים

עס וועט אויף תמיד אַנטשלאָפן ווערן. מען טאָר עס ניט וועקן און ניט דערמאָנען מיט גאָרניט, אַפילו ניט מיט אַ טויפשיין.

און איצט, בימי היטלער דער גרויסער און קלענערע היטלער־לעך, ווען גאָט און טייוול האָבן זיך פאַרשווירן אויפצוּוועקן דאָס דאָזיקע פריקרע באַשעפעניש: יידישקייט, וואָס האָט אין געוויסע לענ־דער פון איראָפּע שוין געהאַלטן ביי אַזוי זיס און אַנעמיש אַנטשלאָפן ווערן, — איצט איז דער שמד אַוודאי איבעריק, ווייל ער העלפט ניט צו גאָרניט.

אָבער אפשר קאָן דער טויפשיין דאָך צוניצקומען אויף יענער זייט ים? וואָס קאָן עס שאַטן? „עוואַלד, — זאָגט די פרוי שריפט־שטעלער, פראָפעסאָר, קאָמערציאַלראַט, צו איר מאַן, — פאַרגעס ניט מיטצונעמען די מיטגלידס־קאַרטע פון דער „בני־ברית“־לאָזשע, און עס וועט ניט שאַטן, אַז דו וועסט ביים פאַרער גוצקע אַרויסנעמען אַ טויפ־שיין פאַר אונז ביידע“.

און דער טויפשיין האָט טאַקע ניט געשאַדט. ער איז צוניצגע־קומען ביים באַקומען אַ דורכפאָר־וויזע אין דער שווייץ, אין שפּאַניע און אין יוגאָסלאַוויע. דערנאָך האָט מען דעם טויפשיין פאַרגעסן, לגמרי פאַרגעסן. אויף דער שיף און דערנאָך אין פליכטלינג־הייזער האָט מען אינאיינעם געקרעכצט און אויסדערציילט יידישע צרות, ביז דורך אַן אומפאַרזיכטיקייט איז עמעץ געוווּיר געוואָרן און אויסגעפּלאַפּלט, אַז מען איז גאָר געשמדט; אָדער דורך אַ „פאַרזיכטיקייט“ האָט דער דירעקטאָר פון אַ ניו־יאָרקער פירמע דערזען, אַז מען איז אַ קריסט און מען האָט באַקומען אַן אַנשטעלונג גיכער ווי מען האָט זיך געריכט.

אַז די גרויסע מטבע, שמד, איז אויסגעביטן געוואָרן אויף קליינע, קליינינקע טויפמינצעלעך, וואָס דער אייגנטימער אַליין האַלט זיי ערגעץ אין וועסטל־קעשענע און האָט אין זיי פאַרגעסן, — ווער זשע קאָן היינט וויסן, ווער עס האָט אָדער עס האָט ניט אַ טויפשיין אין טאַש? אַז שמד האָט אויפגעהערט צו זיין דער גרויסער קוראַזש צו טראָגן די פאַראַכ־טונג און דעם צאָרן פון אַ גאַנץ פאָלק און איז געוואָרן אין בעסטן פאַל אַ פּאַפּירל פון מוטלאָזיקייט, וואָס „נאָטירט“ פון מאָל צו מאָל אויף דער בירזשע פון פרנסה און וויזעס — דאַן, דאַן איז פאַרשטענדלעך, וואָס

גרויסע און קליינע משומדים

זייער אַ סך פאַרמאָגן דאָס פּאַפּירל און וואָס נאָך מער איז מען חושד, אַז זיי זאָגן ניט אויס, אַז זיי האָבן עס.

* * *

עס וועט זיין בלויז אַן אַקט פון גערעכטיקייט צו דער היפּשער מאָסע פון „אומקוראַזשירטע און אומדראַמאַטישע משומדים" צו דער־מאָנען, אַז צו זיי האָבן אין משך פון 19טן און אָנהייב 20טן יאָרהונדערט באַלאַנגט די בלי־שום־ספק דריי גרעסטע יידיש־דייטשע שרייבער־פּערזענלעכקייטן. היינריך היינע איז אַריבער צום לוטעראַנישן גלויבן, ווייל ער האָט זיך דערמיט געוואָלט קויפן אַן איינטריט־בילעט צו דער אייראָפּעאישער קולטור. עס איז קלאָר, אַז ער האָט דערמיט אַרויסגעוויזן צו פיל פאַרזיכט און אָפּשיי. דער איינטריט צו דער אייראָפּעאישער קולטור איז שוין דעמאָלט געווען פריי פאַר יעדן. די דייטשע בירגערשאַפט איז נאָך געווען פאַרשלאָסן פאַר יידן, אָבער די דייטשע קולטור האָט ברייט געעפנט אירע טויערן. נאָר אויב מיר זאָלן טאַקע אָננעמען, אַז די סיבה פון היינעס שמד איז געווען אַ טעותדיקע אָפּשאַצונג פון דער קולטור־סיטואַציע אין דייטשלאַנד, קאָן מען אָבער ניט פאַרבייגיין דעם פאַקט, אַז דער באַזינגער פון יהודה הלוי און דער זינגער פון אַזוי פיל יידישע מאָטיוון האָט ניט געהאַט דעם מוט צוריק־צוגעבן דעם איינטריט־בילעט און צוריק צו פאַרלאַנגען דעם פּרייז, וואָס ער האָט דערפאַר געצאָלט: זיין יידישקייט. היינע איז געבליבן אַ קריסט זיין לעבן־לאַנג און האָט אָנשטאָט קוראַזש געהאַט בלויז חרטה. אים איז געווען ליבער זיך לייריש צו פּיעשטשען מיט די באַרימטע פערזן, אַז אין טאָג פון טויט וועט מען קיין מעסע ניט זינגען און קיין קדיש ניט זאָגן, איידער צו מאַכן דעם דראַמאַטישן זשעסט פון אומקער, וואָס וואָלט אים געווען פאַרשאַפט רו און זיין פאָלק כבוד. ניט גלויבן און ליבשאַפט צום יידישן גאָט האָט היינען געפעלט, נאָר כאַראַקטער און פעסטקייט צו דינען דעם, וועמען ער האָט ליב געהאַט. דער סאַטי־ריקער היינע האָט זיך אָפּגעווענדט פון דער לוטעראַנישער קאָנפעסיע; דער פּאַטעטיקער היינע האָט ניט געהאַט די זעלישע קראַפט צו פאַר־וואַנדלען דעם אָפּזאָג פון קריסטנטום אין אַן אומקער צום יידנטום.

אַזוי האָט ער געשריבן אין זיין צוואה: „הגם איך געהער לויט דעם אַקט פון שמד צו דער לוטעראַנישער קירך, איז עס ניט מיין

וואונטש, אַז די קלעריקער פון דער דאָזיקער קירך זאָלן פאַרבעטן ווערן צו מיין לוויה; איך בין מוותר אויך דערויף, אַז די כלי־קודש פון אַנדערע קאָנפעסיעס זאָלן זיך באַטייליקן ביי מיין לוויה. דער דאָזיקער וואונטש מיינער איז ניט קיין רעזולטאַט פון אַן אַפּיקורסות־אַטאַקע. איך האָב מיך שוין זינט פיר יאָר אָפּגעזאָגט פון מיין פילאָזאָפישער גאווה און האָב מיך אומגעקערט צו רעליגיעזע געפילן; איך שטאַרב אין גלויבן אין אַן איינציקן גאָט, דעם בורא־עולם, ביי וועלכן איך בעט רחמים פאַר מיין אומשטאַרבלעכער נשמה".

דער וווּנק צום יידישן גאָט איז דאָ אַ קלאָרער, דעם דיכטערס הכנעה — פון זעלטענער דערהויבנקייט און שיינקייט, אָבער דעם לעצטן טריט פון אומקער צו זיין פאָלק, צו וועלכן עס האָט זיך געפאָדערט ניט ווייניקער מוט ווי צו דער אויבן דערמאָנטער טיפער גייסטיקער הכנעה, האָט היינע, דער „אומדראַמאַטישער משומד", ניט געמאַכט. און אפשר איז גערעכט געווען בערנע, היינעס גרויסער מיטצייטלער, באַוווּנדערער און קעגנער, ווען ער האָט געזאָגט: היינע האָט פונעם אמת נאָר ליב די שיינקייט. און שיין איז פאַר היינען געווען דער אומקער צום אַב־סטראַקטן יידישן גאָט, אָבער ניט צום קאָנקרעטן יידישן פאָלק.

דער צווייטער פון די גרעסטע דריי איז געווען דער נאָר וואָס דערמאָנטער לודוויג בערנע. וועגן אַלץ האָט בערנע געשריבן מיט אַ פרייקייט און אויפריכטיקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אמת גרויסע שרייבער. אויך זיין שטעלונג צום יידנטום איז געווען פון אַ זעלטן מחיה׳דיקער דירעקטקייט. ער האָט קיין מאָל ניט פאַר־לייקנט זיין יידנטום, נאָר פאַרקערט, געזאָגט אויפן אַדרעס פון יידן אַזעלכע פייערדיקע ליוב־ווערטער, וואָס ביי זייער פלאַם קאָנען זיך נאָך עד־היום אָנוואַרעמען קאַלטע יידישע הערצער. ער האָט די דייטשן פאַר זייער באַגיין זיך מיט יידן געשליידערט אַזעלכע דערנער־דיקע מוסר־ווערטער אין פנים אַריין, אַז ס׳איז גענוג די ווערטער היינט, הונדערט יאָר שפּעטער, איבערצודרוקן, כדי מען זאָל זען, אַז זיי זיינען שטאַרקער פון אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון יידן, פאַר יידן און קעגן דייטשן. וועגן איין זאַך האָט בערנע געשוויגן: וועגן זיין שמד. אין אַפּריל 1818 ווערט פון ליבל באַרוך ד״ר לודוויג בערנע, און צוויי חדשים שפּעטער, אין חודש יוני, פונעם ייד בערנע דער פּראָטעסטאַנט

גרויסע און קליינע משומדים

בערנע. עטלעכע יאָר לאַנג האָט קיינער ניט געוווּסט פון זיין שמד און געוויר געוואָרן איז די עפנטלעכקייט, אַז דער באַרימטער שריפט־שטעלער און רעוואָלוציאָנער איז גאָר אַ פּראָטעסטאַנט און ניט קיין ייד בלויז דורך אַ צופאַל. די פּאָליציי האָט על־פּי־טעות בערנען אַריינגעזעצט אין תפיסה — שוין מער ווי הונדערט יאָר, אַז די דייטשע פּאָליציי איז פאַרליבט אין אַזעלכע טעותים — און געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל מיטן אַרעסטירטן. בערנע האָט פאַרגעלייגט זיינע דאָקומענטן, און אויף דער פראַגע, צו וועלכער רעליגיע ער געהערט, האָט ער ניט נאָכטראַכטנדיק געענטפערט: איזראַעליטיש. דאָ האָט אים דער פּאָליסמאַן פאַרבעסערט: ניט־איזראַעליטיש, נאָר פּראָטעסטאַניש. בערנע איז געבליבן אַ פאַרחידושטער. ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז ער איז ניט קיין ייד. אַזוי אַרום איז די עפנטלעכקייט דורך דער פּאָליציי געוואויר געוואָרן, אַז בערנע איז געשמדט. צוליב וואָסזשע איז ער געוואָרן אויס ייד? די ביאָגראַפן זוכן אויסצוגלעטן דעם דאָזיקן מאָראַלישן קנייטש, אָנווייזנדיק, אַז די איינציקע סיבה איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט האָבן פרייע הענט אין קאַמף. עס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ טאַקטישע פראַגע אין קאַמף פאַר פרייהייט און טאַקע אין קאַמף פאַר יידן אויך. און פאַר וואָס האָט ער דעם שמד פאַרהוילן? איין ביאָגראַף איז זיך משער, אַז בערנע האָט געוואָלט פאַרשוינען זיין פאַמיליע. מיט אַנדערע ווערטער: דער גרויסער קעמפער האָט געמאַכט אַ טאַקטישן טעות, ווען ער האָט זיך געשמדט, און איז געווען נאַאיוו, שוואַך און סענטימענטאַל, ווען ער האָט דעם שמד געהאַלטן בסוד.

דער טאַקטישער פעלער איז באַשטאַנען דערין, וואָס בערנע האָט פאַר אַ ווייל געגלייבט, אַז דער שמד מאַכט אים פאַר אויס ייד ניט נאָר ביי די יידן, נאָר אויך ביי די דייטשן. געשען איז, אַז יידן האָבן צוליב זיין מוטיקער שטעלונג קעגן אַנטיסעמיטיזם ניט געוואָלט געדענקען, אַז ער איז אַ משומד, און דייטשן האָבן ניט געוואָלט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד. אָט וואָס בערנע אַליין שרייבט דעריבער אין 26טן פאַריזער בריוו פון 7טן פעברואַר 1832: „איינער וואַרפט מיר פאָר, אַז איך בין אַ ייד; אַן אַנדערער ווידער איז מיר מוחל, וואָס איך בין אַ ייד; אַ דריטער לויבט מיך גאָר דערפאַר, וואָס איך בין אַ ייד; אָבער אַלע געדענקען, אַז איך

בין אַ ייד. זיי זיינען אַלע ווי געפאַנגען אין דעם מאַגישן יידן־קרייז. קיינער פון זיי קען ניט אַרויס פון דאָרט״.

און דערנאָך, אין דעם זעלביקן פּאַריזער בריוו — די באַרימטע זאַצן, געווענדט צו די דייטשן, זאַצן וואָס זיינען געוואָרן היסטאָריש און וואָס לייענען זיך ווי ווערטער, אויסגעהאַקטע אויף מאָנומענטן לדורות, און האָבן נאָר זייער גלייכן אין די ווונדערלעכע פּסוקים פון לינקאָלנס געטיסבורגער אַדרעס:

„יאָ, ווייל איך בין געבוירן ווי אַ קנעכט, דערפאַר האָב איך ליב די פרייהייט מערער פון אייך. יאָ, ווייל איך קען די שקלאַפעריי, דערפאַר פאַרשטיי איך די פרייהייט בעסער פון אייך. יאָ, ווייל איך בין ניט געבוירן געוואָרן אין קיין שום פאָטערלאַנד, דערפאַר באַגער איך אַ פאָטערלאַנד הייסער פון אייך, און ווייל מיין געבוירן־אָרט איז ניט געווען גרעסער פון דער יידן־גאַס, וואָס אונטער אירע טויערן האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן דאָס אויסלאַנד, דערפאַר איז מיר די שטאָט צו קליין פאַר אַ פאָטערלאַנד. אויך דער דיסטריקט איז צו קליין און אויך די פּראָווינץ, נאָר דאָס גאַנצע פאָטערלאַנד קען פאַר מיר זיין גענוג״.

אָבער ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די פּערזענלעכקייט פון בערנע דעם שרייבער און קעמפער, — דער אַקט פון 5טן יוני 1818, ווען דער ייד איז געוואָרן אַ פּראָטעסטאַנט, בלייבט דער אויסדרוק פון מענטש־לעכער כאַראַקטער־שוואַכקייט און זאָגט עדות אויף דעם אומדראַמאַטישן, קליינלעכן, וואָס איז פאַראַן ביי אַלע גרויסע מענטשן און וואָס מינערט ניט פון זייער טעם, הגם עס לאָזט איבער אַ נאָכטעם.

קאַרל קראַוז, דער גרעסטער דייטשער סאַטיריקער פון דער ניי־צייט, וואָס איז געשטאָרבן אין ווין דעם 12טן יוני 1936, אין עלטער פון 62 יאָר, איז אויך ניט געווען פריי פון דעם פריער דערמאָנטן שמד־פגם. ער האָט יאָ געפונען דעם מוט זיך געזעגלען אָפּצוזאָגן פון קריסטנטום, אָבער צום יידנטום האָט ער זיך אויך קיין מאָל ניט אומגעקערט. קראַוזס לעבן איז געווען אַ גרויס אָפן בלאַט פאַר אַלע די, וואָס האָבן נאָכגע־פאָלגט זיין צייטשריפט „די פאַקל״, אין וועלכער ער האָט מיט נביאישער אַכזריות אַנאַליזירט און געפּאַלמעסט אַלץ: אידעען און מענטשן. גאָרניט איז געבליבן פאַרהוילן, אַחוץ דעם קליינעם פאַקט פון איבערטריט צום קאַטוליציזם און אָפּווענדונג פון אים.

גרויסע און קליינע משומדים

קראַוז האָט צו מאָל שאַרף געטאַדלט יידישע מענטשן און יידישע מידות. עס האָבן דערפאַר זיך געפונען ווייכהאַרציקע, וואָס האָבן זיך געפיעשטשעט: ער איז אַן אַנטיסעמיט. ער איז ווייט געווען פון אַנטיסעמיטיזם, ווי ווייט די אָביעקטן פון זיין שפּאָט זיינען ווייט געווען פון יידישקייט. דעם דאָזיקן „אַנטיסעמיטיזם" זיינעם האָט ער אַליין קורץ פאַר זיין טויט אין דעם לעצטן גרויסן העפט „די פאַקל" באַ־צייכנט ווי די „נביאישע פרייהייט פון גייסטיקן שפּאָט", אונטער וועלכן עס קאָרטשען זיך זיינע סאַטירישע אָביעקטן.

אָבער ווי ביי בערנען, איז אויך ביי קראַוזן פאַרבליבן איין טונקל בלעטל פון מענטשלעכער שוואַכקייט און אומדראַמאַטישקייט, דאָס קליינע ווינציקע בלעטל, וואָס גרויסע מענטשן פון גייסט האָבן בשותפות מיט אַלע קליינע מענטשעלעך פון דער צייט.

(1940)

סטעפאַן צווייג

(שטריכן צו זיין ליטעראַרישן פּאָרטרעט)

ווען דער הומאַניסט עראַזמוס פון ראָטערדאַם האָט דעם 12טן יולי 1536 געהאַלטןביים סוף און פון זיין האַלז האָט שוין פאַרשייט אַרויסגע־כאַרכלט דער טויט, — האָט מיט אים פּאַסירט אַ מאָדנע פּאַסי־רונג: ער, וואָס האָט זיין לעבן־לאַנג גערעדט, געטראַכט און געשריבן לאַטייניש, האָט פּלוצלונג אינגאַנצן פאַרגעסן די דאָזיקע שפּראַך; און ווי פון אַ פּרימיטיוער, חיה׳שער שרעק אַרויס האָט דער באַרימטער וועלט־שרייבער גענומען שטאַמלען עטלעכע האָלענדישע ווערטער. דאָס זיינען געווען די ערשטע ווערטער, וועלכע עראַזמוס האָט אין זיין פריסטער קינדהייט אַרויסגערעדט אויף פּראָסט האָלענדיש — און אויך די לעצטע פון זיין לעבן, ווארעם דערנאָך האָט ער נאָך איין מאָל אַ צי געטאָן דעם אָטעם און עס איז איבער אים געקומען דער פרידן, וואָס נאָך אים האָט ער אַזוי געגאַרט פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אַזוי דערציילט וועגן עראַזמוסעס לעצטע מינוטן זיין ביאָגראַף סטעפאַן צווייג. און מיר דאַכט, אַז אין אָט דער זיכער אַ ביסל פאַר־ליטעראַרישטער טויטן־סצענע ליגט ערגעצוואו דער פּסיכאָלאָגישער שליסל צו סטעפאַן צווייגס טראַגישן אַוועקגיין פון דער וועלט; ווארעם מיט עראַזמוסעס ביאָגראַף האָט מיט 400 יאָר שפּעטער פּאַסירט אומ־געפער די זעלביקע מערקווערדיקע פּאַסירונג ווי מיט דעם גרויסן מייסטער אַליין. איך זאָג „אומגעפער די זעלביקע״, ווייל ביי צווייגן האָט ניט עפּעס אַ מאָדנער ביאָלאָגישער פּראָצעס אויסגעלאָשן אין זיין זכרון די שפּראַך פון זיינע ביכער, נאָר אַ ניט־פאַרויסגעזעענע געזעל־שאַפטלעכע קאַטאַסטראָפע. דער פאַקט פון היטלעריזם אין אייראָפּע האָט עראַזמוסעס גייסטרייכן תלמיד געצוווּנגען צו פאַרגעסן אין דער שפּראַך, וואָס אויף איר האָט ער גערעדט, געטראַכט און געשריבן אַ לעבן־לאַנג. צווייגס לעצטע ביכער האָבן געקאָנט דערשיינען אויף

ענגליש, אויף שפּאַניש, אויף פּאָרטוגעזיש, אָבער אויף זיין דייטש לשון האָט ער ניט געהאַט קיין פאַרלאַג און... ניט געגוג לעזער.

און די שרעק, צוליבן אָנווער פון דער שפּראַך, איז ביי צווייגן דווקא ניט געווען קלענער ווי ביי עראַזמוסן. פאַרקערט. דעם וועלט־באַרימטן ביאָגראַפס פערזענלעכע איבערלעבענישן אין אייראָפּע האָבן ביי אים פּראָדוצירט אַ פּאַניק, וואָס איז בטבע אימשטאַנד אַרויסצו־ברענגען אַפילו דאָס סאַמע פאַרלעגנסטע אויפן דנאָ פון דער נשמה; אָבער ווי טיף די שרעק זאָל ניט געווען זיין, האָט ער, ווייזט אויס, ניט געקאָנט אַרויסגראַבלען פון אונטער די שיכטן פון יאָרן און ערינערונ־גען די עטלעכע היימישע ווערטער אויף אַ היימיש לשון, וואָס האָבן דעם כוח (ווונדערלעך זיינען גאָטס וועגן!) צו באַרואיקן דערשראָ־קענע און צו באַלייכטן מיט אַ שמייכל פון האָפענונג נשמות פון פאַר־צווייפלונג פאַרטונקלטע.

און אומבאַהאָלפן און, אַזוי צו זאָגן, אומשאַפעריש איז דער היט־לער־שרעק געווען פאַר צווייגן, ווייל אין דעם דאָזיקן ווינער אידנס ליטעראַטור און גייסט איז ניט געווען קיין איין אַטאָם פון יידישער ירושהדיקייט. הינטער אים איז ניט געשטאַנען די געשיכטע פון זיין פאָלק, און דורך איר — די וועלט־היסטאָריע. ער איז בלויז אַרויס־געוואַקסן פון דער וועלט־ליטעראַטור, און ווייל ער איז געווען ראַפינירט און האָט פאַרמאָגט טאַלאַנט, האָט ער מיט לייכטקייט געקאָנט מאַכן עקסקורסיעס צו די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, צו זייער טעמאַטיק און צו זייערע פּראָבלעמען.

און ניט וועגן דעם גייט עס, צי ער האָט אין לעבן מער אָדער ווייניקער געהאַט באַציאונג צום יידישן פאָלק. עס זיינען געווען אַנדערע יידיש־דייטשע שרייבער, וואָס האָבן זיך נאָך ווייניקער אָנגעקערט מיט פראַגן פון דער יידישער קעגנוואַרט ווי סטעפאַן צווייג, אָבער ביי קיינעם פון זיי, אין זייערע ווערק, איז ניט געווען אַזוי ווייניק קענטיק דער יידיש־גייסטיקער עלעמענט ווי ביי אים. אָט איז קאַרל קראַוז, וואָס איז ניט איין מאָל אַרויסגעקומען מיט פאַרדראָסיק־נעגאַטיווע שטעלונ־גען צו יידן און יידישקייט, אָבער אין זיין סאַטירע האָט מיט אַ העליש פייער געברענט דער גייסטיקער שפּאָט פון די נביאים. אַרטור שניצ־לער ווידער איז יידיש ניט מיט זיין יידישער טעמאַטיק אין „פּראָפעסאָר

בערנאַרדי״, נאָר מיט זיין שווער־בלוטיקער איראָניע, וואָס כאַפּט ערגעצוואו דעם ריח פון קהלת.

סטעפאַן צווייג אָבער, אַפילו ווען ער איז אַ פּאַסיפיסט, און דאָס וואָרט שמעקט, דאַכט זיך, מיט אַלטער נביאישער יידישקייט, איז ער ווייט דערפון ת״ק פרסאות. צווייגס פּאַסיפיזם קער זיך גאָרניט אָן מיט ישעיה הנביא׳ס וויזיעס. דער פרידנס־אידעאַל פון דעם טראַגיש־אומגעקומענעם יידיש־דייטשן שרייבער האָט אַ סך יינגע־רע וואָרצלען ווי ישעיה׳ס חלומות. סטעפאַן צווייגס לערער אין הלכות פּאַסיפיזם איז דער זעלביקער ,וועלכער האָט בכלל דירעקט און אומדירעקט געפאָרמט אי זיין אוניווערסאַליסטישן אידעאַל און אי זיין קוק אויף לעבן און געשיכטע, — איך מיין עראַזמוס פון ראָטער־דאַם. און דעם גרויסן הומאַניסטס אידעע פון פרידן אויף דער ערד, טאַקע ווי צווייג פּאָרטייטשט זי אין זיין עראַזמוס־ביאָגראַפיע, איז קודם־כל טיף־קריסטלעך. זי איז אויסן אַ מין קריסטלעך־געזעלשאַפטלעכן קוויעטיזם און עפּעס אַ לײדנשאַפטלאָזן געמיט־צושטאַנד ביי מענטשן, וואָס דאַרף די פעלקער פון דער וועלט פאַרוואַנדלען אין מאָנאַסטיר־באַוואוינער; און רואיק, שאַ זאָל זיין, כדי דער גייסט זאָל קאָנען אַרבעטן, לייענען, טראַכטן און שרייבן ביכער במנוחה.

ניטאָ אין דעם דאָזיקן עראַזמוס־צווייגישן פּאַסיפיזם יענער הייסער פאַרלאַנג נאָך סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס איז געווען דער באַזיס פון דעם נביאישן פרידנס־אידעאַל. איך שטעל דעם טראָפּ ניט נאָר אויף „סאָציאַלער גערעכטיקייט״, נאָר אויך אויף „פאַרלאַנג״. אין דעם עראַזמוס־צווייגישן הומאַניטאַריזם פעלט בכלל פאַרלאַנג, איך מיין קאַמפּס־ווילן, און אַנשטאָט דעם איז פאַראַן בלויז ווונטש און האָפענונג; און דער בלויז ווונטש רעפלעקטירט אויפן אידעאַל גופא, ער ווערט מיני־מאַליסטיש, — עס מוז ניט זיין כולו תכלת, עס מוזן ניט פאַרווירקלעכט ווערן אַלע הונדערט פּראָצענט; עס איז גענוג, אַז די וועלט, ווי זי איז, וועט צוביסלעך אויפנעמען חלקים פון דעם אידעאַל, און אַז ניט חלקים — איז דאָ און דאָרט אַ טראָפּן, אַן אָנווונק אויף אַ טראָפּן, אַ ציטער פון אַ ריח, אַן אויסדוכט פון אַ ציטער, און וועט זיך מיט דער צייט פאַר־בעסערן. וואָס קלענער עס ווערן די פּרעטענזיעס פונעם פּאַסיפיסט, וואָס שטומפּיקער זיין אידעאישע מאָנעכץ, אַלץ מער אָנערקענט ער די

ווייזהייט און די אומפאַרמיידלעכקייט פון דעם באַשטייענדיקן, און אַלץ מער באַקומט ער פיינט דעם טומל פון קאַמף. ער ווערט דאָס, וואָס עס זיינען זינט עראַזמוסן, אין משך פון 400 לאַנגע יאָר, געווען גרויסע און קליינע, וויכטיקע און אומוויכטיקע מענטשן אין דער פּאָליטיק און אין דער ליטעראַטור — גוטע אייראָפּעער.

וואָס דאָס מיינט „אייראָפּעאישער גייסט", וואָס אים האָט סטעפאַן צווייג אין זיין טרויעריקן און מענטשלעך זייער רירנדיקן אָפּשייד־בריוו רעקלאַמירט פאַר זיין פאָטערלאַנד, איז שווער צו פאַרשטיין. לייכטער איז אַוודאי משיג צו זיין דעם תמצית פון „אַמעריקאַנישן גייסט", וואָרעם ווען מען רעדט פון אַמעריקאַנער גייסט, טראַכט מען באַלד צו דער אומאָפּהענגיקייטס־דעקלאַראַציע, צו דעם געטיסבורגער אַדרעס, און בכלל איז זיך לייכטער פונאַנדערצוקלייבן אין די 160 יאָר געשיכטע פון די פאַראייניקטע אַמעריקאַנער שטאַטן, מיט בולטע אידעאישע וווהין־פיילן, איידער אין דעם לאַבירינט פון יאָרהונדערטער, פעלקער און אַזוי פיל ווידערשפּרעכנדיקע טענדענצן אין אייראָפּע. וואָס איז אייראָפּע און איר גייסט? איז אייראָפּע — די מעכטיקע קלעריקאַלע פעסטונג אין דער אייביקער שטאָט רוים? דער מאָנפּאַרנאַס אין דער וועלט־מעטראָפּאָליע פּאַריז? די קאַזאַרמע אין בערלין? צי גאָר דאָס טיפּי־שע „פון אַלעמען אַ ביסל", מיט אַ צוגאָב פון געמיטלעכקייט, וואָס האָט געהאַט זיין היים אין דער שיינער רעזידענץ־שטאָט ווין?

אָט דער „ווער וויס וואָס דאָס איז?" (אייראָפּעאישער גייסט) איז דאָס געוואָרן דאָס פּענדל אין די הענט פון די „גוטע אייראָפּעער", און כדי דער עולם זאָל בעסער משיג זיין, וואָס מען מיינט, האָט מען סיג־נאַליזירט פּראָסטע טייטשווערטער: פרידן און קולטורעלע פאַרשטענ־דיקונג פון די פעלקער.

„גוטע אייראָפּעער", וואָס האָבן זיך געמיט אונטער אַלע אומשטענדן און פאַר יעדן פּרייז פאַר פרידן, הייבן זיך ניט אָן מיט אַריסטיד בריאַן און מיט אָסטען טשעמבערליין און מיטן „גייסט פון לאָקאַרנאָ". אויך פריער און שפּעטער האָבן „גוטע אייראָפּעער" (מ'האָט זיי אויך אַ מאָל גערופן „גרויסע אייראָפּעער") געלאָטעט די גוטע באַציאונגען צווישן מלוכות מיטן פּרייז פון קנעכטשאַפט פאַר אַנדערע פעלקער, און זיינען געיום־טובט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט ווי אמת'ע פרידן־ריטערס.

ווייסט איר, למשל, אַז זיבן ווערטער האָבן אַ 15 יאָר פֿאַר דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע געראַטעוועט אייראָפּע פֿון אַ בלוטיקן עסטרייכיש־פֿראַנצויזישן קריג און, קען זיין, אפשר אויך פֿון אַ וועלט־מלחמה? די רעטערס פֿונעם אַלטן קאָנטינענט זיינען דעמאָלט געווען לודוויג דעם 15טנס אויסערן־מיניסטער און דער עסטרייכישער קאַנצלער קאַוניץ. עס איז נאָר איין „קליינינקייט" דערביי: צוליב אָט דעם פֿרידן האָט בשלום געקאָנט פֿאָרקומען די צעטיילונג פֿון פּוילן.

דעם פֿאַקט, וואָס איז אויסערגעווייטלעך כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער גוט־אייראָפּעאישער פֿרידנס־בענקשאַפֿט פֿון קאַוניץ ביז נעוויל טשעמבערליין, און זאָגט עדות, אַז די דעגענעראַציע איז שוין אין דעם פּרט געקומען ביים אָנהייב, דערציילט טאַקע סטעפֿאַן צווייג אַליין אין זיין פֿאַרביקער מאַרי־אַנטואַנעט־ביאָגראַפֿיע. ווען ניט די זיבן ווערטער, וואָס די טראָגיקע און שטאָלצע עסטרייכישע פּרינצעסין איז געצוווּנגען געוואָרן אַרויסצורעדן צו לודוויגס באַרימטער קעפּסוויב, מאַדאַם פּאָמפּאַדור, ביי אַ „גאַלאַ־פּאַרטי" אין ווערסאַי, וואָלט פֿראַנקרייך ניט מסכים געווען אויף דער צעטיילונג פֿון פּוילן, און אַזוי ווי עסטרייכס כבוד און הילצערנער מלוכה־פּרעסטיזש זיינען שוין אין דעם ענין געווען שטאַרק אַנגאַזשירט, האָט עס לייכט געקאָנט קומען צו אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס פֿון פֿעלקער.

אַי אַ פֿאָלק האָט דאַדורך פֿאַרלוירן זיין פֿרייהייט אויף גאַנצע הונדערט און פֿערציק יאָר? אָבער „גוטע אייראָפּעער" האָבן געראַטעוועט דעם פֿרידן, און נאָך בעסערע אייראָפּעער, מענטשן פֿון גייסט און ניט פּאָליטיקער, האָבן מסכים געווען, האָבן אַפּלאָדירט. יאָ, ניט נאָר האָט צו מוניך פֿון 1938 אַפּלאָדירט, למשל, אַ זשיל ראָמען, נאָר צו יענעם מוניך, ערב דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט צוגעשטימט אפשר דער סאַמע גרעסטער אייראָפּעער פֿון זיין צייט — וואָלטער.

אָבער די ליטעראַטן זיינען ערב דעם מוניך פֿון אונזערע צייטן געווען מער פֿאַרנומען מיט דעם צווייטן טייל פֿונעם „גוט אייראָפּעאישקייט"־פּראָגראַם — מיט דער קולטורעלער פֿאַרשטענדיקונג צווישן די פֿעלקער. אָפּיציעל־מלוכה׳שע קולטור־פּאַראַדעס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן און גרויסע, ערנסטע געזעלשאַפֿטלעכע אָנשטרענגונגען זיינען געמאַכט געוואָרן צו דערנעענטערן שרייבער, ביכער און לייענער.

סטעפאַן צווייג

אַ קוואַליע פון איבערזעצונגען און אַ רירעוודיקער אויסטויש פון נאַציאָנאַלע טעמעס. צווישן די סאַמע ערנסטע אין דעם פּרט איז געווען, בלי־שום־ספק, — סטעפאַן צווייג. ער האָט פאַרמאָגט אַלץ, וואָס איז געווען נייטיק פאַר אַט דער גרויסער קולטור־אַרבעט, וואָס טאָר אין קיין שום פאַל ניט אונטערגעשאַצט ווערן. ער האָט געהאַט טאַלאַנט, אַ ברייטע און אָפּטמאָל דעטאַלירטע ערודיציע אויף אַ סך געביטן פון מענטשלעכן וויסן, דערעיקר אין געשיכטע. ער איז פיל אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט און האָט געקענט דאָס לעבן פון אַ סך פעלקער. אַליין, ווי געזאָגט, אַן אויסגעוואָרצלטער פון נאַציאָנאַלער ירושה־סובסטאַנץ, איז פאַר אים געווען לייכט זיך זעליש צוצופאַסן צו די לעבנס־איינשטעלונגען פון אַזויפיל נאַציעס. ער איז צוגעשווומען מיט געניטשאַפט צו די ברעגעס פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע געשיכטעס, און דאָס איינאָרדענען זיך דאָרט געשטאַלטעריש איז אים אָנגעקומען לפי ערך גרינג. צי איז דאָס געווען די סקאָטישע קעניגין מערי סטיואַרט, דער פראַנצויזישער פאָליציי־מיניסטער פושע, צי גאָר דער פאָרטוגעזישער ים־פאָרער מאַגעלאַן — ער האָט זיך איבעראַל פריינדלעך, קאָרעקט און דערעיקר מיט אַלט־באַקאַנטשאַפט באַגעגנט מיט זיין ליטעראַרישן שטאָף, און דאָס ווערק, וואָס איז אַרויסגעקומען, איז אַלע מאָל געווען אינטערעסאַנט, רייך אין דעטאַל און עלעגאַנט אין אויפבוי און סטיל. דווקא ביי דער דראַמע „ירמיהו" איז אפשר צוליב דער יידישער טעמאַטיק ניט פאַראַן צו פיל אַלט־באַקאַנטשאַפט און ערגעצווו האָט אַן אינערלעכע העמונג געשטערט די נאַטירלעכקייט פון סתם אַ פריינטלעכער באַגעגעניש. דערפאַר איז אויך די קינסטלערישע באַאַרבעטונג פון דער יידישער טעמע אַרויסגעקומען, ווי מען זאָגט דאָס אויפן פראַפעסיאָנעלן לשון, שוואַכער.

אפשר האָב איך דאָך ניט אונטערגעשטראָכן דאָס סאַמע עיקרדיקסטע פון צווייגס ליטעראַרישער שאַפונג. דאָס סאַמע עיקרדיקסטע, ווי זאָל איך זאָגן — איז, וואָס מען האָט דאָס געפיל, אַז זיינע ביאָגראַפיעס זיינען פון לכתחילה געשריבן געוואָרן אין אַ פיינעם און עלעגאַנטן עראַזמישן לאַטיין, און צווייג האָט זיך דאָס דערנאָך גענומען די מי און איבערגעזעצט דעם גרויסן מייסטערס לאַטיין אויף ווי וויט מעגלעך אין אַ פאַסיקן, פאָלירטן דייטש.

סטעפאַן צווייג

איך האָב בכיוון דערמאָנט שוין עטלעכע מאָל די עראַזמוס־ביאָגראַפיע, און געטאָן האָב איך עס ניט נאָר, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז צווייגס בעסט ווערק, נאָר ווייל די עראַזמוס־געשטאַלט איז ענדלעך אַ טעמע, צו וועלכער צווייג איז צוגעגאַנגען ניט ווי אַ ליטע־ראַרישער דזשענטלמען, נאָר טאָקע ווי אַ נאָענטער און אַן אייגענער, און ווייל ער האָט אין איר מיט צאַרטקייט און מיט ליבשאַפט אַריינגע־וועבט פּעדעם פון זיין אינערלעכער ביאָגראַפיע.

צווייג, וואָס איז ניט פאַרשפּונען אין קיין שום עטנישער סובסטאַנץ, האָט געפונען זיינע וואָרצלען אין דעם אידעען־ און געמיט־געוועב, וואָס האָט געהייסן עראַזמוס פון ראָטערדאַם. ניט נאָר האָט אים, לאָמיר זאָגן, אידעאָלאָגיש פאַרכאַפּט עראַזמוסעס אוניווערסאַליזם, ניט נאָר האָט אים באַגייסטערט די רואיקייט און די אויסגעגליכנקייט פון דעם באַזעלטער וועלט־חכם, ניט נאָר האָט אים באַצויבערט זיין געניאַלער כוח פון שפּאָט און דערביי די גוטסקייט פון אַ הייליקן. אַוודאי האָט אים דאָס אַלץ נאָענט געמאַכט צו עראַזמוסן, און נאָך מער קרוב איז ער אים זיכער געוואָרן, ווען ער האָט באַגעגנט, ווי צווייג זאָגט, עלעמענטן פונעם עראַזמישן גייסט צעשפּרייט איבער יאָרהונדערטער אין די ווערק פון מאָנטען, שפּינאָזאַ, דידעראָ, וואָלטער, לעסינג, געטע, טאָל־סטאָי, גאַנדי און ראָמען ראָלאַן. אָבער נאָענט (אויב ניט נאָך נענע־טער!) איז אויך געווען צווייגן דאָס גאַנצע בינטל פון עראַזמוסעס פּער־זענלעכע שוואַכקייטן. עראַזמוס איז געווען אומזיכער און וואַקלדיק. ער האָט געהאַסן פון פריינדשאַפט און האָט ניט געקאָנט דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט. ער איז געווען שרעקעוודיק און האָט געציטערט איבער זיין ביסל באַקוועמלעכקייט. און ער האָט פאַרמאָגט אידעאַליזם, וואָס איז ניט מחיב צו פערזענלעכע קרבנות, נאָר צו אַן אינערלעכער גע־טריישאַפט צו זיך.

די עראַזמוס־ביאָגראַפיע איז אַרויסגעקומען אין יאָר 1934. די היטלער־קאַטאַסטראָפע האָט אָנגעהויבן איר שטורמישן יאָג איבער אייראָפּע. צי האָט צווייג דעמאָלט ניט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אי־בערגעלייענט, ווי עס האָט באַגעגנט עראַזמוס מיט שרעקעוודיקייט אָבער אויך מיט געטריישאַפט צו זיך די קאַטאַסטראָפע פון זייט צייט?

סטעפאַן צווייג

עטלעכע יאָר פאַר עראַזמוסעס טויט האָט אייראָפּע היטלעריסטיש געווילדעוועט איבער זיין קאָפּ. זיין תּלמיד בערקווען — פאַרברענט אויף אַ פּאַריזער שייטערהויפן; זיין פריינד טאָמאָס מאָר — אומגעקומען אויפן עשאַפאָט אין לאָנדאָן; צווינגלי — דערהרגעט; טאָמאָס מינצער, דער דייטשער פויערן־פירער — פאַרמאַטערט צום טויט. און ווי האָט רעאַגירט עראַזמוס? דער אַלטער מאַן האָט זיך ניט אָפּגעלאָזט פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט. ער האָט מיט גרויס באַטראַכטקייט געשריבן זיין גייסטיקע צוואה פאַר די דורות נאָך אים. און אַז דער ערב־פיזישער אונטערגאַנג האָט אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און אָפּגעווישט מיט אַ מאָל זיין לאַטיין, האָט דער גוסס מיט די לעצטע כוחות זיך געראַטעוועט צו זיינע האָלענדישע ווערטער. וואָרעם אַפילו עראַזמוס האָט געהאַט זיינע נאַציאָנאַלע וואָרצלען.

אַזוי, שטעל איך מיר פאָר, האָט זיך געמוזט ראַטעווען דאַנטע פאַר דער שרעק פון זיינע אייגענע אינפערנאָ־זעאונגען פון דעם ניט־זיכערן לאַטיין אין דעם וואָרעמען נעסט פון זיין איטאַליענישן פאָלק־לשון.

וווהין האָט זיך געזאָלט ראַטעווען דער אויסגעוואָרצלטער ווינער ייד אָן שום נאַציאָנאַלער סובסטאַנץ הינטער זיך און אָן די עטלעכע שם־המפורשדיקע ווערטער פון אייגן לשון, וועלכע זיינען עראַזמוסן אַזוי העלדיש בייגעשטאַנען?

(1942)

היינריך מאַן דער פּאָרוויסזעער

די ברידער האָרסט און קראַפּט העסלינג

די ברידער העסלינג זיינען ביידע היינט שוין מאַנצבילן אין די מיטלערע יאָרן און פאַרנעמען געוויס וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס אין דער נאַצישער מלוכה. זיי אַליין שפּילן מיט זייער פאַבריק זיכער אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער באַוואָפנונגס־אינדוסטריע און זייערע זין זיינען ניט אַנדערש ווי מיטגלידער פון גערינגס אָדער גאָר היטלערס לייבגוואַרדיע.

זיי וועלן עס דערפאַר אפשר אויסטייטשן ווי אַ באַזונדערע יידישע רשעות פון מיין זייט, ווען איך וועל זיי דערמאָנען, אַז זיי האָבן „את רוב עשרם ואת רוב גדלם" צו פאַרדאַנקען ניט אַזוי זיך אַליין, ווי זייערע גאָטזעליקע עלטערן. זיי, די פאַרשטאָרבענע טאַטע־מאַמע זייערע האָבן זיי פאַרזאָרגט מיט אַ ריין אַרישן אָפּשטאַם, האָבן זיי געגעבן בעמען פונעם סאַמע גערמאַנישן אורוואַלד אַרויס און דערצו אַ שטרענגע עכט־טעווטאָנישע דערציאונג און האָבן זיי (דאָס איז אויך ניט מיט דער האַנט אַוועקצומאַכן) איבערגעלאָזט אַ היפּשע ירושה פון געלט און אומבאַוועגלעכן פאַרמעג. צו מיין אַנטשולדיקונג זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז איך בין מיט מיין דערמאָנונג לגמרי ניט אויסן צו מינערן דעם פּרעסטיזש פון די ברידער העסלינג אין די אויגן פון זייערע נאַצישע מיטבירגער אָדער פון זייערע אייגענע קינדער. מיין כוונה איז בלויז צו רעהאַביליטירן דורך זייער פאָטער דעם דייטשן מענטש פון דער ווילהעלמינישער צייט און אויסצובעטן פאַר אים זיין היסטאָרישן חלק אין דער נאַצי־וואַקכאַנאַליע.

ווען היינריך מאַן האָט, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַרענדיקט זיין ראָמאַן וועגן זייער פאָטער ד"ר דידעריך העסלינג, זיינען האָרסט און קראַפּט געווען אין יענעם עלטער, ווען יינגלעך ווייזן אַרויס גרויס אומצופרידנקייט מיטן וואוקס־טעמפּאָ פון די האָר אויף

היינריך מאַן דער פּאַרויסזאָגער

זייער איבערשטער ליפּ און פירן מכוח דעם ענין שטומע, האַרצ־רייסנדיקע דיאַלאָגן מיטן ערשט־בעסטן שפּיגל.

אין יענער צייט איז קאַיזער ווילהעלמס העלם געווען דער אידעאַל פון מיליטערישער דיסציפּלין און העלדישקייט און זיין וואָנצע — די באַרימטע וואָנצע ווי צוויי דיבע קנייטלעך אין אַ צווייערדיקן קאַנדאַלאַבער — דער סימבאָל פון מענלעכן ווילן און שטאָלץ. די גילדענע דייטשע יוגנט — די לייטענאַנטן און סטודענטן אַלאַ היידעלבערג — זיינען זעליש שוין געווען גרייט צום מאַרש אויף פּאַריז. אָבער אַזעלכע שרעק־חלומות ווי דער וואָפּנשטילשטאַנד אין קאָמפּיען, דער גלות־שלאָס אין דאָרן און די קאָנסטיטוציע אין ווייַמאַר האָבן נאָך אַפילו ניט דערגרייכט צום דנאָ פון זייער אונטערבאַוואוסטזיין.

ווייַזשע האָט געקענט איינפאַלן אַלע האַרסטס און אַלע קראַפּטס פון יענעם ערב־שטורם, אַז פריץ דער גרויסער און ווילהעלם דער נאָך גרעסערער זיינען בלויז די פּאַראַדיעס פון אַן אָריגינאַל, וואָס דאַרף זיך ערשט באַווייזן? ווי האָט זיי געקענט קומען אויפן זינען, אַז דער דייטשער אידעאַל פון געהאָרכן און באַפעלן איז נאָך ניט פולקום? ווי האָבן זיי געקענט האָבן די ווייזע, אַז דער דייטשער פעלדוועבל איז נאָך ניט די שלמותדיקסטע געשטאַלטונג פון זעלישער פוסטקייט און ברוטאַליטעט? אַז דער פּאַראַד־מאַרש איז נאָך ניט די העכסטע דערגרייכונג פון דייטשער נשמה־מוזיק און קערפּער־ריטמיק? האָבן זיי געקענט אַנען, אַז משיח, דער משיח פון טעווטאָנישן גייסט, איז ניט קיין סך עלטער פון זיי און לעבט געציילטע עטלעכע הונדערט מייל ווייט פון בערלין אין אַ דייטש־עסטרייכישן גרענעץ־שטעטל און האָט די געשטאַלט פון אַ שלימזלדיקן מאָלער־געזעל מיט אַ מאָדנע אַמפּוטירטער וואָנצע אָן דעם קייזערס „סמירנאַ”־קנייטלעך?

דער קאַיזער, ווי דער אידעאַל און סימבאָל פון נאַציאָנאַלן מאַכט־ווילן און פון קאַסטן־גאווה, איז געווען פאַרוואָרצלט אַזוי פעסט און דעפיניטיוו אין דער פאַנטאַזיע־לאָגיקייט פון די האַרסטס און קראַפּטס, אַז דאָס דריטע רייך אַפילו איז פאַר זיי אויך ניט געווען עפּעס אַנדערש ווי נאָר אַ פּאָליטישע רעסטאַווראַציע פון די האָהענצאָלערנס. קעמפנדיק מיט היטלערן קעגן ווייַמאַר, האָבן טויזנטער און אָבערטויזנטער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געשטעקט מיט זייער יוגנט אין

היינריך מאַן דער פּאָרויסזאָגער

די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אייגנטלעך געקעמפט מיט היטלערן פאַר ווילהעלמען.

געשען איז מיט יענע ווילהעלמינישע היטלעריסטן ווי מיט דער העלדין פון איינער פון מאָפּאַסאַנס וואונדערלעכע נאָוועלן. מאָפּאַסאַנס הערָאינע האָט פאַרלוירן אַ האַלזבאַנד, וועלכן זי האָט זיך אויסגעליגן פאַר אַן אָפיציעלער שמחה. זי האָט אָפּגעקויפט אַ נייעם און אָפּגעהאָרעוועט די שענסטע יאָרן אויף צו באַצאָלן דעם פּרייז. אַז דער לעצטער גראָשן איז שוין געווען אָפּגעצאָלט, און מען האָט געקענט באַווייזן פאַר דער וועלט ס׳פּנים (פון אַרבעט און זאָרג פאַרוויאַנעט פּנים!), האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אומזיסט די האָרעוואַניע און אומזיסט די יוגנט־יאָרן. דער פאַרלוירענער האַלזבאַנד איז גאָר געווען אַ פאַלשער.

ווילהעלמינישע לייטענאַנטן און סטודענטן האָבן דרייצן יאָר געקעמפט צוריקצוגעבן דער מלוכה דעם קאַיזער, דעם פעלדפעבל און דעם אָבערלערער. און אַז זיי האָבן געזיגט, האָט היטלער פאַר זיי באַוויזן, אַז די אמתע דייטשע יואוועלן — דאָס עכטע טעווטאָנישע צירונג — זיינען גאָרניט קייזער, פעלדפעבל און אָבערלערער, נאָר פירער, געשטאַפּאָ־אַגענט און שפּיאָן.

די האָרסטס און קראַפּטס האָבן זיך דערפילט אָפּגענאַרט; פאַרביטערטע וואָס אין זיי דערוואַכט פּלוצים און צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן צווייפל וועגן זאַכן און מענטשן, אין וועלכע זיי האָבן הייליק געגלייבט; דערשראָקענע, אַז דאָס קען זיי נאָך פאַרפירן צו טראַכטן אַנשטאָט צו געהאָרכן, און צו אחריות אָנשטאָט פליכט, האָבן זיי זיך מיט אמת מענלעכער אַנטשלאָסנקייט באַצייטנס געראַטעוועט פון דער סכנה דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגעגאָסן אַ גרויס פאַרגעסעניש אויף דער ווילהעלמינישער צייט, אַלע אירע העלדן און אינסטיטוציעס.

די באַדערפעניש נאָך היסטאָרישקייט ווערט געדעקט דורכן פּאַטאָס פון די ניבעלונגען, דורך אַן אָנצוהערעניש אויף וואַלענשטיין און אַ רמז אויפן גרויסן פריץ און אויפן גרויסן ביסמאַרק. אָבער ווילהעלם לא יזכר ולא יפקד! מיט דער זעלביקער טעמפּקייט, מיט וועלכער האָרסט און קראַפּט האָבן געגלייבט אין זיין עכטקייט און דעפיניטיווקייט, מיט דער זעלביקער דיסציפּלינירטער געדאַנקענלאָזיקייט און זעלנפוסטקייט שווערן זיי איצט אויף זיין פאַלשקייט.

היינריך מאַן דער פאַרויסזאָגער

פון מאָרד און רציחה וועט מען שוין די נאַציס ניט אָפּהאַלטן, זי־כער ניט מיט אַרטיקלען און ניט מיט פּראָטעסטן. אָבער אפשר קען מען נאָך פאַרהיטן, אַז זיי זאָלן ניט באַגיין קיין היסטאָרישן מאָרד קעגן זייערע אייגענע פאַרגייערס, וואָס האָבן זיי מיט זייער מאַרך גע־קאָרמעט און מיט זייער מילך גענערט?!

זאָלזשע היינריך מאַן זיין אונזער עדות! ער איז זינט וואָכן אַ גאַסט אין אַמעריקע. זאָל ער, דער קינסטלערישער באַשאַפער פון ד״ר דידעריך העסלינג, קומען און זיין אַ מליץ־יושר פאַר דעם ווילהעל־מינישן מענטשן־טיפּ, וואָס איז דער לעגיטימער טאַטע פון אַלע נאַציס־טישע האַרסטס און קראַפּטס. דער ווילהעלמינישער מענטש האָט פליי־סיק און איבערגעגעבן געהאָרעוועט אַרויסצוטרייבן פון זיך יעדן טראָפּן גייסט. ער האָט זיך מיט אַקראָבאַטישער דרייסטקייט געבראָכן אונטער גראָטעסקע מאַכט־מענאָריעס, אַבי די ברוטאַליטעט צו מאַכן פאַר זיין צווייטער נאַטור. ער האָט מיט דרייסיק יאָר איידער דער „בלעקאַוט״ איז געוואָרן ציוויליזירטע מאָדע, אויסגעלאָשן אַלע לעמפּלעך פון אייגע־נעם געדאַנק און געפיל און בלויז ווי אַ געטרייער הונט פון דער בודע אַרויסגעבילט זיין פליכט־„יאַוואָל״ צו יעדן סערזשאַנט און פעלדפעבל. ער האָט די פּערזענלעכסטע נויטן פון דער מענטשלעכער נשמה גראָ־ביאַניש אויסגעפּאַקעוועט, און זיי אַוועקגעשטעלט אין די עפּנטלעכע לאַגער־הייזער פון קאַסטן־ערע און פּאַטריאָטישער פליכט און זיי זיך פון דאָרט בלויז אויסגעליגן אויף צו „טון זיין פליכט״.

אַוועקצולייקענען ד״ר דידעריך העסלינגס גייסטיקע פּאַטערשאַפט פון די נאַצישע האַרסטס און קראַפּטס, וועט פאַרן היטלעריזם דערפאַר ניט זיין גרינגער ווי צו רעגירן טויזנט יאָר.

* * *

בלויז צוויי־דריי עפּיזאָדן וויל איך דאָ אַרויסנעמען פון היינריך מאַנס ראָמאַן וועגן דידעריך העסלינג און זיי איבערדערציילן מיט מעג־לעכסטער לאַקאָנישקייט. עס וועט זיין גענוג. איך גלייב, אַז די גע־ציילטע עפּיזאָדן וועלן האָבן גענוג כוח אַרויסצושרייען דעם גרויסן אומרעכט, וועלכער ווערט באַגאַנגען קעגן דער גייסטיקער פּאַטערשאַפט פון אונזער העלד.

היינריך מאַן דער פּאָרויסזאָגער

אין יענער ראָמאַנטיש־פּאַרקלערטער חתונה־נאַכט, ווען די זין פון דעגענערירטע פעלקער ווערן געוויינטלעך פאַרצערט פון סענטימענטאַ־ליזם און ליידנשאַפט און הייבן ניט אָן צו געדענקען אין זייערע פּאַט־ריאָטישע און נאַציאָנאַלע פליכטן, אַפילו דעמאָלט האָט זיך ד״ר די־דעריך העסלינג ניט פאַרלוירן אין צערטלעכקייטן, וואָס זיינען אַן אומכבוד פאַר דער טעווטאָנישער מענלעכקייט. ער האָט פאַר קיין איין מינוט ניט פאַרגעסן, אַז אייגנטלעך טאָר אין אַ געאָרדנטן מלוכה־וועזן גאָרניט געטון ווערן אָן אַ באַפעל, און אויב דער באַפעל איז ניט מעגלעך אָדער ניט אָנגעקומען צו דער רעכטער צייט, דאַרף דער געהאָרכער האָבן די וויזיע פונעם באַפעלער (די איינציק דער־לויבטע און פּאַטריאָטישע וויזיע!) און מוז אין גייסט סאַלוטירן. דידעריך געדענקט דאָס, און ער ווענדט זיך מיט דער זאַכלעכקייט פון אַ קאָרפּאָראַל צו אַ זעלנער, צו זיין פרוי גוסטע, געבוירענע דאַימכען, און ער זאָגט צו איר ווערטער, וועלכע באַצייכענען גייסטיק אַ דור און רעגן אָן דעם געלעכטער פון דורות:

„גוסטע, איידער מיר גייען צו צו דער זאַך, וועלן מיר אויסשרייען אַ דריימאָליקן האָך צו זיין מאַיעסטעט דעם קאַיזער״.

איך ווייס ניט, ווער פון די צוויי ברידער העסלינג עס איז געווען דער רעזולטאַט פון יענער מיט צאַרטקייט און איידלקייט דורכגעגליטער נאַכט, אָבער זיכער איז, אַז דער „האָך״ אויפן קאַיזער האָט אין דער פּוסטקייט פון הערצער אָפּגעקלונגען מיט אַ גענעראַציע שפּעטער מיט יענעם אומהיימלעכן „הייל היטלער״, וואָס האָט שוין אין זיך ניט קיין ברעקל פון דעגענעראַציע, אָבער אויך ניט פון אַ מענטשלעכער שטים, און הערט זיך בלויז ווי דער געהייל פון הונגעריקע וועלף ביי די ראַנדן פון ישוב.

אין דער פאַבריק פלעגט ד״ר דידעריך העסלינג קומען אַלע מאָל מיט דעזינפעקצירנדיקע פילן אין מויל. איין מאָל איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער ליאַרם. די קעכין איז קראַנק געוואָרן אויף גריפּ און געקראָגן הויכן פיבער. „אַרויס מיט דער דאָזיקער שווייַנערייַ!״ — האָט באַפוילן דידעריך, און אַז מען האָט זי אַוועקגעפירט, איז ער נאָך לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער דער וואוינונג און פאַרשפּריצט פליסיקייטן אויף צו טויטן די באַצילן.

היינריך מאַן דער פאָרויסזאָגער

„אַרויס מיט דער שווײנערײ!" — אין דער פּריוואַט־וואוינונג פונעם ווילהעלמינישן פאַבריקאַנט איז דאָס געווען בלויז אַן אויסגעשריי פון גרויזאַמער קלאַסן־היגיענע. אין דער נאַצישער ראַסן־קאַזאַרמע איז דער אויסגעשריי געוואָרן נאַציאָנאַלער לאָזונג פון קאַמף קעגן רחמנות און מענטשלעכקייט. עס גייט ניט אין דעם, קעגן וועמען דער „אַרויס!" ווערט גראָד געשליידערט. דעמאָלט בימי ווילהעלם האָט זיך דער קאַסטן־ערע אָקעגנגעשטעלט די עקזיסטענץ פון דער קעכין, היינט איז די היגיענע פונעם ראַסן־כבוד באַדראָט דורכן ייד. וויכטיק און אַנטשיידנדיק איז דער פאַקט, וואָס די ווילהעלמינישע דורות האָבן זיך געמיט און סוף־כל־סוף איז זיי צום גרויסן טייל געלונגען אויסצוראָמען די הערצער פון טויזנטער דייטשע אינטעליגענטן, מיליטערלייט און באַאַמטע פון אַלע מענטשלעכע סענטימענטן און פון זיי צו מאַכן פּוסטע קרעטשמעס, וואו עס הושן בלויז געשפּענסטיש אַרום צוויי פּאַטריאָטישע געפילן; די פליכט פון אַ מאַנעקין און די געטריישאַפט פון אַ הונט.

ד"ר העסלינג האָט אין משך פון זיין ראָמאַנסירטן לעבן אויך געהאַט אַ שמועס וועגן ליטעראַטור און אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען וועגן איינצלנע קונסט־זשאַנערן. ער האָט ניט פאַרלאַנגט, מען זאָל פאַרברענען די אָדער יענע ביכער. זיי האָבן אים ניט ווי געטאָן. ער האָט זיי ניט געלייענט און דער עיקר — ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין באַפעל פון אויבן. אָבער אין זיינע „מיינונגען" וואַרפט זיך שוין דורך די אָנונג, אַז ס'קען אַמאָל קומען אַ באַפעל פאַר אַן אויטאָדאַפע, ווי געבעלס האָט אים אַראָנזשירט דעם 10טן מאַי 1933.

דידעריך איז געווען מיט גוסטען אין דער אָפּערע ביי וואַגנערס „פאַרסיוואַל". אויפן וועג אַהיים צעלאָזט ער זיך מיט באַגייסטערונג וועגן וואַגנערן. „דאָס איז די קונסט, וואָס מיר דאַרפן! דאָס איז דייטשע קונסט!" פאַרוואָס? עס זיינען אין דער וואַגנערישער אָפּערע אָפּגעהיט געוואָרן אי דער קריגערישער יסוד, אי די מיסטישע שפּיצן. די מוזיק איז געווען העלדיש און קאַיזער־געטריי. און דערנאָך מאַכט ער עטלעכע אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן קונסט. אָט זיינען דידעריכס ווערטער:

היינריך מאַן דער פּראָזאַיקער

— די העכסטע קונסט איז די מוזיק. דערפאַר איז זי די דייטשע קונסט. דערנאָך קומט די דראַמע, ווייל מען קען צו איר צוגעבן מוזיק און ווייל מען דאַרף זי ניט לייענען און בכלל...

— און וואָס קומט נאָך דראַמע? — וויל גוסטע וויסן.

— די פּאָרטרעט־מאָלעריי, זעלבסטפאַרשטענדלעך. שוין צוליב די פּאָרטרעטן פונעם קאַיזער. דאָס איבעריקע איז ניט אַזוי וויכטיק.

— און דער ראָמאַן? — פאָרשט ווייטער גוסטע.

— דאָס איז איבערהויפּט ניט קיין קונסט. ווייניקסטנס ניט קיין דייטשע קונסט: דאָס זאָגט שוין דער נאָמען אַליין.

אין דעם דאָזיקן דיאַלאָג צווישן דידעריך און גוסטע קומט ניט נאָר צום אויסדרוק אַן אומגעלומפּערטע, כמעט אידיאָטישע באַציאונג אָדער באַציאונגסלאָזיקייט פון אַ דייטשן פאַבריקאַנט צו קונסט, נאָר עס זיינען אין דידעריכס „מיינונגען" שוין אָנגעצייכנט סיי דער נאַציאָנאַ־לער גרויסקייט־שגעון פון צוויאַכמערטע נאַצי־פּראָפּאַגאַנדיסטן, סיי דער זעלנערישער ביטול צו גייסט, וואָס ווערט בלויז געמילדערט דורך דידעריכס אַזוי געראָפּענער ליידנשאַפט צו מוזיק און דער עיקר די זיכערקייט און הומאָרלאָזיקייט, מיט וועלכער עס ווערט פונאַנדער־געשיידט צווישן וויכטיקס און אומוויכטיקס, און די ביוראָקראַטישע זאַכלעכקייט, מיט וועלכער יעדער אייניציקער קונסט־זשאַנער ווערט אונטערגעאָרדנט צו דער ווייזהייט פון דער מאַכט. אַלץ איז דאָ שוין גענוי און פּינקטלעך געסדרט און יעדע קונסט ליגט אונטער אַ באַזונ־דערן נומער אין אַקטן־אַלמער פון דער קאַיזערלעכער פּאָליציי. עס דאַרף נאָר קומען דער באַרימטער היגיענישער אויסגעשריי: „אַרויס מיט דער שווינעריי!", און בלויז דאָס „וויכטיקסטע" וועט בלייבן. דאָס אומוויכטיקע: די בילדער פון די גרעסטע דייטשע מאָלערס וועלן אַראָפּוואַנדערן אין די קעלערס פון די מוזייען, און די ביכער פון די גרעסטע דייטשע שרייבער וועלן ברענען אויפן שייטערהויפן.

פון ד"ר דידעריך העסלינגס פּאַטריאָטישע קונסטמיינונגען איז צוואַנציק יאָר שפּעטער אַרויסגעוואַקסן געבעלס טאָרקוועמאַדע־ספּיטש ביי די פלאַמען אויפן פּאָטסדאַמער פּלאַץ.

* * *

די קריטיק האָט געהאַט טענות צום ראָמאַן „דער אונטערטאַן".

היינריך מאַן דער פּראָזאַיקער

די געשטאַלטונג פון אַ טייל פון זיינע העלדן ליידט פון אַ מאַנגל אין קינסטלערישער אָביעקטיווּיטעט. מען קען גרייכלעך ניט לייקענען, אַז די דאָזיקע טענות זיינען טיילווייז געוועכט. אָבער צומאָל פּאַסירט, און דאָס מאָל האָט עס זיכער פּאַסירט, אַז די קאַריקאַטור צילט און טרעפט טיפער און פּינקטלעכער ווי די אָביעקטיווע געשטאַלטונג. דווקא דער שאַרזש, די גוזמא, די טיילמאָל צו געדיכט אויפגעלייגטע פאַרב האָט דאָס מאָל ניט נאָר שאַרף און קלאָר באַלויכטן אַ מענטשנ־טיפּ, נאָר אויך געגעבן ממש אַ נביאיש־העלע וויזיע פון די, וואָס וועלן אַרויסגיין פון זיינע לענדן. די יורשים פונעם ווילהעלמינישן מענטש, די קינדער און אייניקלעך פון ד״ר דידעריך העסלינג, שטשירען הייגט חיה׳ש די ציינער און רייצן זיך מיט דער ציוויליזירטער וועלט: איר האָט דעם קינסטלערס פּאָרטרעט פון אונזער פיזישן און גייסטיקן פאָ־טער געהאַלטן פאַר אַ שאַרזש, פאַר אַ גוזמא? כאַ! כאַ! כאַ!

(1940)

דער טויט געהער צום לעבן

(דערמאָנונג און רעפלעקסיע)

עס ציטערן נאָך אין מיין זכרון אָפּגעריסענע פעדעם פון אַ שמועס, וואָס איך האָב געהערט אין די קינדער־יאָרן. אַרום אַ קיילעכדיקן דעמבענעם טיש ביי מיין זיידן אין דער גרויסער מעבל־שטוב האָבן זיך געשאָקלט יידיש־בעל־בית׳ישע בערד, גראָע און האַלב־גראָע, מיט טיפע אַריינטראַכטענישן וועגן לעבן און טויט.

וואָס פּלוצים אין אַ פּראָסטן מיטוואָך? ס׳איז אין יענעם זומער־טאָג אָנגעקומען מיט דער באַן פון קאַרלסבאַד דער אָרון פון ר׳ אַביש׳ן, וואָס איז, ווי אַן אמתער שטאָט־גביר, געשטאָרבן אין די וואַרעם־בעדער. האָבן יידן, ווי דער שטייגער איז, געוויגן און איבערגעוויגן ר׳ אַביש׳עס מעשים ביים לעבן און זיך געמאַכט געדאַנקען וועגן זיין טויט. מיין זיידע רעדט געלאַסן און זאָגט:

„אוודאי וואָלט עס געווען אַ זכיה פאַר ר׳ אביש׳ן, ווען דער טויטער גוף זיינער זאָל זיך ניט געווען דאַרפן שלעפּן עטלעכע מעת־לעת מיט דער באַן. אַ ייד דאַרף קומען צו קבר־ישראל דעם זעלביקן טאָג, וואָס ער איז געשטאָרבן. ווי באַלד עס גייט אויס זיין אָטעם, גאַרט דער גוף זיך אומצוקערן וואָס גיכער צו שטויב. אָבער גיי ווייס גאָטס דרכים! איז דווקא אַזאַ למדן און אַ ירא־שמים ווי ר׳ אַביש׳ן ניט באַשערט געווען די דאָזיקע סאַמע לעצטע ערדישע זכיה".

ענטפערן ענטפערט דעם זיידן דער און יענער און עטלעכע מיט אַ מאָל. אָבער אַממערסטן היצט זיך פּינחס שפּאַניעמאַכער, אַ זשוואַ־ווער, הויכער ייד מיט אַ שיטער־קלוג בערדל און מיט נערוועזע הענט. ער האַלט מיט זיי אין איין טרייבן פון זיך די רייד ביים טיש, וואָס דאַכטן זיך אים אויס צו זיין ניט צו דער זאַך און ניט על־פּי־שכל. פּינחסעס ווערטער גייען מיר עד־היום נאָך, און איך גלייב, אַז זיי זיינען פאַרבליבן פּינקטלעך אין מיין געדעכעניש.

עס טענהט דער שפּאַניעמאַכער אַזוי:

דער טויט געהער צום לעבן

„באַשערט אַהער, באַגאַלט אַהין, אָבער דו וועסט דאָך מוזן מודה זיין, מרדכי, אַז דאָס לעבן ענדיגט זיך ניט ביים לעבן, נאָר מיטן טויט. געהער דאָך אַזוי אַרום דער טויט אויך צום לעבן. און אַז דו ווילסט מאַכן אַ סך־הכל פון אַ מענטשנס לעבן, קאָנסטו דאָך ניט אַרויסלאָזן פון חשבון זיין טויט. איך וועל דיר ברענגען אַ משל, וועסטו אַליין איינזען. אַט זיינען פאַראַיאָרן נפטר געוואָרן דריי יידן אין שטאָט. האָסט זיי אַלע דריי געקענט. בעריש בויך, משה איציע דער אַלטער און חיים פלאַך. אַלע דריי געהויבענע לומדים און אַלע דריי בעלי־מידות מהדרין מן המהדרין. ווילעך, דו זאָלסט מיר זאָגן, ווער פון די דריי האָט פאָרט געהאַט דאָס שענסטע לעבן? דו קלערסט נאָך? וואָסי דאָ אַ סך נאָכצוטראַכטן? דערמאָן זיך נאָר, ווי אַזוי יעדער פון זיי איז געשטאָרבן. בעריש האָט זיך אין מרחץ אַריינגעשטאָכן אַ פאַרזשאַ־ווערטן טשוואָק אין פוס און איז געשטאָרבן פון אַ בלוט־פאַרגיפטונג. דער אַלטער משה איציע האָט זיך פאַרקילט, זיך אָפגעמוטשעט עטלעכע וואָכן אין בעט און איז פאַר דער גאַנצער צייט ניט געווען בכוח צו נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין. פון די אַלע דריי איז נאָר איין חיים פלאַך אַוועק ווי אַן אמתער בן־תורה. ער איז אַ לעבן־לאַנג גע־זעסן און האָט טאָג און נאַכט געלערנט גמרא, איז ער געשטאָרבן ביי דער גמרא. ער האָט אַ לעבן־לאַנג ניט אַראָפּגענומען די יאַרמלקע פונעם קאָפּ, האָט עס דער מלאך־המות אויך ניט געוואַגט צו טון. אַז די נשמה איז אויסגעגאַנגען, איז דער קאָפּ אַ שווערער אַוועקגעפאַלן אין אַ זייט, אָבער די יאַרמלקע האָט זיך ניט אַראָפּגערוקט. דער מלאך־המות האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר חיים פלאַך".

אין מיינע אויגן, דעמאָלט די אויגן פון אַ צוועלפיעריקן חדר־יינגל, איז דער שפּאַניעמאַכער פון דעם וויכוח אַרויס אַ פולשטענדיקער זיגער. אָבער ווי וויט איך דערמאָן זיך, האָבן אים אויך די דערוואַקסענע גראָע יידן ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. וואָסי טאַקע דאָ וואָס צו ענט־פערן? מע וועט זאָגן, אַז דער מענטש האָט ניט קיין שליטה איבער זיין טויט. נו, און איבער דעם לעבן זיינעם איז דער מענטש אַ הער־שער? פונדעסטוועגן באַשטייט דאָך די שיינקייט פון אַ לעבן דערין, וואָס דער מענטש לאָזט קיין מאָל ניט אַרויס די לייצעס פון דער האַנט און קערעוועט מיטן וועגעלע זיינעם דורך אַלע ווינטן און שטורעמס פון

גורל. דער וואָרער בעל־מדות האַלט אָן, ראַנגלט זיך אָנצוהאַלטן זיין מענטשלעכע חשיבות אַקעגן אָרעמקייט און זיין פרייד אַקעגן די כוואַליעס פון טרויער, וואָס וואַרפן זיך אים צו פאַרצוקן. ווען מיר זאָגן, אַז דער אָדער יענער פירט אַ שיין לעבן, מיינען מיר, אַז אַ מענטש מיט מאָראַלישע פּרינציפּן קעמפט מיטן לעבן און איז גובר. ער קעמפט און איז גובר יעדן טאָג, יעדע שעה. פאַר וואָס זשע זאָלן פּלוצים די לעצטע טעג פאַרן טויט זיין מאָראַליש הפקר און זאָלן דערביי ניט מינערן פון דער לעבנס־שיינקייט? ניט אומזיסט האָט הלל געזאָגט: „זיי ניט זיכער אין זיך ביז דעם טאָג פון דיין טויט”, וואָרעם עס קען זיין, אַז גראָד אין דעם לעצטן טאָג פון דיין ערדישער עקזיסטענץ זאָלן דיינע הענט שלאַף ווערן און דו זאָלסט אין אָנגעזיכט פון טויט פאַרלירן דיין מענטשלעכע חשיבות, דיין מאָראַלישע ווערדע און דערמיט אין גאַנצן אָדער היפּש אַ תל מאַכן פון דיין לעבנס־שיינקייט. און נאָך עפּעס. אין משך פון אַלע טעג פון לעבן קען אפשר מעגלעך זיין אָפּצונאַרן זיך און אַנדערע מיט מאָראַלישקייט און כאַראַקטער־פעסטקייט. דער רוימישער קייסער אויגוסטוס האָט פאַרן טויט ציניש אַ לאַך געטאָן דער וועלט אין פּנים אַריין און אויסגעשריגן: „די קאָמעדיע פון לעבן האָב איך גוט געשפּילט!” אָבער צי קען דער מענטש אויך אַזוי גוט שפּילן די קאָמעדיע פון טויט? אָ, ניין. ביים טויט גייט ניט אָן קיין פאַרשטעלעניש. אין די לעצטע מאָמענטן פון לעבן באַווייזט זיך און מוז זיך באַווייזן דאָס סאַמע עכטע ביסל עכטקייט פונעם מענטש. דער, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג געשפּילט העלדישקייט און זי אין תוך ניט פאַרמאָגט, וועט אויג אויף אויג מיטן טויט ערשט אַנטפּלעקן די גאַנצע באַהאַלטענע פּחדנות זיינע.

דערפאַר האָט טאַקע מאָנטען רעכט געהאַט, אַלע צען מאָס רעכט געהאַט, ווען ער האָט געשריבן, אַז דער טאָג פון טויט איז ניט נאָר דער אָפּשלוס פון לעבן, נאָר אויך דער טאָג פון אַלע טעג, דער טאָג פון משפּט פאַר אַלע איבעריקע טעג פון לעבן. דורך אַ מענטשנס טויט ווערט מען ערשט אויף אַן אמת געוווירע, ווי עכט און ווי שיין עס איז געווען זיין לעבן.

מענטשן, וואָס האָבן עס ערנסט געמיינט מיט דער שיינקייט פון לעבן, האָבן דאָס אַלע מאָל געפילט און געוווּסט. אָט דערציילט

דער טויט געהער צום לעבן

אונז דער נאָר וואָס דערמאָנטער מאָנטען וועגן דעם באַרימטן גריכישן אַרמיי־פירער און מלוכה־מאַן עפּאַמינאָנדאַס, אַז די שיינקייט פון טויט איז פאַר אים געווען אַ פּרווו־שטיין פאַר דער שיינקייט פון לעבן. מען האָט אַ מאָל — גיט איבער מאָנטען — געפרעגט עפּאַמינאָנדאַסן, וואָס זיינע מיטצייטלער האָבן אים פאַרגעטערט ווי איינעם פון די שענסטע מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן, וועמען ער האַלט פאַר גרעסער: זיך, צי זיינע קאָלעגן כאַבריאַס און איפיקראַטעס. ער האָט דערויף געענטפערט: כדי דאָס צו באַשטימען, מוז מען אונז אַלע דריי זען שטאַרבן. און די געשיכטע האָט זיך טאַקע, ווייזט אויס, גערעכנט ניט נאָר מיט עפּאַמינאָנדאַסעס פּאָליטישע אויפטוען און מיליטערישע נצחונות, נאָר אויך מיט זיין העלדישן טויט אויפן שלאַכטפעלד, ווען זי האָט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, אַז ניט זיינע קאָלעגן, נאָר ער איז געווען דער גרעסטער פון זיין דור.

ניט אַנדערש ווי דער גריך עפּאַמינאָנדאַס האָט אויך געטראַכט און געפילט דער גאַנצער קאָלעקטיוו, ווען ער האָט אויסגעפונען די לעגענדאַרישע אויסטערלישקייט פון ר׳ יהודה הלוי׳ס טויט. האָט די פאָלק־פאַנטאַזיע געקענט דערלאָזן, אַז די גרויסע ארץ־ישראל־בענקשאַפט פון ר׳ יהודה הלוי, וואָס האָט אים געצוווּנגען זיך צו שיידן מיט זיין איינציקער טאָכטער און זיין איינציק איינִיקל און אונטערצונעמען אַ לאַנגע און געפאַרפולע נסיעה צום הייליקן לאַנד, זאָל זיך געווען ענדיקן מיט עפּעס אַ באַנאַלן טויט, נאָך איידער דער פּאָעט האָט דערגרייכט צו די טויערן פון ירושלים? ווען די לעגענדע זאָל ניט געווען פאַרלויפן דעם וועג און צוטראַכטן פאַר איר העלד אַ טויט ווי עס פּאַסט זיך פאַר דעם אומשטאַרבלעכן זינגער פון די ציון־ און ים־לידער, וואָלט ניט נאָר אַ העראָאיש לעבן זיך געענדיקט מיט אַ פּיליסטערישן סוף, נאָר אויך די גרויסקייט פון דער נאַציאָנאַלער געשטאַלט — יהודה הלוי — וואָלט געווען געמינערט געוואָרן. די פאָלק־שאַפונג האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מעכטיק־פּאַטעטישער זשעסט פון אַ טרובאַדור ווי אַ רייזע קיין ארץ־ישראל פון שפּאַניע אין דעם צוועלפטן יאָרהונדערט מוז זיך ענדיקן מיט אַ העראָאישן ספּעקטאַקל פון מסירת־נפש, וואָס זאָל שטיין אויף דער הייך פונעם דיכטערס ליבשאַפט און בענקשאַפט צום הייליקן לאַנד. אָט אַזוי שטאַרבט אַ גרויסער דיכטער־העלד! ער שטאַרבט ווי ער

דער טויט געהער צום לעבן

האָט געלעבט! ער פאַלט צו צו דער ערד און קושט דעם שטויב פון דער הייליקער שטאָט ירושלים. אין דעם דאָזיקן עקסטאַז פון ליב־שאַפט און באַהעפטונג מיט דער ערד פון די אָבות ווערט געבוירן דער אומשטאַרבלעכער געזאַנג פון „ציון הלא תשאלי״ און מיט די פערזן פון אָט דעם ליד אויף די ליפּן באַגעגנט דער דיכטער דעם טויט. און ווער איז דער טויט? עס איז אַן אַראַבישער רייטער. ער, וואָס סימ־באַליזירט די פאַרוויסטונג פונעם לאַנד, ער צעטרעט מיט די פּאַדקאָ־וועס פון זיין פערד דעם דיכטער און האָקט אויך איבער מיט זיין שווערד דאָס געזאַנג פון בענקשאַפט צום לאַנד. אַזוי אַרום האָט די לעגענדע, די פאָלקס־קונסט, געראַטעוועט די איינהייט פון ר׳יהודה הלוי׳ס פּאַטע־טישער פּערזענלעכקייט, וואָס איז באַשטאַנען פון מאַיעסטעטישער דיכטונג און העראָאישן לעבן און איז שיער ניט צעשטערט געוואָרן דורך עפּעס אַ גאָרניט־זאָגנדיקן טויט. עס ווערט וואָר און נאָך אַ מאָל וואָר: די אויפגאַבע פון דער קונסט איז ניט נאָר אָפּצושפּיגלען דאָס לעבן, נאָר עס אויך צו קאָרעגירן.

* * *

ווי אַזוי האָט געדאַרפט שטאַרבן פּרץ הירשביינס זיידע יהושע? אָט דער ווונדערלעכער זיידע, וואָס דאָס טועכץ פון גאָטס באַשעפעניש איז ביי אים געשטאַנען אין אַזאַ ענגער שייכות מיט דער נאַטור? ער, וואָס האָט געוווסט, אַז „ווען די הינער טרעטן מיט די עקן, וועט אַוודאי זיין אַ בורע, און אַז די קאַץ גראַבלט מיט די נעגל די פיסלעך פון בענקל — איז אויך אַ סימן אויף אַ ווינט״? דער זיידע יהושע האָט דערצויגן ביז הונדערט און דריי יאָר און דערפילט, אַז עס איז צייט איבערצולאָזן אַלע זיינע ניגונים — די מעלאָדיעס, וואָס זיינען ביי אים געווען רויטע, געלע, בלאָע און ראָבע, — צו די קינדער און צו די אייניקלעך, און אַליין זיך אַרויסצוציען פון דער מילנער־שטוב אויפן פעלד אין שטעטל אַריין אויפן בית־עולם. ווי אַזוי זשע איז פאַרגעקומען דאָס אַריבער־פירן זיך? עס איז פאַרגעקומען ווי אַלץ און ווי אַלע מאָל אין זיין לעבן — רואיק, איבערלייגט און מיט דער געניטקייט פון אַ זנאַכער, וואָס פאַרשטייט ווי די חיות און עופות די שפּראַך פון הימלס סימנים.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, הירשביינס זיידע יהושע, אין יענעם שבתדיקן ווינטערטאָג, אַ קוק געגעבן דורכן פענסטער און באַלד

פאַרשטאַנען, אַז „היינט וועט די זון ניט אויפגיין". ער האָט זיך גע־נומען גרייטן אַוועקצוגיין פון דער מילנער־שטוב אויף תמיד. דורך די קליינע פאַרהויכטע שייבלעך האָט ער געזען די גראַקייט פון כמאַרע און די געדיכטקייט פון דער ווינטער־לופט און עס האָט אין אים אויפגע־לויכטן די טיפע געוויסהייט, אַז דער דרויסן איז די קלוגע און אייביקע וועלט און אַז דער שטוביקער אַרום פון אויוון, שלאָפבאַנק, גלאָז טיי מיט מאַלינאָוועז סאַק, קינדער און אייניקלעך איז ניט מער ווי נאַריש־קייט, שפּיל און פאַרגענגלעכקייט. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו די קינדער און געזאָגט מיט אַ שמייכל: הפּנים אַ מענטש ווערט ניט צע־שאָטן, נאָר ער גייט אַריבער בלויז אין אַ שענערער דירה אין דעם קלוגן און אייביקן דרויסן.

אַז די טונקלקייט האָט זיך גענומען שפּרייטן פון ביידע זייטן פענסטער און איינשליינגען דעם שבת, האָט דער אַלטער יהושע פאַר־שטאַנען, אַז מען דאַרף זיך צואיילן, ווייל יעדע מינוט איז טייער.

„... האָט דער זיידע דעם פּנים אָפּגעקערט פון פענסטער,
אַרויסגעקוקט צו די געפרוירענע און געבויגענע ווערבע־ביימער
ביים סטאַוו, וואָס האָבן צו אים געוויגט מיט די צווייגן".

און ווי אַן ענטפער אויף די ליבלעכע גרוסן פון די ביימער און זייערע פריינדלעכע רופן —

„האָט דער זיידע אויסגעצויגן אַלע זיינע גלידער, אַ שטילן זיפץ
געטאָן און צוגעמאַכט די אויגן אויף אייביק".

שוין אַ צען יאָר, אַז איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט פּרץ הירשביינס אויסגעצייכנטן בוך „מיינע קינדער־יאָרן". איך האָב אים איצט צום צווייטן מאָל דורכגעבלעטערט און זיך ניט געקענט אָפּרייסן פונעם קאַפּיטל: „דער אַלטער קאַרשנבוים און דער זיידע", אין וועלכן עס ווערט באַשריבן דעם אַלטן יהושע'ס טויט. דאָס וואָס דער הונ־דערטיאָריקער דאָרפס־ייד גייט ניט אויס ציטערדיק און נערוועז ווי עפּעס אַ חלבן ליכטל ביי אַ גמרא, נאָר ער זעצט זיך סטאַטעטשנע, אָן באַזונדערע עפעקטן, אָבער מיט באַשיידענער גרויסקייט, ווי אַ גראָער ווינטער־טאָג, דאָס שליסט ניט נאָר אָפּ שיין דאָס לעבן פונעם אַלטן מילנער, נאָר עס באַלייכט עס אויך און גיט עס צו פאַרשטיין. אַזוי ווי דער אַלטער יהושע איז געשטאָרבן, אַזוי שטאַרבט אַ כמאַרע, וואָס

דער טויט געהער צום לעבן

פאַרציט זיך פּאַוואָליע און אָן אויפרעגונג צו אייביקן ניט־זיין און אַזוי רואיק, זאַט און צופרידן שטאַרבט אַ פעלד, נאָך דעם ווי עס האָט אָפּ־געגעבן זיין פרוכט צו דעם שניטער.

הירשביין האָט מיט דעם קאַפּיטל זכרונות „דער אַלטער קאַרשנ־בוים און דער זיידע" אָוועקגעשטעלט אַן אויסטערלישן ליטעראַרישן מאָנומענט פאַר דעם שיינעם טויט פון אַ יידישן ישובניק — אַ פּראָס־טאַק.

* * *

ווי אַזוי אַ שיינער טויט באַקרוינט דאָס וואונדערלעכע לעבן פון אַ ייד, אַ בעל־מוח, אַן אינטעליגענט, וואָס איז היימיש אויף די וועגן פון מענטשלעכן גייסט, דאָס האָט אונז מיט אַ סך ליבשאַפט און טאַלאַנט באַשריבן יעקב גלאַטשטיין אין זיין נייעם ראָמאַן „ווען יאַש איז גע־קומען".

אין דער געשטאַלט פון זיין העלד, שטיינמאַן, איז גלאַטשטיינען געלונגען צו לאָזן אין אַ זייט אַלע צופעליקייטן און קאַפּריזן פון לעבנס־פּאַסירונגען און אויסצושיידן אַ פיגור, וואָס איז כולו געזעצמעסיקייט. ווי באַלד מיר באַקענען זיך מיט שטיינמאַנען, ווייסן מיר און מיר ריכטן זיך, אַז זיין לעבן מוז זיך ענדיקן מיט אַ סוף פון —

„זינגענדיק און טאַנצנדיק גייען מיר, מיר גרויסע, גרויסע יידן".
שטיינמאַנס טאַטע, ווערן מיר געוווּיר טאַקע פון שטיינמאַנען אַליין, „האָט אויף די עלטערע יאָרן געבענקט נאָכן טויט ווי אַ פרומער ייד נאָך אַ מצווה, וואָס ער האָט נאָך ניט אויסגעפּרוווט".

איך מוז זאָגן, אַז אַזאַ בענקשאַפט איז זייער נאַטירלעך ביי אַזאַ יידן ווי שטיינמאַן אָדער זיין טאַטע. וואָרעם שיין לעבן הייסט — ווי געזאָגט — שטיין אין אַ שטענדיקן געוועט מיט די פּאַסירונגען פון לעבן, אין אַ שטענדיקן באָקס־מעטש, ווער וועמען עס וועט גובר זיין. וועל זיגן איך, דער מענטש מיט מיינע מאָראַלישע פּרינציפּן פון לעבנס־פירונג, און וועל איך קאָנען אָנהאַלטן מיין מענטשלעכע ווערדע אָדער וועט עפּעס אַ געשעעניש אין מיין לעבן געלינגען מיר צו דער־לאַנגען דעם ריכטיקן קלאַפּ, אַז איך זאָל מיט אַ מאָל ווערן אויס מענטש, אויס מענטש מיט חשיבות און מאָראַל? פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ גוטער און שטאָלצער ייד, ווי דער אַלטער שטיינמאַן, וועלכער האָט אַ לעבן־

דער טויט געהער צום לעבן

לאַנג זיך רק געבאָרעט מיט פאַרשידענע יצר־הרע׳ס און שיקזאַל־קלעפּ און געהאַלטן אין איין זיגן, גאַרט זיך ענדלעך צו פאַרמעסטן אויך מיטן שטאַרקסטן געגנער: מיטן טויט.

דעם זון זיינעם, גלאַטשטיינס העלד שטיינמאַן, זעען מיר טאַקע אין דעם דאָזיקן לעצטן געפעכט מיטן שטאַרקסטן געגנער. מנצח איז, ווי תמיד אינעם לעצטן קאַמף, דער טויט. אָבער דער באַזיגטער באַווייזט זיך אין זיין גאַנצער גרויסקייט פון אַ מענטש אַ בעל־מדות און אין דער גאַנצער טראַגישער שיינקייט פון אַ שוואַכן, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט אַ טויזנט, אָבערטויזנט מאָל שטאַרקערן פון זיך און באַוויזן, אַז דער שטאַרקער קאָן אים באַזיגן, אָבער ניט צעברעכן, ער קען אים טויטן, אָבער ער מוז אים רעספּעקטירן.

שטיינמאַן ליגט אויפן טויטנבעט. איין אויג זיינס האָט שוין דער מלאך־המות פאַרשטעלט מיט זיין ביינערדיקער האַנט. שטיינמאַן, קוים, קוים וואָס ער זעט נאָך אויפן אַנדערן אויג. אויף דער צונג זיינער איז דער טויט אַרויפגעטראָטן. שטיינמאַן קאָן שוין ניט רעדן. ער קאָן בלויז מאַכן מיט די ליפּן. אָבער ער גיט זיך ניט אונטער. ער פאַרלאַנגט ביים עולם —

„מען זאָל עפּעס זינגען, אַ חסידישע זאַך, אַ פריילעכס״.
און ניט נאָר ער הייסט די אַנדערע זינגען, נאָר ער אַליין...

„מיר איז אַזש קאַלט געוואָרן, ווען איך האָב דערפילט, אַז ער זינגט פאַר זיך, כאָטש מען האָט גאָרניט געהערט. דער גאַנצער רוקנביין איז מיר געוואָרן אַ שטיק אייז״ —

— דערציילט גלאַטשטיין. אָט אַזוי שטאַרבט שטיינמאַן, איינער פון די סאַמע שענסטע און קינסטלעריש שלימות־דיקסטע געשטאַלטן אין דער יידיש־ליטעראַטור. ער איז מקיים אַלץ, וואָס ער האָט צוגעזאָגט ביים סאַמע אָנהייב פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט אונז, דהיינו, אַז —

„אַפילו פון דער בלאָטע וועל איך זינגען צו דיר, מיין גאָט, אַפילו פון דער בלאָטע״.

ער שטאַרבט אין פולער האַרמאָניע מיט זיין לעבן. ניט עפּעס אַ וואָרעם איז צעטראָטן געוואָרן, נאָר עס איז געפאַלן אַ שטאָלצער מענטש, וואָס האָט געקעמפט אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין איידעלן אידעאַליזם פון

דער טויט געהער צום לעבן

קאַמף און האָט ניט פאַרמאָגט קיין ברעקל פון קליינער תכליתדיקער אויסרעכענונג פון זיג.

ווען בוכלערנער, דער בעל־הבית פון זומער־האָטעל, איז מודיע: ברוך דיין אמת! — האָב איך געפילט, אַז באַלד וועט ער נאָך דער־ציילן, אַז ווי נאָר שטיינמאַן האָט צוגעמאַכט די אויגן, האָט דער טויט אַליין, אַ געפלעפטער פון שטיינמאַנס העלדישקייט, ספּאָנטאַן אַראָפּ־גענומען זיין שוויצער־הוט, אַריינגעשטעקט צוריק זיין שווערד און געבליבן שטיין אין דער פּאָזע פון טיפן רעספּעקט פאַר דעם, וועלכן ער האָט אָקערשט באַזיגט.

* * *

און לעבן הירשביינס זיידע יהושע און גלאַטשטיינס העלד שטיינ־מאַן שטייט מיין קרוב קלמן איציקס. דעם קרוב מיינעם האָט די ליטע־ראַטור פאַרזען, און ער האָט בפירוש פאַרדינט, אַז עס זאָל אים אויך געשטעלט ווערן אַ ליטעראַרישע מצבה. קלמן איציקס האָט געפירט אַ גראָ און שווער לעבן פון אַ ישובניק, אַ האָרעפּאַשניק און אַ מטופל מיט קינדער. זיין נשמה האָט געבענקט נאָך פייערלעכקייט, נאָך צערע־מאָניע. יעדע פריידיקע און אַפילו טרויעריקע פּאַסירונג אין לעבן האָט אים געוואָרעמט מיט איר טעאַטראַלישקייט. אין טויט האָט קלמן איציקס פאַר אַלעמען געזען דאָס אומגעווייטלעכע, יום־טובדיקע, דאָס טעאַטראַליש־דעקלאַמאַטאָרישע. די מענטשן ביי אַ לוויה גייען אַנדערש ווי אַלע טאָג און, להבדיל, אויך די פערד. ער געדענקט, ווי ער אַליין האָט רעזשיסירט זיין חתונה. ער האָט אַראָפּגעבראַכט דאָס שטאָטישע כלה־מיידל מיט אירע מחותנים צו זיך אין דאָרף אַריין און דאָ געשטעלט די חופּה. די מחותנים האָבן געגאַפט. גויאישע מוזיק־קאַפּעליעס אויף ווייסע פערד זיינען זיי ביים אַריינגאַנג צום דאָרף אַקעגנגעקומען, און די חתונה אַליין האָט מיט אירע צערעמאָניעס, וואָס דער חתן האָט צוגעטראַכט, געשמט איבער דער גאַנצער געגנט. איצט, אַז ער האָט אָפּגעלעבט אַ שיין און צופרידן לעבן מיט זיין ווייב און איז געוואָרן אַן אַלטער קראַנקער ייד אין די זיבעציקער און אַלע קינדער זיינען שוין אויסגעגעבן, אויף וואָס פאַר אַ צערעמאָניע קאָן מען נאָך וואַרטן? וואָס פאַר אַ יום־טוב קאָן מען, אַזוי צו זאָגן, רעזשי־סירן פונעם קראַנקנבעט? די איינציקע פייערלעכקייט, וואָס דאַרף

דער טויט געהער צום לעבן

אָפּשליסן אַלע לעבנס־צערעמאָניעס, איז דער טויט. האָט טאַקע קלמן איציקס אַרויסגעוויזן וווּנדערלעכע פעאיקייטן פון אַן אינסצעניזאַטאָר פאַר אַט דער לעצטער גאַלאַ־פאָרשטעלונג זיינער. ס׳איז געווען אַ רעזשי־העפט דורכגעטראַכט אין אַלע איינצלהייטן.

קלמן האָט אין זיין לעבן מקיים געווען אַ געזונטן רעצעפּט פון לעבנס־חכמה. דער רעצעפּט הייסט: זיך ניט פאַרביטערן דאָס לעבן מיט דער זאָרג וועגן טויט און דעם טויט מיט דער דאגה וועגן לעבן. געלאָזט האָט דאָס בצוואה דער מענטשהייט דער גרויסער פראַנצויזישער שרייבער מאָנטען. און זיך אַליין און זיינע קינדער האָט די רפואה פאַר־שריבן אומאָפּהענגיק — אַזוי אומאָפּהענגיק פון מאָנטענען און פון לי־טעראַטור — מיין קרוב, דער דאָרפס־ייד קלמן איציקס. מיין קרוב האָט פאַרן טויט ניט מורא געהאַט. ער האָט אים בלויז רעספּעקטירט — מיט דעם זעלביקן רעספּעקט, ווי דאָס לעבן. און אַזוי ווי דרך־ארץ האָט זיך דורך אַלע זעכציק יאָר פון זיין באַוווּסטזיניק לעבן אויסגע־דריקט צערעמאָניעל, טעאַטראַליש, האָט דאָס, פאַרשטייט זיך, געגאָלטן אויך פאַרן פינאַל, פאַרן סוף פסוק פון אַלע רעפּליקעס — פאַרן טויט.

ער איז געשטאָרבן, קלמן, מיט סטיליזירטער חשיבות, ווי אין אַ קלאַסישער פּיעסע. זיין טויט האָט אין גאַנצן באַלאַנגט צו זיין לעבן.

(1941)

ה. לייוויק — דער דיכטער

דער נביא, וואָס ביי אים איז אַ חלום,
זאָל דערציילן אַ חלום,
און דער, וואָס מיין וואָרט איז ביי אים,
זאָל רעדן מיין וואָרט וואָרהאַפטיק.
(ירמיהו, כ״ג, 28)

פאַראַן דיכטערס, וואָס זייער מוח איז געגליכן צו אַ פלוג, צו אַן אייזערנעם פויערשן פלוג. דאָס שאַרפע אַקער־מעסער שניידט זיך אַריין אין דער ערדס אינגעווייַדן. וואָס אויף דער אויבערפלאַך צע־קלאַפּט עס און וואָס אין דער טיף דעקט עס אויף. יעדער שפּאַן צע־אַקערטע ערד איז אמת ווי גאָטס וואָרט, ווייל יעדער שפּאַן ערד ווימלט מיט וואָרהאַפטיקן לעבן.

און פאַראַן ווידער דיכטערס, וואָס זייער שאַפונג סאַמעוועט מיט דער טועכץ פון אַ הראַבליע. אין קילע פאַרנאַכטן נעמט זי דער שניטער אין האַנט אַריין און לויפט דורך מיט אירע הילצערנע ציין איבער פעלדערס פלאַכן און זאַמלט איין אַלע צעשאָטענע זאַנגען. און איעדער פון די צעשאָטענע זאַנגען איז אומזיכער און לייכטזיניק ווי דעם מענטשנס חלום.

עס קען געזיין, אַז ביידע מינים דיכטערס זיינען שעפעריש באַ־רעכטיקט צו עקזיסטענץ, אָבער נאָר פון צווישן די ערשטע קען אַרויסוואַקסן דער סימבאָל און וואָרטזאָגער פון אַ דור, פון אַ פאָלק.

פאַרוואָס איז לייוויק דער סימבאָל און פאָעטישער וואָרטזאָגער פון זיין דור? ניט צוליב דעם אָדער יענעם דיכטערישן מאָטיוו, פון וועלכע עטלעכע איך וועל פרואוון אַדאָ אַנאַליזירן און אויך ניט צוליב דער אָדער יענער פאָרם־אַנשטרענגונג, פון וועלכע איך וועל פרואוון עט־לעכע אַדאָ אונטערשטרייכן. דאָס וואָס עס הויבט לייוויק'ן אַרויס פון צווישן אַ גאַנצער ריי גוטע און אויסגעצייכנטע יידיש־פאָעטן און שטעלט

ה. לייוויק — דער דיכטער

אים אָוועק ווי דעם דיכטערישן אויסרוף־צייכן פון אונזער גענעראַציע, איז די שיקזאַל־פּעאיקייט פון זיין ליד. לאָמיר דאָס קלאָר מאַכן. דער גורל האָט לייוויק'ן נאָך אין זיין יוגנט צונויפגעפּירט מיט די פיזי־שע ליידן און מיט די זעלישע יסורים פון דער מענטשלעכער קרעאַ־טור. ער אַליין, דער פּאָעט, האָט אויף זיין יונגן לייב געפילט די שווערע פויסט פונם פייניקער און אויף דער נשמה דעם ברוטאַלן טראָט פון תליינ'ס חוזק. און געוויזן האָט ער אים, דער גורל, „לייבער צע־שמיסענע מיט אייזערנע ריטער" און

אַלע אויגן טונקעלע, פאַרלאַשענע,
נאָר מיט קאַלטע טרערן אָנגעגאָסענע.

אַ יונגער פּאָעט האָט אויף אַזעלכע אומגעוויינטלעכע איבערלע־בענישן געקענט רעאַגירן מיט האַרצרייסנדיקע עלעגיעס און מיט פויסטן־צום־הימל־פּערזן, און אפשר וואָלט ער דערביי געשאַפן אַ גרויס אָדער גרעסער ווערק. דער עטלעכע און צוואַנציק־יעריקער לייוויק האָט אין דעם איבערגעלעבטן און איבערגעזעענעם דערפילט מער ווי גשטאַלטונגס־אינספּיראַציע, ער האָט דערשמעקט דעם האַרבן ריח פון גורל און שליחות און ער האָט געהאַט דעם כוח צו זאָגן צו זיין שיקזאַל: יאָ.

אַז איך בין אויף שטענדיק אַ שרייבער,
איז מיין אמת נאָך אַלץ אין דעם,
וואָס אין בלוט פון געשמיסענע לייבער
ליגט אויך מיין געשמיסענער שם.

די זעאונג אויף דער וואָר פון מענטשלעכער פּיין איז געוואָרן דער קינסטלערישער שטאָף, פון וועלכן לייוויק האָט געשאַפן מער ווי אַ ליד און מער ווי אַ ווערק. ער האָט אויסגעשמידט דעם לעבנס־אמת פון לייוויק, דעם פּאָעט.

מאָריס ראָזענפעלד, למשל, האָט באַזונגען די ליידן פונם יידישן שאַפּ־אַרבעטער. ער האָט אויסגעזונגען אַ גרויס ליד, אָבער ראָזענ־פעלד'ס לעבנס־וואָרהייט האָט זיך, ווי מיר דוכט זיך, אָנגעקערט בלויז אַ וויטן שלישי ברביעי מיט די שאַפּ־זעאונגען. זיין לעבנס־אמת איז גאָר געלעגן אויף דער ליניע פון ראַפינירטן אינדיווידואַליזם. ראָזענ־

ה. לייוויק — דער דיכטער

פעלד׳ס שאַפּ־ליד איז געווען בלויז אַ צופעליקער צונויפשטויס מיט אַ קינסטלערישן שטאָף, וועלכן ער האָט גורל׳דיק ניט אַקצעפּטירט, אפשר גאָרניט געווען בכוח צו אַקצעפּטירן.

לייוויק, ווי געזאָגט, האָט זיין וואָר־זעאונג און וואָר־איבערלעבונג אַנגענומען ווי אַ העכערן צייכן פון אַ שליחות, וואָס ווערט אויף אים אַרויפגעלייגט. אין אַן אומהיימלעך אינספּירירטער וויזיע האָט דער יונגער פּאָעט דערזען:

אויף אַלע געזיכטן — מיין אויסזען,
אין אַלעמענס אויגן — מיין בליק,
מיין טרויער אין אַלעמענס הערצער.

און ער האָט אונטערטעניק און געדולדיק געענטפערט אויפן רוף:

מיט ליפּן צוזאַמענגעדריקטע
איך מורמל: בין שולדיק, בין שולדיק.

אָט דאָס דאָזיקע שולד־געפיל פאַר די ליידן פון זיינע מיטמענטשן, וואָס לויפט דורך מיט אַן אומפאַרמינערטן צאַפּל דורך אַלע לייוויקס לידער פונעם ציקל „ערגעץ ווייט" איבער דער „באַלאַדע פון דער דענ־ווער־סאַנאַטאָריע" און ביז צו די „לידער וועגן דער גאָלדער לאַטע" ווייעט אויף איךביים לייענען מיט אַזאַ נאַגנדיקער וואָרהאַפטיקייט, אַז ניט ווילנדיק ווערט איר פאַרכאַפּט פון גלויבן, אַז נאָר דער, וואָס טראָגט אַזאַ טיף שולד־געפיל אין זיך, קען אויך זיין דער טרעגער פון טרייסט און דערפרייאונג:

ביסטו דאָס אָט דער, וואָס דאַרף קומען
אונז ברענגען דערפרייאונג און טרייסט?

דאָס געמיט פון לעזער לויפט אַקעגן אָט דער פראַגע מיט אַ האָפענונגספולן יאָ. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז ערגעצוואו שפּאַנט לייוויק אין געמיט פון זיין לעזער אַריבער די גרענעצן פון ליטע־ראַטור און באַגעגנט זיך מיט אים פנים־אל־פנים ווי אַ לעבעדיקע געשטאַלט. ער הערט אויף צו זיין ווי ס׳איז דאָס איעדער עכטער דיכטער אַ מין יעהאָוואַ פון אונטער דעם רויך און וואָלקן פון וואָרט, קלאַנג און ריטם און ער ווערט דאָס, וואָס אַפילו אַן עכטער דיכטער

ה. לייוויק — דער דיכטער

איז זעלטן — אַ מיטאָלאָגישע געשטאַלט, אַ מין משולח, וואָס וואַנדערט איבער ישובים מיט האַרבע ווערטער פון על חטא און תשובה, פון מוסר און אָנזאָג, ווי מיט האַרטע שטיקער ברויט אין זיין טראַיסטע.

אפשר ליגט אָט דאָ טאַקע דער סוד פון לייוויקס אַזוי־גערופע־נער פּאָפּולערקייט ביים אידישן אינטעליגענט און פּאָלקסמענטש, ביים לעזער, האַלב־לעזער. און ניט־לעזער פון פּאָעזיע. וואָרום עס זיינען גענוג געציילטע עטלעכע פערזן פון זיינע לידער, עטלעכע סצענעס פון זיינע דראַמעס און אַפילו בלויז דער אַראָמאַט פון זיינע שורות דערטראָגן דורך אַ מינדלעכער אָדער געשריבענער רעצענזיע, און דער עולם דערפילט, אַז עס שמעקט דאָ ניט בלויז מיט ליטעראַרישן שפּיל און ערנסט. עפּעס זעצט פון לייוויקס לידער אַ שאַרפער גערוך פון מאָראַלישער מאָנונג, פון געוויסן־נאָגעניש און פון שטעכיקער אַחריות, וואָס גראָבט אויף אויך ביים לעזער און הערער טיף־פאַרבאָרגענע חטאים צו זיך און צום מיטמענטש. לכתחילה שטויסן אפשר אָפּ אַזעלכע לידער מיט זייער פריקרען טעם פון אַן אויפ־געריסענער וואונד, דערנאָך אָבער נעמען זיי איין מיטן טרויער פון פּיין און יסורים און מיט דער גערעכטיקייט פון דער מאָנונג און שענקען אויפרעכטונג און לייטערונג, ווייל זיי וועקן אינם מענטש דאָס סאַמע איידלסטע: דאָס פּינטעלע מענטש. און מיר דאַכט זיך נאָך אַלץ אַפילו איצט, ווען עס וואָלט זיך ניט געדאַרפט אַזוי דאַכטן, אַז די גרעסטע מענטשלעכע ליידנשאַפט איז די ליידנשאַפט פון מענטש־לעכקייט.

ווי וואָרהאַפטיק־פרומע מוסר־רייד, מאָנען ביי אייך לייוויקס לי־דער, אַז איר זאָלט אייך ניט באַנוגענען מיט זיי, וואָרום

> אָבער כדי צו לעבן הייליק, דאַרף מען דעם לעבן געבן,
> ווייזט אויס, עטוואָס מער פון געזונגענע רייד,

און דערעיקרשט ניט פאַרשלעפערן דאָס געוויסן מיט אַ ביסל געוויסן־נאָגעניש, וואָרום

> אַנטקעגן דעם געוויין פון אייער הויט און גליד —
> איז לעכערלעך דאָס געוויין פון מיין געוויסן.

ה. לייוויק — דער דיכטער

אָבער, וועט מען פרעגן, און אַוודאי ניט אָן רעכט: איז דען דאָס פּינטעלע מענטש, וועגן וועלכן עס איז פריער גערעדט געוואָרן, איינס מיט ליידן, מיט ליבשאַפט צו ליידן, און איינס מיט דער זיכערקייט, אַז עס איז אַ זכיה צו זיין דער ערשטער קרבן? איז טאַקע אמת, אַז

וואויל צו דער זאַנג
די ערשטע וואָס פאַלט אונטער ראָד,
אַנטפּלעקט אין אַנטפּלעקטן געזאַנג
דעם שניידמעסערס סוד?

איך ווייס ניט, און איך מוז זיך מודה זיין, אַז עס גלוסט זיך מיר אויך צומאָל ניט ווייניקער ווי אַן אַנדערן אָפּצופרעגן מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן דעם דאָזיקן לעבנס־טעזיס פון אונזער דיכטער. אָבער דערפאַר איז מיר קלאָר, אַז דורך דער פּאָעטישער אָביעקטיוויזירונג פון זיין אייגענעם צעשמיסענעם לייב און זיין צעטראָטענער נשמה און דורך דער דערהויבונג פון זיין סוביעקטיוון שולד־געפיל צום סימבאָל פון מענטשלעכן געוויסן האָט זיך לייוויק שעפעריש באַגעגנט מיט דער יידישער גרויס־געשיכטלעכער אידעע פון קדוש־השם.

די קדוש־השם־אידעע מיט אירע בולטע סימנים פון נזירות און געוויסן (לויט פרוידן זיינען די צוויי עלעמענטן איינס צו ס'אַנדערע אי טאָכטער אי מוטער) איז טאַקע דער רעזולטאַט פון ביטערער קאָ־לעקטיווער מאַכטלאָזיקייט, אָבער זי איז אויך אַ זיס־אָפּטימיסטישער אויסוועג, ווייל זי פירט צו אַ העכערער מענטשלעכקייט, אָן איבערגע־בעטענער מיטן גורל און אַ פאַרליבטער אין די קלעפּ פונם גורל, וואָס באַקומען דעם קלאַנג פון קלעפּ אין עפּעס אַ געהיימער טיר פון אַ גרויסן עטישן וואוהין, אָדער ווי לייוויק זאָגט — „אַנטפּלעקן דעם שניידמע־סערס סוד".

דער פּאָטער פון דער קדוש־השם־אידעע אין דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור, איך מיין דער, וואָס האָט זי מיט זיין „חסידיש" און „פאָלקסטימלעכע" אָוועקגעשטעלט פאַרן עיקרדיקן שאַפונגס־דירעק־טיוו, איז געווען פּרץ. אויף פאַרקערטע וועגן זיינען פּרץ און לייוויק דערגאַנגען צום קדוש־השם־גאָט. דער אויסטערלישער העראָאיזם פון די אויסגעחלומטע פאָלקסטימלעכע געשטאַלטן האָט געוועקט אין

ה. לייוויק — דער דיכטער

פרצן די פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט פאַר דער גרויסער מענטש־לעכקייט פון דעם פינטעלע ייד. שווערע פיזישע יסורים און טיפע באַליידיקונג פון אייגענער מענטשלעכער ווערדע זייגען דער קוואַל פון לייוויקס באַהעפטיקייט מיט דער אידעע פון מאַרטירערשאַפט, וואָס האָט פאַר אים פאָעטיש אַנטדעקט די גרויסע יידישקייט פון דעם פינ־טעלע מענטש. אָט אַזוי פאָרמולירט ער זי, די גרויסע קרבנות־יידיש־קייט:

פון הבל און יצחק איך שטאַם,
פון הבל דעם תם און פון יצחק די לאַם.

און ווייל די נאַציאָנאַל־עטישע אידעע פון קדוש־השם איז ביי לייוויקן אַרויסגעוואַקסן, ווי אַ פּוילישע פאָלקסווערטל זאָגט: „דערפון וואָס טוט וויי", ד"ה ניט בלויז פון גרויסשוואונגיקן חלום און אינטעלעק־טועלער אינספּיראַציע (ווי ביי פּרצן), נאָר ווי אַ ממש ביאָלאָגישע רעאַקציע אויף וואַרהאַפטיקע לייב־און־זעל־איבערלעבענישן, איז דער קינסטלערישער מאָטיוו פון מאַרטירערשאַפט אַרויסגעקומען ביי אים אפשר ווייניקער מאָנומענטאַל, אָדער בעסער געזאָגט, ווייניקער גע־דאַנקלעך־אילוסטראַטיוו, אָבער דערפאַר אָן אַרומגעשפּונענער מיט אַלע סתירות פון לעבעדיקע נשמה־געוועבן. עס קאָכט אין לייוויקס לידער מיט אַלע מענטשלעכע סאַמאַראַדנעקייטן פון קוים פאַרדעקטע געפילן און נאָך ניט געלייטערטע טונקלקייטן. און פון די דאָזיקע נאַטור־האַפטע טיפענישן שטייגן אויף די דינסטע און איידלסטע קנייטשן און ניואַנסן פון אַ (אויב מען קען אַזוי זאָגן) דע־יצר־הרעטער הומאַניש־קייט. עס שאַלטן און וואַלטן אין לייוויקס לידער צו דער זעלבער צייט רחמנות און אַכזריות, האַס צום תליין, און ליבשאַפט צו זיין מעסער, האַפערדיקער גאולה־חלום און פאַרצווייפלטע אומקום־שטימונג, צאַר־טע עראָטיק און האַרטער אָפּווער פון ליבע, דורשט נאָך לעבן און האַס־טיקער אָקעגנלויף דעם טויט, איידעלע מורא פאַר בלוט און בענקשאַפט דערנאָך. און מען האָט דאָס געפיל (אפשר איז דאָס בלויז מיין גע־פיל), אַז לייוויקס פערזן, אַמאָל טאַקע פון דעם זעלביקן ליד און אַמאָל פון לידער בייאַנאַנד, זיינען בלויז די איינציק לעבן־געבליבענע העלדן

ה. לייוויק — דער דיכטער

אין דעם שווערן געראַנגל פֿון סתירות, אין דעם אָפֿט דיאַלעקטיש פֿאַרשפּיצטן שטרייט צווישן געפֿיל־ווידעראַנאַנדן.

גערשריי וועקט געשריי. זיי וואַכיק, מיין שומר,
שטיי גרייט מיטן קנוט, מיט כלי־זין,
איבער מיין אייגן ליד פֿון געלייטערטן חומר
די טיגערס פֿון מיין האַרץ שפּרינגען אויף, שרייען.

דאָס ליד איז זייער אָפֿט בלויז דאָס ערשטע פֿלאַם־ברויטל פֿון לייוויקס הייס־געבאַקענעם אינספּיראַציע־אויוון. די געפֿיל־ווידעראַנאַנדן פֿירן דערנאָך ווייטער זייער פּאָעטישע שלאַכט מיט אומפּאַרמינערטן אימפּעט. זיי גייען איבער אין לעבעדיקע געשטאַלטן און צעוואַקסן זיך צו דראַמאַטישע צוזאַמענשטויסן אויפֿן פּאַן פֿון וואָר און חלום. אַז דער שאַפֿונגס־פּראָצעס איז אומגעפּער אַזעלכער, דערציילט אונז טאַקע לייוויק אַליין אין זיין פּאָעמע וועגן פֿויגל „ווי־פור־וויל" און זיין אָוונט־געשריי.

פֿון די פֿריער־דערמאָנטע סתירהדיקע נשמה־עלעמענטן אין לייוויקס לידער וויל איך דאָ בקיצור אַרומרעדן צוויי, דהיינו: די מאָטיוון פֿון וואונד און מעסער און פֿון טויט.

אַוודאי איז מעגלעך צו אַסאָציאירן וואונד סיי אין דער מעדיצין און סיי אין קינסטלערישן מאָטיוו, ניט נאָר מיט מעסער, נאָר אויך מיט האָניק־טייגל. איז, אין דער מעדיצין נעם איך זיך ניט אונטער אויסצוקלייבן צווישן דעם קאָנסערוואַטיוון און דעם כירורגישן היילמעטאָד. וואָס שייך אָבער אין דער ליטעראַטור, איז מיר באמת גרינג צו וויילן. פּונקט אַזוי ווי אין דער קינסטלערישער פּסיכאָלאָגיע איז מיר ליבער דאָסטאָיעווסקיס אַכזריותדיק מעסער איידער דאָס מילדע האָניק־טייגל פֿון, זאָגן מיר, אַנאַטאָל פֿראַנס' סקעפּטישער איראָניע און פּערל באַקס צאַינה־וראינהשן נאַטוראַליזם, אַזוי איז מיר אויך לייכט צו אַנטשיידן בנוגע דעם מעסער־און־טייגל־עלעמענט אין דער יידישער קדוש־השם־אידעע. דער טייגל־עלעמענט (זאָל מיר דערלויבט זיין אַזאַ באַצייכענונג), ווי ער קומט, למשל, אָפֿט צום אויסדרוק ביי שלום אַשן, גיט דעם קרבן בלויז דעם פּאַטאָס פֿון באַשולדיקן די פּייניקער און באַרויקט אָבער דערפֿאַר די וואַכיקייט פֿון אייגענעם

שולד־געפיל. די אויסלייזערישע ליבשאַפט, וואָס שטייגט אויף פון אַשס קדוש־השם, האָט דערפאַר טאַקע אַלע זיבן חנען פון פערפעקטער ליטעראַרישקייט, אָבער עס פעלט איר זייער אָפט דער האַרבער ריח פון וואונדיקער וואָרהאַפטיקייט.

ביי לייוויקן איז וואונד און מעסער־חלום, האַלז און תליה־טרוים ניט נאָר אויסדרוק פון פערמאַנענטן שולד־געפיל, נאָר אויך סימבאָל פון גורלדיקער באַרעכטיקונג פון ליידן, וואָס ניט זיי זיינען בלויז דער וועג צו גאולה, נאָר זיי זיינען שוין אַליין אַ שטיק אויסלייז. די ליב־שאַפט איז דאָ שוין ניט בלויז אַ גרויסמוטיקער, לפנים משורת־הדיניקער זשעסט פונם קרבן צו זיינע פייניקער, נייערט אַ פסיכיש־פאַרשטענדלע־כער און טיף־מענטשלעכער סענטימענט, וואָס הויזט בייאַנאַנד מיט ליידן, איז דער רעזולטאַט פון זייער לייטערונג און צו דער זעלביקער צייט די פאַרבאָרגענע סיבה פון זייער באַרעכטיקונג.

אַזאַ ליבשאַפט שטילט ניט איין, נאָר זי מאָנט; זי ברענגט ניט די צופרידנקייט און רו פון אַן אָפגעטאָענער מצווה, נאָר זי פלאַנצט איין דעם אומרו פון שולד און דעם טרויער פון קיינמאָל ניט דערפיל־טער פליכט. דערפאַר איז טאַקע וואָס

מען זאָגט — אין ווינקלען זיצן מענטשן דערשלאָגן,
ווייל איך האָב אין זיי די רו געטויט;
ווייל טרויער ברענג איך אַ פולן וואָגן
און טייל עס אַלעמען ווי מען טיילט ברויט.

און די, וואָס זיצן אין די ווינקלען דערשלאָגן, ווייל מער פון דער מצווה האָבן זיי דעם ליב דעם לוין פון צופרידנקייט, וואָס זיי באַצאָלן זיך אַליין פאַר איר, ווילן אויך ניט וויסן און קענען אפשר אויך ניט פאַר־שטיין, אַז דער מאָטיוו פון טויט, וואָס לויפט אַזוי אָפט דורך דורך לייוויקס לידער, איז גאָר איינער פון זיינע האָפערדיקסטע און פריי־דיקסטע מאָטיוון. טויט האָט פאַר לייוויקן די באַדייטונג פון פרייהייט און דעם טייטש פון באַהעפטונג מיט לעבן. דער רב אין דער פאָעמע „דער וואָלף" קערט זיך אום צו ישוב און צו מענטשלעך לעבן ערשט דורך זיין טויט. און ווען איך זאָג, אַז פאַר לייוויקן איז דער טויט אידענטיש מיט פרייהייט, טראַכט איך ניט צו דער ראָלע, וועלכע דער

ה. לייוויק — דער דיכטער

טויט מוז שפּילן לויטן אַלגעמיינעם פאַרלאַנג פונם הויך־געשעצטן פּעסימיסטיש־עלעגישן פּובליקום, איך מיין, די ראָלע פון אַ באַפרייער פון ליידן. נייך, די פּאַטעטישע קאָנצעפּציע פונם טויט־באַפרייער איז ביי לייוויקן אַ גאָר אַנדערע. געדאַנקלעך דערמאָנט זיין אויפפאַ־סונג אָן מאָנטענס: צום טויט פּאָרויס דענקען, הייסט — פּאָרויס דענקען צו פרייהייט. און וואָס שייך קינסטלערישער געשטאַלטונג, קער זי זיך אָן מיט קאַרל קראַוז, וואָס איז, לויט מיין געשמאַק, איינער פון די סאַמע אויבן־אָן דיכטער־דענקער פון אונזער צייט. ווי ביי מאָנטענען און ביי קראַוזן, איז דער טויט אויך ביי לייוויקן ניט דער באַפרייער פון ליידן, נאָר פון פּענטעס. קייטן, וועלכע לעבנס־פאַקטאָרן האָבן מיטן גרעסטן אָנשטרענג ניט געקענט צעברעכן, צעהאַקט דער טויט. ניט ווי ביי איובן, וואָס ווען דער טויט זאָל געוועזן איבער אים קומען, וואָלט ער זיך געפילט גליקלעך,

וואָרום איך וואָלט אַצונד געלעגן און געוועזן שטיל,
איך וואָלט געשלאָפן, איך וואָלט רו געהאַט דענסמאָל,

נאָר גאָר אַנדערש:

אין שטאָלענע קייטן
ליג איך געפּענטעט
און אַלץ אין מיר מאָנט:
פרייהייט, פרייהייט!
עפנט זיך די טיר,
און ער וואַלגערט זיך אַריין, —
— — — — — — — —
ער ברענגט אַ האַמער
און צעקלאַפּט מיין קייט;
ער ברענגט אַ האַק
און צעהאַקט דעם צאַם.

דער טויט איז ניט דער אָפּלייקענער פון לעבן, נאָר פאַרקערט, דער וואָס באַפרייט פון קייטן און גיט צוריק דעם לעבן זיין מענטש־לעכע חשיבות, זיין אמתע ווערדע. פרייהייט און דעם פאַרלאַנג נאָך פרייהייט האָבן אַזויפיל דיכטער פון אַמאָל און פון היינט באַזונגען און

געשטאַלטיקט, אָבער איך מוז זאָגן, אַז איך געדענק ניט, ס'זאָל מיך האָבן ערגעצוואו אין אַ ליד טיפער אויפגעטרייסלט דער דורשט נאָך פרייהייט, ווי די אומהיימלעכע לײדנשאַפט צו איר אין לייוויקס עטלעכע יוגנט־פערזן:

וועדט פינצטער און שפעט, שטייט אַ וועכטער און היט,
אַמאָל היט ער יאָ, און אַמאָל היט ער ניט;
דער מענטש מיטן פערד, איינגעשמידט אין אַ קייט,
זיי שטייען זיך רואיק און שטיל זאַלבעצווייט.

דער דיכטער, וואָס איז היפּער־סענסיטיוו פאַר אומפרייהייט, דער־זעט ביים דענקמאָל פון מענטש אויפן פערד ניט די מייסטערשאַפט פון האַנט, וואָס האָט געשאַפן די אייזערנע סטאַטוע, נאָר די קייט, וואָס שמידט זי איין. און... ער נעמט טרוימען וועגן דער פרייהייט פונם מענטשן אויפן פערד; עס נעמט אויפגיין אין אים אַ קאָנספּיראַטיווער פּלאַן, ווי אַזוי צו ראַטעווען דעם געפאַנגענעם. ער דערזעט, דער פּאָעט, אַז דער וועכטער, אַמאָל היט ער יאָ און אַמאָל היט ער ניט...

אָבער צוריקגעבן די אַבסאָלוטע פרייהייט קען נאָר דער טויט, און ער קען אויך צוריק אויפרעכטן דעם געפאַלענעם. (ביי קראַוזן רופט אויס אַ שטאַרבנדיקער זעלנער מיט שטאָלץ: „בין איך טויט, סאַלוטיר איך קיינעם ניט".) דער טויט איז ביי לייוויקן ווי ביי קראַוזן אַ רעוואָלוציאָנערער פרייהייט־מאָטיוו, און נאָך איז דער טויט, ווי שוין פריער געזאָגט, איינס מיטן אייביקן זיין. אַ העכערע פּאָעטישע לאָגיק רעגירט אין די לידער און איז קינסטלעריש מזווג רעוואָלוציאָ־נערע שטרעבונג צו באַפרייאונג מיט דער זעלישער פרייהייט פונם אידעלן אַמסטערדאַמער גאון, וואָס

לויכט אויף אין לעצטן קוק. —
טויט מאָל טויט איז — זיין.

דאָס געטלעכע שפּינאָזע־אויג האָט אין דער „באַלאַדע פון דער דענוווער־סאַנאַטאָריע" און אין די מייסטע איבעריקע „לידער פון גן־עדן" געוואַכט איבער די זון־אויפגאַנגען פון לייוויקס חזון און תפילה און אַראָפּגעלאָזן אויף זיי זיין לויטערקייט און אויסגעלייטערטקייט. די „טיגערס פון מיין האַרץ", וואָס פלעגן פריער אויפשפּרינגען אין די

לידער, זיינען אַנטרונען געוואָרן. די גאָט־ און נאַטור־באַהעפטע גן־עדן־לידער: „דער עפּלבוים דערציילט", „דער מלך שלמה", „ביי די קאַנאַדער ראָקי־בערג", „ווייסע נאַכט אין מדבר אַריזאָנאַ", „דער אַלטער עפּלבוים בליט" און אַנדערע פון דעם מין שליסן אויף אַ נייעם קוואַל פון זינגען און זאָגן פאַר לייוויקן. זאָל דאָ נאָך דערמאָנט ווערן דאָס „אָוונט־ליד". דאָס דאָזיקע ליד אָטעמט מיט אַ געהויבענער האַרמאָנישער רואיקייט און זעלישער אויסגעגליכנקייט און וועקט דערמאָנונגען צו געטעס באַרימטן „איבער אַללען גיפּפעלן". די אַסאָציאַציע צו דער שיבה־טובהדיקער שלוה פונם ווייִמאַרער אָלימפּיער איז מצרף לייוויקס פערזן צו די געציילטע עטלעכע מנינים פון ציִיטס גרויסע לידער. *

די גרויסע געפיל־ווידעראַנאַנדן, וואָס האָבן זיך אין ערשטן פּעריאָד פון לייוויקס שאַפן געראַנגלט אין זיינע לידער, זיינען געווען אַ זעלטענער פּאָעטישער ספּעקטאַקל פאַר דער יידיש־ליטעראַטור פון אונזער דור. די טיפע זיטלעכקייט פון לייוויקס ליד און דאָס ביז צו אים אין דער יידיש־פּאָעזיע ניט־געהערטע „ס'גייט מיר אין לעבן אַריין"־ערנסט נעמען אייגענע איבערלעבונגען און דאָס אייגענע וואָרט פון געשטאַלטונג, האָבן געצוואונגען די יידיש־ליטעראַטור ניט אַראָפּצולאָזן אַן אויג פון דעם אויסטערלישן דיכטער. א. לעיעלעס, וואָס איז אַליין איינער פון די וויכטיקסטע יידיש־דיכטער, האָט ערגעצוואו געמאַכט די ריכטיקע באַמערקונג, אַז לייוויק האָט געגעבן דער יידיש־פּאָעזיע אַ ניוואָ, פון וועלכן אַן אַראָפּ איז שוין נישטאָ. איך וואָלט וועלן מוסיף זיין, אַז ער האָט, אויב מען קען אַזוי זאָגן, אין דער געפיל־טיפקייט פון ליד אויסגעזעצט דעם דנאָ. עס איז פאַר דער יידיש־פּאָעזיע זינט לייוויק ניט פאַראַן מער קיין שפּילעוודיקער פאַרבלייב אָדער קעריק צו די אויבערשיכטן פון דיכטערישער איבערלעבונג.

---

* אין דעם צוזאַמענהאַנג וויל איך דאָ דערמאָנען צום גוטן אַהרן ציִיטלינס אַ ליד (הגם ס'איז אפשר ניט דאָ דער פּלאַץ דערפאַר), וואָס וועקט אויך אַסאָציאַציעס צו „איבער אַללען גיפּפעלן". דאָס ליד „קאָנטעמפּלאַציע ביים קאַריבעאישן ים" („אינזיך", נר' 55 פון 1940) איז זיכער איינס פון די גרויסע לידער אין דער יידיש־ליטעראַטור.

ה. לייוויק — דער דיכטער

דער שטרייט פון סתירות און שטרעבונגען אין דיכטערס וויזיע וועגן לעבן און אידעאַל, וועלכער איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר לייוויקס ליד, האָט זיך, ווי מיר דאַכט, דעפיניטיוו צוריקגעצויגן אין זיין סטודיאַ פון דראַמאַטישע געשטאַלטן. דאָס „ליד פון גן־עדן" און דאָס שפּעטערע ליד האָט זיך אויסגעלערנט „ביים בוים בטחון און ביי די גראָזן רו". עס גייט אויף אין זיין געדאַנק מיט פריידיקער רייפ־קייט:

די שטילקייט פונם בוים און זיינע פרוכט
דרינגט אַדורך דורך אַלע מיינע גלידער.

דער דיכטער פון געראַנגל נאָך מענטשלעכער הייליקייט האָט דערזען און דערגרייכט צו די רויטע באַגינענס פון דער געלייטערטער געטלעכקייט. עס טראָגט זיך פון זיין ניי ליד די גרויסע און וויכ־טיקע בשורה אי פאַר לייוויקן אַליין און אי פאַר דער יידיש־פּאָעזיע, אַז —

איז דאָס די רו, וואָס כ'האָב געזוכט,
זיך ראַנגלענדיק מיט מענטשן און מיט לידער.

דער שפּעטערישער ספּעקטאַקל פאַר דער יידיש־ליטעראַטור ווערט נאָך אימפּאָזאַנטער, נאָך אויסטערלישער, און... נאָך מער אָטעם־פאַרכאַפּנדיק. וואָרום וואָס קען זיין נאָך סענסאַציאָנעלער ווי דער רואיקער זונאויפגאַנג איבער אַ שלאַכטפעלד פון ליידן און לידער?

* * *

פון לייוויקס לידער ווייעט מיט עפּעס אַ מאָדנער פייערלעכקייט. די פערזן זיינען זיינען דווקא אויסגעטאָן פון יענעם יום־טובדיקן פאַר־פוץ, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער פּאָעטישער אימאַזש. זיינע שורות זיינען קלאָרע, איינפאַכע און אָן שום מעטאַפער־באַצירונג. און דאָך אָטעמען זיי מיט יום־טוב. איז, אפשר נעמט זיך די פייערלעכ־קייט דערפון, וואָס אין די ווערטער פילט זיך עפּעס ווי אַ לאַנג גרייטן זיך זייערס צום ליד, עפּעס ווי אַ פאַרקנעפּלען זיך אויף אַלע קנעפּלעך ביי זייער אָנקומען אין ליד אַריין. עס פאַרמאָגן לייוויקס לידער אַ באַזונדערע חשיבות פון איינגעהאַלטנקייט, פון אַן אָפּגעהיטקייט, וואָס שוויגט בעסער איבער, איידער זיך אַרויסצוכאַפּן מיטן מינדסטן קנייטש

פון אומצניעות. ס'איז דאָ ביי לייוויקן אַ טענדענץ ניט נאָר צו וואָס ווייניקער ווערטער, נאָר אויך אַ שטרעבונג, אַז די ווערטער, וואָס האָבן די זכיה אַריינצוקומען אין דער שורה, זאָלן וואָס ווייניקער רעדן. דאָס אַלץ, וואָס איך דערמאָן דאָ, איז ניט סתם אַ נטיה צו סטיליסטישן צמצום, צו עסטעטישער קנאַפּקייט פון ווערסיפיצירונג. ניין, עס איז ניט דאָס. עס איז לגמרי עפּעס אַנדערש. עס איז עפּעס אַ מין עטישע לעבנס־פירונג, וועלכע לייוויק פאַרלאַנגט פון די ווערטער. עס איז אַ שטרענגע פאָדערונג צום וואָרט, עס זאָל צופּאַסן, אַזוי צו זאָגן, זיין פּריוואַטן לעבן צו דער ראָלע, וועלכע עס שפּילט אין דער עפנטלעכקייט — אין ליד. אָט די קאָנצעפּציע פונם וואָרט ווי אַ לעבעדיקער נפש מיט באַוואוסטזיין און אַחריות, צו וועלכן מען קען שטעלן מאָראַלישע פאָדערונגען איז איינע פון לייוויקס זעלטענע באַגעגענישן מיטן יידישן פאָלקלאָר. זעלטן נאָך אַ דיכטער ביי אונז, וואָס זאָל אַזוי אָרגאַניש־ביאָלאָגיש זיין איינס מיט דער יידיש־געשיכטלעכער גייסטיקייט און דערביי אַזוי זעלטן נאָענט צום יידישן פאָלקלאָר. (איציק מאַנגער וואָלט אפשר געווען אַ משל פאַר פונקט קאַפּויר; פאַר באָענטער מחותנשאַפט מיט יידישן פאָלקלאָר און אָפּטע ווייטלעכקייטן פון יידיש־היסטאָרישער אידעע.) אָבער אויך אין אָט דער פאָלקלאָריסטישער אויפפאַסונג פון ווערטער און באַציאונג צו זיי איז ביי לייוויקן ניט פאַראַן יענע וואַרעמקייט, מיט וועלכער די פאָלקס־גלויבונג, די פאָלקס־מעשה און לעגענדע דערציילט וועגן לעבעדיקע ווערטער. דאָס פאָלק דערלויבט זיך שטיפעריש צו פלירטעווען אַפילו מיט הייליקע ווערטער. און הייליקע ווערטער פאַרגעסן זיך אַמאָל און שמייכלען צוריק. אין דער גרויסער מאָראַלישער אַנגעסטראָיעטקייט צווישן פאָלק און זיינע הייליקע ווערטער כאַפּט זיך אָפּט אַריין אַ הומאָריסטישער אינטערמעצצאָ. לייוויק אָבער איז צו די ווערטער כולו דין, כולו חופה־קידושינדיקע פייערלעכקייט און לעגיטימקייט.

די ווערטער שטייען אונטערן דאַמאָקלעס־שווערד פון פּערמאַנענטן חשבון־הנפש. עס קען געזיין, אַז געמייסטרעוועט דאָס יידיש־וואָרט האָבן אַנדערע אפשר בעסער פון לייוויקן, אָבער קיינער אין אונזער דור האָט ניט געטראָגן אין זיך אַזאַ טיפן קפדנישן אומצוטרוי צו וואָרט און קיינער איז אין דער זעלבער צייט ניט פאַרצערט געוואָרן פון

ה. לייוויק — דער דיכטער

אַזאַ ברענענדיקער ליידנשאַפט און ליבשאַפט צום סאַמע עיקר, צום סאַמע האַרץ פון אותיות־צונויפשטעל, ווי לייוויק. די דאָזיקע ליידנ־שאַפט צום סאַמע עיקר (ביי לייוויקן אַן עלעמענט פון זיין פּאָעטישער ביאָלאָגיע) דעקט זיך אפשר מיט דער יידיש־היסטאָרישער קאָנצעפּציע פון זיך ניט באַנוגענען מיט דער געשטאַלטונג פונם שלימותדיקן, נאָר צו שטרעבן מיט לייב־און־לעבן צו דער אויסגעפונונג פונם וואָרהאַפּ־טיקן, וואָס ערשט דאָס איז אויך דאָס שלימותדיקע. וואָרום וואָס פאַר אַ ווערט קען האָבן דאָס עסטעטיש־פּולקאָמענע, אַז

...אונטער שיינע ווערטער פגרים פוילן
און עס פּוצט דער תליין זיך אין גראַמען פון סאָנעט?

אָט די נביאישע מורא פאַר פאַלשקייט און דער ליידנשאַפטלעכער באַגער צו דעם וואָרן קערן, צו דעם שם־המפורש פון וואָרט, וואָס אַן אויסגעפונענער וואָלט ער געוועזן אידענטיש מיט גאולה אַליין, דיק־טירט דעם דיכטער, וועלכער האָט אינאיינעם מיט עטלעכע געציילטע אין דער יידיש־ליטעראַטור פּראָקלאַמירט דעם לעבנס־געבאָט פון זיך „האַלטן אַן דינסטן־קלאַנג, אַן מינדסטן אות־געפלעכט", אַזאַ אַכזריות־דיקע באַציאונג צום וואָרט:

כ'רייס פון ווערטער זיבן פעלן,
שאַלעכצן איך שייל און שייל,
ביז עס גיט אַ לויכט אין העלן
ס'טיפע קערן אָפּן, הויל.

און עס לויכט טאַקע אָפּט, זייער אָפּט אין די זייטן פון לייוויקס געזאַמלטע לידער מיט אַזאַ אַנטפּלעקטער העלקייט, מיט אַזאַ אָפענער הוילקייט פון וואָרט, אַז מען פילט ממש דעם ריח פון נאַקעטער וואָר־האַפטיקייט, פון אָט דער וואָרהאַפטיקייט, וואָס איז די פּריווילעגיע בלויז פון דיכטער יחידי־סגולה.

לייוויק איז אין זיין גרויסן יידישן לידער־ווערק ניט תמיד דער מייסטער פון גראַם. אפשר נעמט זיך דאָס טאַקע פון דער אויסגעצ־טועטקייט פון זיינע ווערטער, פון דער שם־המפורשדיקער אָפּגעשיילט־קייט זייערער, וואָס איז ניט גינציק פאַר גראַם. וואָס באַקליידטער און וואָס פאַרפּוצטער דאָס וואָרט, אַלץ מער אפשר האָט עס שאַנסן צו גראַם־

אַסאָציאַציע און צו טרעפֿלעכער גראַם־צונויפֿטרעפֿעניש. לייוויקס ווערטער זיינען איינזאַמע, גזירותדיקע און זיי גייען ניט אויף די בעלער פֿון פֿלירט און פֿון גייסטרייכן איבערשמועס.

לייוויק איז אין זיינע לידער, ווי געזאָגט, אויך ניט תמיד דער גרויסמייסטער פֿונם יידיש־וואָרט, אָבער דערפֿאַר אַלעמאָל זיין גרויס־אינקוויזיטאָר, אַלעמאָל דער, וואָס עס איז אים ניט נאָר געלונגען אָנצו־שטעקן זיין וואָרט מיטן סאַמע טיפֿסטן פּינטעלע פֿון זיין דיכטערישער איבערלעבונג: אַבסאָלוטע און גרויזאַמע וואָרהאַפֿטיקייט, נאָר אויך דער, וואָס איז מיט דעם לעבעדיקן ביישפּיל פֿון זיין דיכטערישער פּערזענלעכקייט געוואָרן אַ וואָרענונג קעגן מאַראַנענטום פֿון איבער־לעבונג און וואָרט אין דער יידיש־פּאָעזיע.

אין לייוויקס געזאַמלטע לידער זיינען פֿאַרטראָטן אַלע פֿאָרמען פֿון פֿערז און אַלע סאָרטן פֿון ריטם. אָט זיינען די ברייטע עפּיש־אָנגע־לאָדענע שורות פֿון „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד״, וואָס שוואומען מיט גבורה און מילדקייט און האָבן אָפּט דעם רואיקן אָבער פֿאַרזאָרגטן גאַנג פֿון אַ שווערן וואָגן, און אָט זיינען די שמאָלע שורות פֿון „אַבעלאַרס אומטליד״, אין וועלכע די ווערטער באַהעפֿטן זיך מיטאַנאַנד אין ריטם פֿון קלעטער און דאָס ליד אַליין ווי אַ גאַנצעס איז געגליכן צו אַ שלינג־פֿלאַנץ, וואָס שלענגלט זיך אַרויףביים שוואַרצן מויער פֿון פֿאַרצווייפֿ־לונג, אַרויף און אַרויף צו דערזען: „וואו ביסטו, גאָט?״

אָט זיינען מיר אין „דאָס קראַנקע צימער״ און מיר לעבן איבער די שטימונג פֿון פֿאַרצוייבערטקייט און געניסן דעם שטילן באַלאַדישן ריטם פֿון דער וואונדערלעכער פּאָעטישער בילדלעכקייט. ווענט און לוסטערס רעדן דאָרט און עס ווערט אַ מהומה אין דעם אָריענטאַלישן מעשהלע, אָבער די מהומה נעמט זיך בלויז פֿון דער שטילקייט. און אָט דער שטילקייט רוישט אַקעגן הונדערט זייטן שפּעטער דער דעקלאַ־מאַטאָרישער ריטם פֿון „סאָקאָ און וואַנזעטיס מיטוואָך״, אַ פּאָעמע, וואָס שרייט אַרויס פֿאַרצווייפֿלונג און צינד רעבעלישקייט. באַלד ווידער לויפֿט אונז אַקעגן דער שאַרפֿער אַלקאָהאָלישער ריח פֿון איראָנישן פּאַמפֿלעט אין „ווי קאַלירנדיק דו ביסט, טויט אונזעריקער״.

די פֿאַרשיידנקייט פֿון לייוויקס פֿערז און ריטם גייט ביי אים האַנט אין האַנט מיט וויכטיקע און ערנסטע דערגרייכונגען פֿון פֿאָרעם און

ה. לייוויק — דער דיכטער

געשטאַלטונג. פון צווישן אַ סך הויב איך באַזונדערס אַרויס די מייס־טערשאַפט, מיט וועלכער עס איז אים געלונגען אין „די שטאָל" מיט קלאַנגען פון טויב־שטומקייט צו געשטאַלטן דעם שרעק פון מלחמה און פּאָגראָם. ניט נאָר ווייניק ווערטער זיינען דאָ פאַראַן, נאָר די ווער־טער אַליין זיינען שווייגערס, שווער ביי זיי אַ וואָרט אַרויסצורייסן.

סאָלדאַטישע שווערדן,
נאַקעטע שווערדן,
קעפּן, קעפּן, קעפּן,
טאַטעס פון קינדער,
קינדער פון מאַמעס.

אָדער

מיידלשע לייבער.
נאַקעט. נאַקעט
צינד גרעסער די פלאַמען.

האָר. קנוילן האָר.
צונגען. פייערצונגען. —
האָב מיך ליב. נעם מיך אַרום.
פעסט.
פעסטער.

אַט זיינען ווערטער קוים געבונדענע און פונדעסטוועגן האָבן זיי דעם כוח ניט נאָר צו געבן די סוגעסטיע פון טויט, מאָרד און פאַר־גוואַלטיקונג, נאָר אויך די קראַפט איבערצוגעבן דעם אומהיימלעכן אַלעגראָ פון פאַרברעך און די אַטעמלאָזיקייט פון מערדער און קרבנות. וואו איז דער מאָלער, וועלכער זאָל זיך אינספּירירן פון דער געשטאַל־טונגס־דינאַמיק, וואָס נעמט אַדורך די פון טויבשטומע ווערטער צונויפ־געפלאָכטענע מאַסיווע בילדער, און זי איבערענטפערן צו דער לייוונט צום שרעק און צו דער וואָרענונג פאַרן מענטשלעכן אויג?

און ניט קיין מינדערן געשטאַלטונגס־אויפטו האָט לייוויק דער־גרייכט מיט אַזאַ אוממוזיקאַלישן בינדוואָרט ווי „און". די לאַנגע נונען ביים סוף פון די שורות, דערציילט אונז דער דיכטער אין זיין „ליד וועגן לאַנגע נונען", האָט ער מיט כעס פון זיין שורה געיאָגט, און איך

ה. לייוויק — דער דיכטער

בין מוסיף, אַז מיט באַרעכטיקטן כעס, וואָרום די אוממעלאָדישקייט זייערע קען די טיפסטע פּאָעטישע שורה באַפּאַרבן מיט באַנאַלקייט. ביי לייוויקן איז דער גראַם מיט לאַנגע נונען און דער ליטווישער גראַם (דער לעצטער איז אַ שעטנז פון דיאַלעקטישער אויסשפּראַך מיט ליטע־ראַרישן אויסלייג) אַ שטענדיקע מינערונג פון דעם פאָרם־ווערט פון זיינע פּערזן, בפרט אין די פריערע פּעריאָדן פון זיין שאַפונג. פונ־דעסטוועגן זינגט דער דיכטער מיט רעכט אויך אַ „ליד פון דאַנק" צו די שטומע, לאַנגע נונען און זאָגט זיי נאָך שבחים. אָט איז, ווי געזאָגט, דאָס בינדוואָרט „און", און ניט אין דער מיט פון אַ זאַץ אָדער פּערז, וואו זיין שטומנונענדיקע, אוממוזיקאַלישע קורצקייט ווערט דערטרונ־קען צווישן ווערטער מיט פאַרב און קלאַנג, נאָר ביים סאַמע אָנהויב פון פּאָעטישע שורות, וואו עס נעמט זיך געוויינטלעך אויס ווי אַ צודרינ־גלעכער שטאַמלער. אָט איז עס דאָס בינדוואָרט „און" און זעט וואָס פאַר אַ גבורהדיק מיטל פון געשטאַלטונג עס איז געוואָרן ביי לייוויקן. אין דער פּאָעמע „דער וואָלף" הויבן זיך די ערשטע און די לעצטע שורה אָן מיט „און" און צווישן דעם ערשטן און לעצטן פּערז איז „און" דער באַגינען פון הונדערטער שורות.

„און" שטעלט דעם ריטם פון שווערמוטיקייט און גייסטיקן פחד אין דער וואונדערלעך שיינער און טיפער פּאָעמע. אין „און" לייכט אויף די נאַראַטיווע אויסטערלישקייט פון העברעאישן „ויהי" און אין „און" פלעמלט דער פרומער בטחון אין אויסלייזערישן סוף פון דער מעשה. מיט איין וואָרט: די פּאָעמע, וואָס איר ליכט, פאַרב און שטי־מונג קענען אַמבעסטן כאַראַקטעריזירט ווערן טאַקע מיט לייוויקס צוויי פּערזן דאָרט:

„און אין זיינע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן דער גלאַנץ פון די עץ־החיימס, און די אינעווייניקסטע טונקלקייט, וואָס הינטער די ספר־תורות" — וואָלט ניט געקומען צו איר פולן געשטאַלטערישן אויסדרוק אָן דעם שטום־לעגישן און דאָך אַזוי הערלעך־באַרעדעוודיקן „און".

און... חסל. איך פֿאַרענדיק מײנע באַמערקונגען װעגן לײװיקס געזאַמלטע לידער מיט די עטלעכע שורות פֿונעם נביא ירמיה, װעלכע איך האָב געשטעלט װי אַ מאָטאָ צו מײן אַרטיקל:

„און דער, װאָס מײן װאָרט איז בײ אים,
זאָל רעדן מײן װאָרט װאָרהאַפֿטיק.“

לײװיק האָט דאָס דיכטערישע װאָרט, װאָס איז אים גורלדיק אָנפֿאַרטרויט געװאָרן, גערעדט װאָרהאַפֿטיק.

(מערץ 1941)

דער דיכטער א. לעיעלעס

(צו זיין יובל)

אונזער בעל־היובל האָט אין אַ פּריוואַט־בריוו צו מיר מיט עטלעכע יאָר צוריק אַזוי פאָרמולירט דאָס פּראָבלעם פון יידיש־שאַפונג:

„1. המשך, קאָנטינואיטעט פון יידישקייט, וואָס מיינט צוערשט און צולעצט עטישקייט;

2. אַנשלוס מיט וועלט־ליטעראַטור, וואָס מיינט עסטעטישע גאַנצקייט, שלימות, אַבסאָלוטע קינסטלערישע פאַרקערפּערונג און באַמייסטערונג."

שלאָגן אַ מענטשן מיט זיין אייגענעם כלי־זיין, אָדער געבן אים צו שלינגען דעם רעצעפּט, וואָס ער האָט אַליין פאַרשריבן, איז בלי שום ספק אַן אַכזריות. איך קען מיר פונדעסטוועגן דערלויבן אַריבערצוגיין איבער אָט דער „באַרבאַרישקייט" און פּרואוון אַנאַליזירן לעיעלעס׳ פּאָעטישן גאַנג אין ליכט פון דעם ליטעראַרישן פּראָגראַם־מאַקסימום, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל צימצום און וואָרהייט אָנגעצייכנט. און דערלויבן קען איך עס מיר צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס דער בעל־היובל קען זיך עס פאַרגינען. פאַרגינען מעג ער עס זיך, ווייל ער האָט כוח ביי צוקומען די קריטיק.

און כדי זיך ווייטער צו האַלטן ביי דער קעריק־ליניע פון די סבות. לעיעלעס האָט כוח צו נעמען אויף זיך און אַקעגנצושטעלן זיך דער קריטיק, ניט ווייל ער האָט הונדערט־פּראָצענטיק רעאַליזירט זיין פאָרמולע און ביי אים זיינען קיין שוואַכע לידער ניט פאַראַן. דאָס ניט. זיין קראַפט נעמט זיך דערפון, וואָס אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז שעפערישער געווען שוואַך, איז ער קיינמאָל ניט געווען מיטלמעסיק; וואָס אַפילו דעמאָלט, ווען דאָס געמיט זיינס האָט זיך נאָך באַלאַדיש געהנדלט און עלעגיש געפּיעשטשעט אויף די זיג־זאַג־וועגן פון „לאַבירינט", האָט ער זיך ניט געלאָזן סתם טראָגן פון טאַלאַנטס שטורמישקייט און טאַ־

דער דיכטער א. לעיעלעס

לאַנטס מאַראַלישער פאַרגעסלעכקייט, נאָר געוועקט אין זיך די אַחריות פון אידעע, געראַנגלט זיך נאָך צילבאַוואוסטקייט פון שפּראַך.

די מיטלמעסיקייט אין דער ליטעראַטור — אויך זי פאַרמאָגט אומ־רו, אַחריות און געוויסן, קלאָרקייט און טונקלקייט, שטילקייט און געשריי. אָבער...

דער אומרו — ער גרייכט ניט ווייטער ווי דער הונס פּאָך מיטן פליגל. ערשט געפּאָכעט און שוין ווידער סטאַטעטשנער שפּאַציר.

דער אַחריות — ער שטייגט ניט איבער די קאָרעקטקייט פון האַלטן אַלץ אויף זיין איינגעשטעלטן אָרט.

די קלאָרקייט — זי דערגייט ניט צו דער דורכזיכטיקייט פון גע־דאַנק־ און געפיל־ניואַנס.

די טונקלקייט — זי פאַרלירט זיך ניט אין די אָפּגרונטן פון מיס־טיק.

שטילקייט — בלייבט גליוּוער אָן דעם ברענענדיקן צער פון סוד.

געשריי — אויסערלעכער טומל אָן אינעווייניקסטער צערודערונג.

וויבאַלד די פריער אויסגערעכנטע „ביזן האַלבן וועג”־מעלות חברן זיך ביינאַנד צו אַ צוזאַמענשפּיל פון אויסגעגליכנקייט, דאַן דער־גרייכט די מיטלמעסיקייט איר האַרמאָניע, איר שלימות און . . . ווערט געפּערלעך פאַר דער ליטעראַטור, ווייל זי ווערט אַן אָפּשאַץ־קריטעריע, וואָס „כאַפּט” כמה וכמה ליטעראַטור־מבינים.

נאָר אַזוי ווערט מיר פאַרשטענדלעך דער „אַנטי־לעיעלעס” פון אונזערע „ריינע ליריקער” און עסטעטיזירנדע קריטיקער.

אַודאי איז אין דער געמיט־צעשויבערטקייט פון „לאַבירינט” נישטאָ קיין בולטער אַנדייט אויפן שפּעטערן דיכטער פון „סאָנעטן־קראַנץ” אין בוך „ראָנדאָס” אָדער „צו דיר — צו מיר” פון בוך „פאַביוס לינד”, אָבער ס׳זיינען דאָרט שוין מיט אַ ברייטער האַנט פאַרזייט די רמזים אויף לעיעלעס׳ אידעאישער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט, אויף זיין טיף־נאָגנדן זעלישן אומרו, עפּיגראַמאַטישן צמצום פון געדאַנק און נפש־אַחת׳דיקער צענויפגעוואַקסנקייט מיט יידיש.

אויף דער אַלעמאָל פּאַעטיש פּרוכטבאַרער זעלישער אומרואיקייט, מיט אַן עוקץ פון יידיש־קריסטלעכן אַסקעטיזם זאָל עדות זאָגן אין „לאַבירינט” אַזאַ ליד ווי „דער כלב”. דער אָנזאָג אויף דער שפּע־

דער דיכטער א. לעיעלעס

טערער געצוימטקייט פון וואָרט און פערז איז צו געפינען אין דעם טעלעגראַפישן סטיל פון ניו־יאָרקס אַכט־שורהדיקן פּאָרטרעט:

מעטאַל. גראַניט. גערויש. געבראַזג. געפּילדער.
אויטאָמאָבילן. הויך־באַן. טיף־באַן. קאַר.
בורלעסק־גראַטעסק. קאַפּעען. קינאָ־בילדער.
עלעקטריש ליכט און גרילצענדן ווירוואַר.

געזיכטער פרעמד און בליקן פיינטלעך־שטאַר.
קיין שמייכל, קיין גוט־מאָרגן, פריינטלעך־מילדער
און איינזאַמקייט און ניט געטרייסטער צער
אין אַט דער דרענגעניש כאַאָטיש־ווילדער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר יידישס בעלה היקר לעיעלעס, וואָס האָט אין דער זעלבער צייט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו זיין איר יונג־פאַרשייטער געליבטער, איז דער „פרעמד־ווערטער־עטיוד" — אַ מין קינדער־צימער־שפּיל מיט דער מאַמע יידישס (ס'זאָל ניט אויסגערעדט זיין!) איראָפּעאישע ממזרים.

לעיעלעס' גאַנג צו איראָפּע, וואָס דאָס הייסט: קינסטלערישע באַ־מייסטערונג פונם פּאָעטישן מאָטיוו, איז, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, קודם־כל דער קעריקשפּאַן אַלץ ווייטער און ווייטער צום אַלקער פון יידישן פּאַטאָס, וואָס ווערט געשפּייזט פון ספּעציפיש־יידישע צרות און פון אַ ספּעציפיש־גייסטיקער ירושה. אין „יונגהאַרבסט" ספּראַוועט זיך דער דיכטער מיט זיין „העלעניסטישער" עראָטיק. ער טראָגט זי אונטער ווי אַ סערענאַדע צו פאַנטאַסטישע פרויען־געשטאַלטן, פאַנטאַסטישע ניט בלויז צוליב זייערע נעמען (יואַלאַ, סעלימאַ, וויאַלאַ, יאַלאַנדאַ, עלאַדעאַ, קאַראַהילד), נאָר דערעיקרשט דערפאַר, וואָס ביי קיינער פון זיי איז ניט קאָנטיק קיין קאָנטור פון קאָנקרעטער געשטאַלט. אַלע די פרויען־פאַנטאַזיעס זיינען כולו אַבסטראַקציע און זייער איינציק לעבעדיקער אָטעם איז בלויז פאַרבן־אַראָמאַט. ביי סעלימאַן למשל:

און ס'קראַמפּט זיך די ליניע
אין רויטלעכן קראַמף
און שמעכטיקט מיט דופטנדער רויטקייט.

דער דיכטער א. לעיעלעס

ביי וויאַלן ווידער:

מיינע הענט שטרעקן זיך אויס צו איר,
און אירע צו מיר —
איבער די בערג פון וויאַלעט;
איבער די ימען פון לילאַ.

בין איך ניט געווען באַרעכטיקט צו שטעלן דעם אַדיעקטיוו „העלעניסטישע" צו עראָטיק אין גענזענע פיסלעך? כאַפּט די דאָזיקע זינלעכקייט ניט דעם אָנבליק פון די שפּינוועבסדיקע חלומות פון איידאָפּעס „נביאיש באַלאַסטעטע" בלייכע ישיבה־בחורים?

אָט די „נביאישע משא" שטעלט לעיעלעסן אַוועק „אויף דעם רוישיקן סקווער פון דער רוישיקער מעטראָפּאָליע" און לאָזט אויפגיין פאַר זיין דיכטערישער וויזיע, ווי די איינציק קאָנקרעטע געשטאַלטן: דעם „געטויטן ייד" און די „צעבראָכענע קינדישע צאַצקע" פון „חשבונות מיט דער וועלט".

דעם דאָזיקן חשבון מיט דער וועלט האָט דער דיכטער אָנגעהויבן אין זיין „יונגהאַרבסט" און אים געפירט מיט עקשנות און אַ זעלטענער געטריישאַפט (אַ געטריישאַפט, וואָס איר פונדאַמענט אין לעבן איז דאָס געזאַנג פון בלוט און אין דער וועלט פון אידעען — די גייסטיקע לעגיטימקייט) איבערן בוך „ראַנדאָס", אין וועלכן ס'דערוואַכט ביים סוף די אַלטער־עגאָ־געשטאַלט „פּאַביוס לינד", איבער זיינע היסטאָרישע דראַמעס „שלמה מולכו" און „אָשר לעמלען", — ביז „פּאַביוס לינד", דעם רייפסטן ווערק זיינעם אין איינס פון די גייסטיק רייפסטע ווערק אין דער יידיש־ליטעראַטור.

דאָס מאָראַלישע פּנים פון „פּאַביוס לינד" — עס ווערט בולט אין די טאָגבוך־פאַרצייכענונגען פונם 27טן יאַנואַר און פונם 13טן פעברואַר. אין דער ערשטער פאַרשרייבונג דיאַגנאָסטיצירט פּאַביוס זיינע שעפערישע חבלי־לידה מיט יענער תמימותדיקער עכטקייט און ברענענדיקן צער, וואָס איז ווי ביי אַלץ לעבעדיקן, אַזוי אויך אין דער פּאָעזיע דער וואָרצייכן פון דער פעמיניגער עלעמענטישקייט אין דער געשטאַלטונג.

דער דיכטער א. לעיעלעס

מוטערדיק, טיף אין מיין אינגעווייד
מאַנען לידער אין מיר ווי אַ וואונד אין געביין

— — — — — — — — — — — — — —

דערפילונג איז אַנונג און אַנונג איז מאַנונג,
נישטאָ קיין זעטיקייט פאַר ליד אין מיר.

דערנאָך קומט דעם 13טן פעברואַר די דערציילונג וועגן בירגער בונעם, וואָס קיין שום צוזאָג פון אינדיווידועלן גליק, ניט

דאָס וואַסערל צו וואַשן זיין לייב מיט אייביקער יונגשאַפט.

ניט

אַ געלונגשאַפט אין וואָס דו זאָלסט ניט טאָן.

און אויך ניט

אַ וואונקשאַפט אין אויג צו טרעפן יעדע פרוי,
אַז איילן זאָל זי צו דיר מיט דער דרייווינקלדיקער טאַץ
פון איר רונגשאַפט,

גאַרניט קען אָפּהאַלטן דעם מענלעכן פּרינציפּ פון גורלדיקער טריי־שאַפט און אומפאַרמיידלעכקייט, פון געזעלשאַפטלעכן זאָל און גייס־טיקן מוז צו זיין געזאַנג, אין וועלכן עס איז געווען:

וואַסערפאַל,
ערדציטערניש,
מרידה פון פיל פאָלק אין גערעכטער איינזאַמלונג,
קידוש־השם פון הייליקע קעפּ אין פלאַם פון שייטער,
אויף פלאַך פון טייך.

ווייל פּאָעטישע עכטקייט ווי אַיעדע גייסטיקע עכטקייט קען זיין אומגערעכט צו אַיעדן און צו אַלעמען. זי מוז אָבער בלייבן געטריי, שטענדיק געטריי צו זיך אַליין.

טאַקע ווייל לעיעלעס איז געגאַנגען דעם וועג דעם שווערערן, דעם וועג צו סאָציאַל־נאַציאָנאַלער און אידעאישער אייגענקייט און ניט דעם געפלאַסטערטן שטראָז פון לייכטערן ווידערשטאַנד, פון פאַרמאַ־ליסטישער באַהעפטונג מיט אייראָפּעאישער ליטעראַרישער פאָרם, האָט ער פון אינעווייניק אַרויס געקענט אויפברעכן דאָס יידישע וואָרט

דער דיכטער א. לעיעלעס

און לאָזן אויפגיין פון אים אי נייע געפיל־וויבראַציעס און אי די ראַפינירטע פיקאַנטקייט פון אינטעלעקטואַליסטישן פערז.

די גאַנצע גאַמע פון נייע פּאָעטישע פאָרמען, וואָס לעיעלעס האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע אין זיין לעבן, „פאַביוס לינד" רייפסטן לידער־בוך „ראָנדאָס", איז ניט עפּעס אַ קאַפּריזנע שפּיל פון קינסטלערישער גאווה, נאָר די אָרגאַנישע פאָרם, וואָס שפּאַנט שעפעריש־הכנעהדיק אַרויס פון געזעצמעסיק אַזוי און ניט אַנדערש געעפנטע טויערן פון געמיט און געדאַנק.

„מיין קלאַן איז יוסט און פעסט" וואַקסט אַריין דורך דעם אינערן ריטם פון דער שטימונג אין דער פאָרם פון מיטלאַלטערלעכן טאַנצליד ראָנדאָ מיט דעם רעפריין אין מיטן און ביים סוף.

מיין קלאַן איז יוסט און פעסט...
עס האָט מיין עלטערזיידע ניט פאַרקנסט זיך בלינד,
האָט שמיץ געכאַפּט — און פאָרט געקריגן ביי זיין מאַמען
אַ ווייב אַ שיינס. אַניט — געסטראַשעט זיך צו סמען.
מיין קלאַן איז יוסט און פעסט.

דער עפּיגראַמאַטיש צוגעשפּיצטער געדאַנקלעכער „צא ולמד" ברענגט אַרויס די פאָרם פון טריאָלעט. דער עפּיגראַם איז ביי לעיעלעסן קיינמאָל ניט דער צופעליקער צוזיפשטויס פון געדאַנקען און שטימונגס־הנדלען אויפן גראַמען־גליטש, נייערט אין ציל־באַוואוסטן צונויפרעד מיט דער שפּראַך פינקטלעך פאַרשריבענער אמת. עס איז דערפאַר אין לעיעלעס' עפּיגראַמאַטיק פאַראַן עפּעס פון דער שפּראַכ־לעכער אָנגעשטרענגטקייט און פון דעם אינעווייניקסטן ליכט פון שעקספּירס אומשטערבלעכע סאָנעטן.

די געהיימע פרייד — עס מוז איר היטער
אויף איר וואַרטן אַ שעה און טאָג און וואָך.
ס'לעשט זיך, שרעקט זיך פון דעם מינדסטן ציטער
די געהיימע פרייד. עס מוז איר היטער
וואַכיק זיין, ווי דער, וואָס דורך געוויטער
הערן וויל גאָטס ווייסן פליגל־פאָך.
די געהיימע פרייד, עס מוז איר היטער
וואַרטן אויף איר שעה און טאָג און וואָך.

דער דיכטער א. לעיעלעס

איך האָב ניט ליב דאָס וואָרט מאָדערן, ניט ווי אַ באַצייכענונג פאַר דער נייער מענטשלעכער געשיכטע און ניט ווי אַ באַגריף פאַר נייע פאָרמען און וועגן פון קונסט. און ניט צום האַרצן איז מיר דאָס וואָרט דערעיקרשט דערפאַר, ווייל עס נעמט זיך גאווהדיק איבער מיט די כלומרשטע מעלות פון אונזער „שיינער צייט". באַקאַטשיאָ, למשל, וואָס האָט אַרויסגעריסן די פּריוואַליטעט פון דער מענטשלעכער עראָטיק פון איר שטאָפּלעכער מגושמדיקייט און זי אַריבערגעראַטעוועט אין דער קונסט אַריין, איז ער געווען אַ מאָדערניסט? איך ווייס ניט. ס'הענגט אָפּ דערפון, וואָס מ'לייגט אַריין אין וואָרט מאָדערניזם.

אויב מאָדערניזם קלעפּט זיך אָפּ פון זיין באַגריף, וואָס באַדייט: זיך נאָכנעמען דעם צייט־געשמאַק און ער ווערט אידענטיש מיטן פּדיון שבויים פון מענטשלעכן געפיל און וואָרט, מיט דער באַוואוסטזיניקייט פון קינסטלערישער געשטאַלטונג, וואָס דאָס איז קיינמאָל ניט נאָכן געשמאַק פון קיין שום צייט (אַפילו ווען איינע אַ צייט פּאַסמאַקעוועט צופעליק דעם געשמאַק פון דער צייטלאָזיקייט), נאָר דער תמצית פונם גייסטיק ווערטפולן, דאַן פאַרשטייט זיך, איז אַזאַ שרייבער ווי באַקאַטשיאָ געווען אַ מאָדערניסט אין דער איטאַליענישער און אין דער וועלט־ליטעראַטור. אַ מאָדערניסט, ווייל ער האָט אויפגעמאַכט טירן אין מענטשלעכן וואָרט, וואָס וועלן זיך שוין קיינמאָל מער ניט צומאַכן. פאַריזעערטום און טאַלאַנטלאָזיקייט וועלן זיך אומזיסט מטריח זיין.

אין דעם דאָזיקן זינען איז אונזער יובילאַר א. לעיעלעס באַגלייך מיט געציילטע וויכטיקע שעפערס, איינער פון די מאָדערניסטן אין דער יידיש־ליטעראַטור. זיין מאָדערניסטישער אויפטו: ער האָט אַריינגעוועבט אין זיין ליד אי די פאַרבלוטיקטע צויטן פון אונזער אַלטער עטישער ירושה, אי דעם יאָמערלעכן געשריי פון פּריצייטיק אומגעבראַכטע אויסלייז־אידעאַלן און אי „די גאַנצע דערגרייכטע דערפאַרונג פון דער מענטשהייט, דאָס געענדערטע בילד פון דער וועלט" און דערצו וועט מען מוזן געדענקען, אַז

...אין לשון פון דער געטאָ
האָב איך צערוקט די ווענט פון געסל און פון שטעטל.

* * *

דער דיכטער א. לעיעלעס

די דראַמאַטיש־העכסטע פּונקטן אין דער גאולה־אידעע זיינען: קידוש־השם און וואָר און חלום פון דערלייזער און דערלייזטע. אויף אָט די צוויי דראַמאַטישסטע מאָמענטן זיינען געבויט לעיעלעס׳ „שלמה מולכו" און „אַשר לעמלען".

„אַשר לעמלען" איז אַ פאַרהאַרעוועטער פאָלקס־מענטש, אַ טליתים־וועבער, וואָס ווערט אויס ער, נאָר, אַזוי צו זאָגן, אַן אַנדערער, אַ קאַנדידאַט אויף משיחן, ערשט דעמאָלט ווען מ׳הייסט דאָס אים אין אַ זעאונג. זיין וויזיע ווערט באַקרעפטיקט דורך אַ חלום פון זיין ווייב גיטל. דער דראַמאַטישער קאָנפליקט עקספּלאָדירט אין צונויפטרעף פון אַשרן מיט אַן אויסערלעכן כוח — מיט אַ דייטשן פויערן־אויפשטאַנד.

מיט אַ פּירטרעפלעכער קנאַפּקייט און צוגעשפּיצטקייט וויקלט דאָ לעיעלעס פאַנאַנדער די פּראָבלעם פון גאולה, ווען ער לאָזט אַשרן זאָגן אַזוי אין בילד 6:

„אַ ברעג בלויז אויפגעדעקט פון דעם פאַרהאָפטן — און שוין בייסט מען זיך איינס ס׳אַנדערע אין די העלזער אַריין. יושר — דורך רציחה, גוטסקייט — דורך נקמה, גאולה — דורך בלוט".

אויפלייזן, לייזט לעיעלעס אויף די דראַמע לויטן שטייגער פון דער אים אייגנסטער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט בנוגע אידעע און אומבאַדינגטער עטישער אָפּגעהיטקייט פון אידעאַל.

אַשר לעמלען גייט ניט אָפּ פון זיין אויסגעפונענעם, דערזעענעם וועג. ער פאַראַט ניט גאָט, ניט די זעאונג און ניט זיך אַליין.

„איך האָב אייך גערופן אויפן וועג פון גאָט און איר האָט זיך
גענומען קנוילן אויפן וועג פון מענטש, און שוין שרייט די ערד,
אויף וועלכער איר טרעט, מיט נייעם וויטיק".

אַשר זאָגט זיך אָפּ פונם אויסלייז־חלום. ער מישט זיך אויס צוריק מיט מענטשן און מיט זייער וואָר.

אין דער „אַשר לעמלען"־דראַמע האָט זיך לעיעלעס, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל געוויזן פאַר אונז ווי אַ ליטעראַרישער רעאַליסט און האָט דעם עקזאַמען אויף אַלע הונדערט פּראָצענט אויסגעהאַלטן. הגם אין די אַכט קליינע בילדער קומען פאַר זעכצן פאַרשוינען און יעדערער פון זיי האָט אַ וויכטיקע עובדה, איז פונדעסטוועגן ניט

דער דיכטער א. לעיעלעס

פאַראַן קיין ענגשאַפט אין דעם פיגורן־געזעמל. עס איז דאָ גראַמקייט אין דער געשטאַלטונג און אַלע פאַרשוינען, ווי וואויל נאָר עפּיזאָדיש געצייכנט, קומען צו זייער אויסדרוק און צו זייער וואָרט.

פון דעם שטייגער־דיאַלאָג און פון די עמך־שמועסערס טראָגט זיך אַ קלוגער הומאָר־ריח פון האַלב־גלויבן און האַלב־צווייפל. די בדחניש־פאָלקלאָריסטישע געשטאַלט פון זלמן נאַר, וואָס האָט מיט איר אָרגאַנישער נטיה צו גוזמא לייכט געקאָנט פאַרפירן דעם קינסטלער — אירס גלייכן האָט שוין ניט איין געשטאַלטער פאַרנאַרט אויף די וועגן פון באַרעדעוודיקייט — איז ביי לעיעלעסן ניט אַריבערגעטראָטן די גרענעצן פון דאָזירונג און מאָס. זלמן נאַר איז דערפאַר ראוי אַריבערצושפּרייזן דעם גדר פון ליטעראַטור און צו ווערן שפּראַך־משל, לעבנס־גלייכעניש. נאָר אויב מיר האַלטן שוין ביי הומאָר, זאָל מיר דערלויבט זיין דאָ אויסצודריקן אַ געדאַנק סכעמאַטיש בלויז, אַזוי סכעמאַטיש ווי ער האָט זיך מיר באַוויזן ביים דורכלייענען „אשר לעמלען״.

גאַנצע, פונדאַמענטאַלע געפילן, פאַרמאָגן ניט קיין הומאָר. הומאָר נעסטעט זיך אין געפיל־שפּאַלטן. דערפאַר, קען זיין, האָט פּרצס גאַנץ־געפיל־העלדן אָפּטמאָל געמאַנגלט די מעלה פון הומאָר, וואָס שטייט אין אַ פולער מאָס ביי שלום־עליכמס פאַרשוינען. און אפשר דערפאַר האָט די אין עצם זעליש געשפּאָלטענע אַסימילירטע יידישע אינטעליגענץ אַזאַ הנאה פון שלום־עליכמען. ס'קען גע־זיין . . . זיכער איז, אַז לעיעלעס באַוועגט זיך אין זיין „אשר לעמלען״ מער אויף דער ליניע פון שלום־עליכמען ווי אויף דער פון פּרצן.

„שלמה מולכו״ איז אַ פּרצ'שע דראַמע פונם געטלעכן רוף אין מענטשן, וואָס צווינגט אים זיך צו פאַרמעסטן מיט אַלע בייזע וועלט־פּרינציפּן, הגם מ'טוט אים אַלץ דערמאָנען און ער ווייס עס אַליין, אַז ס'זיינען שוין פאַר אים געווען אַזוינע,

וואָס האָבן רופן איבער זיך געהערט
פון וועלטן אַנדערע,
זיי האָבן גאָרניט אויפגעטאָן,
דעם שטריק פון שלעכטס און אומרעכטס
פאַרצויגן בלויז נאָך שטאַרקער.

דער דיכטער א. לעיעלעס

דאָס וואָס מולכו איז געבוירן געוואָרן אַ קריסט און האָט פריער געהייסן דיעגאָ פּירעס, איז בלויז דער היסטאָריש־דעקאָראַטיווער אונטערשטריך צום גורל־שפּיל פון איינעם פון די פילע מולכו'ס פונם מענטשלעכן מין. מולכו'ס באַגעגעניש מיט דוד ראובני איז ניט מער ווי דער געשיכטעס אויסגעצייכנטער הילפס־מיטל אויף אַרויס־צושיילן וואָס בולטער און וואָס רעליעפער דעם מולכיזם, וואָס באַדייט דאָס פון אייביק ביז אייביק רייסן זיך פון דער מענטשלעכער נשמה צום חלום פון גאולה. און נאָך באַדייט מולכיזם, אַז דער וועג צום מקוים ווערן פון גאולה קען ניט און טאָר ניט פירן איבערן בלוט פון די פילע, וואָס דאַרפן ווערן אויסגעלייזט, נאָר איבער דער מסירת־נפש און קידוש־השם פון די געציילטע, וואָס זיינען גערופן געוואָרן אויסצולייזן.

ביי אָט דעם אידעאישן צוגאַנג, ביי אָט דעם איינציק ריכטיקן אידעאישן צוגאַנג, איז שלמה מולכו אין לעיעלעס' דראַמאַטישער פּאָעמע געוואָרן מער ווי מענטשלעכע געשטאַלט. ער איז געוואָרן די פאַרקערפּערטע אילוסטראַציע פון אַ העכערער גייסטיקער לײדנשאַפט. אַרום מולכו'ן באַוועגן זיך איבער דעם אויסשפּרייט פון די צען דראַמאַטישע בילדער מענטשלעכע געשטאַלטן. איך שטרייך אונטער מענטשלעכע, ווייל איך וויל דערמיט זאָגן, אַז זייער לעבעדיקייט פאַר־מאָגט ערדישע ליכט און שאָטן. אַפילו יוסף קאַראָ, וואָס איז, דאַכט זיך, אויך ניט קיין פונדאַנענדיקע געשטאַלט, אָטעמט נאָך אַלץ אַרויס אַ טראָפּן דאַאיקייט, ווען ער, קאַראָ, נעמט אַרויסוויזן אַ ביסל מענטש־לעכע נייגעריקייט:

ביז איצטער האָב איך ניט געפּרעגט,
געוואָרט, כ'זאָל ראוי ווערן,
אַז דו אַליין זאָלסט עפענען פאַר מיר דיין האַרץ,
נאָר איצט, ווען דו פאַרלאָזט אונז . . .

דער איינציקער, וואָס שפּאַנט איבער אַלע צען בילדער, ניט איבער טאָל און באַרג פון מענטשלעכן געמיט, נאָר איבער די סאַמע העכסטע שפּיצן פון ברענענדיקער בענקשאַפט נאָך קידוש־השם — איז שלמה מולכו.

דער דיכטער א. לעיעלעס

אַנהויבנדיק פון זיין געשפּרעך מיטן קאַרדינאַל סאַלוואַדאַר, איבער דער מאַסנסצענע פונם זיבעטן בילד און ביז צו זיינע שטראַף־רדיי צו קייסער קאַרל, בלייבט שלמה תמיד דער זעלביקער אַן אַ מינוט אָפּרו פון זיך אַליין, דער זעלביקער, וואָס וואַרפט זיין לייב און לעבן אויף דער וואָגשאָל פון אַ גאולה־אידעאַל, וועלכן עס איז ענג געוואָרן אין די יידישע משיח־פּענטעס און ער רייסט זיך צו די וייטסטע מענטשהייט־האָריזאָנטן:

ניט נאָר אַן אייגן ווינקל איז דאָס מזל פון דעם אויסדערוויילטן.
זיין גורל איז גאולה,
ניט נאָר פאַר זיך אַליין —
פאַר גאַרער וועלט!

אָרום שלמה מולכון איז לעיעלעסן געלונגען קינסטלעריש־מייס־טערהאַפט אַרויסצוברענגען עטלעכע עפּיזאָדישע געשטאַלטן. די גע־לונגנסטע זיינען בלי ספק די קאַרדינאַלן פון סאַלוואַדאַר און דאַ ביביענאַ.

דער ערשטער פאַרמאָגט אַ האַרץ, וואָס וואָלט זיך געקענט עפע־נען פאַר די שטראַלן פון יענוועלטישן גליק, ווען . . . דער מוח זאָל ניט האַלטן פאַרמאַכט די טירן מיט די שליסלען פון קלוגשאַפט און דער־פאַרונג. דער צווייטער — אַ סקעפּטיקער, אַן עפּיקורעער, וואָס האָט אין תוך ליב דעם מענטש, אָבער ער איז אַנטשלאָסן אַרויסצו־רייסן ביי דער ברוטאַליטעט זיין ביסל ערדיש גליק, אַפילו מיט די מיטלען פון שקר און באַטרוג.

שלמה מולכו אַליין איז אפשר פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט ניט די שלימותדיקסטע געשטאַלט אין דער דראַמע, אָבער דאָך די גרעסטע אי אין פאַרמעסט און אין אין דער אידעאישער דורכפירונג, דערעיקרשט דערפאַר, וואָס עס ווייעט פון לעיעלעס׳ מולכו־פיגור מיט יענער זעלישער דערהויבנקייט און געלייטערטער ליידנשאַפט, וועלכע נויטיקט זיך ניט אין אויסערע קאָנפליקטן, כדי צו צינדן די דראַ־מאַטישע עקספּלאָזיעס. וואָרעם דער באַשטענדיקער גערוישלאָזער שטילער אויג אויף אויג מיט די גרויסע תמציתדיקייטן פונם אייגע־נעם איך — איז כולו דראַמאַטישקייט:

גאָטס וועגן זיינען אומפאַרשטענדלעך
ביז דער, וואָס וויל פאַרשטיין,
איז גרייט, אַז ס׳זאָל גאָטס ווילן פירן אים.
פאַרנעמט, פאַרנעמט,
איר גרויסער הערשער פון דער ערד.

שלמה מולכו גייט אַריין אין דער גאַלעריע פון די גרויסע ליטע־ראַרישע העלדן אין דער יידיש־ליטעראַטור. זיין מאָנאָלאָג פאַר־מאָגט ניט די דיאַלעקטישע שאַרפע אויטאָ־וויוויסעקציע פון לייוויקס העלדן, אויך ניט דעם יום־טובדיקן פאַטאָס פון פרצס העראָאיק, אָבער דערפאַר עפּעס, וואָס איז גלייכוועדטיק מיט די אויבנדערמאָנטע אייגנשאַפטן, איך מיין: אין טיפע שפראַך־פלאַסטן געשטאַלטעטן גלויבן און הכנעה פון באַרופענע מענטשן, וואָס זייער גאַנג איבער דער וועלט איז געגליכן צום אומפאַרמיידלעכן קידוש־השמדיקן שוואום פון שטילע ליידנשאַפטלעכע וואַסערן צום אָקעאַן.

(1939)

איציק מאַנגערס ליד

(מאָמענטן פון ביאָגראַפישן און לאַנדשאַפטלעכן הינטערגרונט)

1

ניט אין בערלין, ווי עס איז טעותדיק פאַרשריבן געוואָרן אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן, און אויך ניט „אין צוג צווישן איין סטאַנציע און דער צווייטער", ווי מאַנגערן אַליין האָט זיך אַמאָל שטי־פעריש געוואָלט אַ שפּיל טאָן מיט דער סענסאַציע־להוטקייט פון אַן אויספּרעגער אין וואַרשע — נאָר אין אַ קעלער־שטוב פון „ירושלים ביים פּרוט". ביים סאַמע אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט האָט דאָס יונגע פּאָרפאָלק הלל מאַנגער פון סטאָפּטשאַטעשט [סטאָפּטשאַטאָוו־יאַבלאָ־נאָוו, קרייז קאָסעוו] און חוה וואָלינער פון קאָלאָמיי געוואוינט אין טשערנאָוויץ, אין דער אידישער גאַס, און דאָרט איז ביי זיי אין פיר־און־צוואַנציקסטן טאָג פון חודש מאַי פונעם יאָר 1901 געבוירן געוואָרן זייער בכור איציק — דער שפּעטערער „באַלאַדישער קאָמאַנדיר". די ערשטע קינדהייט האָט מאַנגער פאַרבראַכט אין דער בוקאָווינער רעזידענץ־שטאָט און דאָרט האָבן פאַר דעם זיבן־יאָריקן יינגל (ער האָט אַליין וועגן דעם שיין און זינפול דערציילט ביי דער פייערונג פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ אין 1928) געשפּענסטיש פאַרביי־געהושט די לעבעדיקסטע גייסטער פון דער נייער יידיש־קולטור צו יענער צייט און מיט דער רעטעניש פון זייער גרויסקייט אויף דער וועלט און מיט דעם סוד פון זייער דאָאיקייט אין טשערנאָוויץ געצערטלט די ערב־אָנונג פון אַ דיכטערישער שליחות אין קינדערישן געמיט.

פון טשערנאָוויץ צו דער מזרח־גאַליצישער קאָלאָמיי [די שטאָט פונעם זיידן פון דער מאָמעס צייט] איז אינגאַנצן אַנדערטהאַלבן שעה מיט דער באַן און פון דאַנען פאָרט מען עטלעכע שעה וועגס מיט אָקס באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ און נאָכאַמאָל באַרג־אַרויף איבער די ערשטע היגלען אַלץ טיפער צו דער קייט פון די

קאַרפּאַטן [די היים פונעם זיידן פון טאַטנס צד]. דאָרט בלאָנדזשען די סערפּענטינעס און סטעזשקעס, וואו עס האָט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק געוואַנדערט „סאַנקט־בעשט", אַן איבערגעלאָדענער מיט „גילדענע זעאונגען אויפן פּאָן פון נאַכט", און וואו

„איצט האָב איך עס געפונען,
איצט איז עס אויף אייביק מיין,
דאָס ליכט פון די טונקעלע וועגן,
דער דינער, גאָלדענער שיין."
(„שטערן אויפן דאַך", ז' 130)

אין אָט דעם פּייזאַזש פון „צווישן קאָסעוו און קיטעוו", וואו די ווייטקייט פון איין ישוב צום אַנדערן יאָגט מיט פּחד, וואו עס שרעקט דעם גייער זיין איינזאַמקייט צווישן שטיינערנע ווענט, וואו עס פּלאָפּלט צום געמיט מיט שוידער די פינצטערניש פון היילן — אין אָט דעם „מלכות פון נאַכט" האָט מאַנגער אויפגענומען אין זיך „דאָס ליכט פון די טונקעלע וועגן" — די באַלאַדישע זעאונג.

דעם דיכטערס לאַנד איז ווי איינער פון די עיקרדיקסטע עלע־מענטן פון פּסיכישער פאָרמאַציע, ניט אַוועקצולייקענען פון דער ליטע־ראַרישער קריטיק, און ערגעצוואו מוז זיך אויך די פאַרשפּיצטע עסטע־טיק און אונזער ציטערדיקע אַל־יידישקייט אין אַ סך פאַלן אָפּשטעלן און אומקוקן אויף די פּרטים פון נאַטור־פּייזאַזש, וואָס זיינען אָפט בכוח אַרויסצוהעלפן מיט אַ קלאָרן און פאַרטייטשערישן פּשט. מיר דאַכט, צום ביישפּיל, אַז עס איז זיכער ניט קיין צופאַל, וואָס צווישן די רוקנס פון בערג ווייעט די בעל־שם־מעשה בלויז מיט דער טונקל־קייט פון פּרישות און פון פאַרהוילענע גענג, בשעת אונטערן רחבות־דיקן הימל פון סטעפּ אָטעמט זי מיט התגלות און מיט לעגענדע פון וואונדער. און אַזוי האָט, מן־הסתם נאָר דערפאַר ווייל דעם זיידנס בויד האָט זיך געקוילערט פון קאַלאָמיי אַלץ נענטער צו די שטעטלעך מיט בערג פאַר די אויגן, אין געמיט פון מאַנגער דעם קינד געקענט אויפקומען דער „זיסער גרויל: צי פירט מיך ניט דער זיידע צו דער עקידה?" (הקדמה צו די „חומש־לידער"). בלויז אין אַנגעזיכט פון אַ „הר המוריה" האָט די חומש־אַסאָציאַציע געקענט אַזוי אַנגסטיק איינ־

איציק מאַנגערס ליד

קלעמען די סענסיבעלע קינדערישע זעל מיט דער באַלאַדישער זעאונג פון עקידה.

דאָרט, אויף דעם זיידנס אַברהם מאַנגערס קאַרפּאַטישע וועגן, —

„ער זעט די ווייסע כלות פון די בערג. זיי קלערן
ביים רוישן פונעם וואַסער אויס געפּאַרן,
ווי אַזוי צו בלענדן, פאַרפירן און פאַרנאַרן
די בלאָנדע קינדער פון די כאַטעס."

(„דעמערונג אין שפּיגל", ז' 88)

מאַנגערס באַליבטע דעפיניציע, אַז באַלאַדע איז די „וויזיע פון בלוט", איז דערפאַר אַזוי וואָר וואָס שייך אים אַליין, ווייל ער האָט די זעאונג איינגעזאַפּט אין זיך מיט דער לאַנדשאַפט־אַטמאָספערע פון זיינע קינדער־יאָרן. און וואָס איז נאַטירלעכער און פאַרשטענדלעכער ווי אַז דווקא אָט די סביבה פון געשפענסטער זאָל אויך איינוואָרצלען אין דעם קינד אַ בענקשאַפט צו ישוב און זאָל פאַרשטאַרקן אין אים די אָנונג פון דער שיינקייט און הייליקייט פון וועלט און לעבן?

אַזוי איז געשען מיטן בעל־שם און אַזוי מיט איציק דעם פּאָעט, אַז ווען ער

„לויפט דערנאָך צוריק מיט פרייד צום ישוב",

איז עס אויף

„אָנצוקלאַפּן אויף טונקעלע ווענט די בשורה,
אַז הייליק איז די וועלט און דריי מאָל שיין!"

(„שטערן אויפן דאַך", ז' 14)

איך וויל דערמיט זאָגן, אַז דער אַהין צו באַרג און קעריק צו ישוב אין זיידנס בויד סימבאָליזירן אין תוך ביידע עיקר־עלעמענטן פון מאַנגערס דיכטערישער שאַפונג: אי דעם צונויפשטויס מיט די אומ־היימלעכע שאָטנס פון שרעק און אי דעם שלום־עליכם צו דער ליכטי־קייט און היימישקייט פון שפּיל און חלום. מיט אַנדערע ווערטער: אויף יענע יאָזדעס „אַמאָל, אַמאָל אויף פעריען אַוועק פון טשערנאָוויץ צום זיידן אויף אָפּרו" [הקדמה צו די „חומש־לידער"] האָט זיך אין גע־מיט פון דעם שפּעטערן גרויסן אידיש־טרובאַדור געזאַמענט די אָרגאַ־

איציק מאַנגערס ליד

נישע באַגעגעניש פון אַ קינדערישן שמייכל מיטן לעבנס באַלאַדישן נעפּל און דער באַהעפט פון אַ פּחד־האַלוצינאַציע מיט דער שטיפּעריי־שער געזונטקייט פון פאָלקס־ליד.

2

סטאַפּטשעט — דער פּייזאַזש פון באַלאַדע. דער ישוב ווידער, די סאָציאַלע לאַנדשאַפט פון פאָלקס־ליד איז יאַס, די קרוינשטאָט פון מאָלדאַוויע, וואוהין מאַנגערס פאָטער הלל האָט אַריבערגעפירט זיין וואַרשטאַט ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַוודאי שפּילט אויף דעם השפּעה־הינטערגרונט פון מאַנגערס ליד אַ גרויסע ראָלע דער פאַקט וואָס

„די גאָלדענע פּאַווע, די בריה,
שטייט אויפן שניידערס דאַך,
און זיבן שניידער־געזעלן
שטייען פאַר איר „האַפּטאַך".

(„וואָלקנס איבערן דאַך", ז' 28)

איך מיין, וואָס דעם טאַטעס וואַרשטאַט איז אויך געווען אַ לאַבאָראַטאָריע פון געזאַנג און וואָס „זיין עקסעלענץ" דער מאָגערער, קליינער שניידער־מייסטער מיטן פּקחותדיק צעשמייכלטן פּנים איז אַלעמאָל אַליין געווען אַ גאַנץ פלינקער גראַמען־מייסטער און האָט אין דער יוגנט אַפילו „פאַרפאַסט זיינע פּורים־שפּילן און זיי געשפּילט אינאיינעם מיט זיינע חברים". אָבער מיר גייט דאָ אונטערצושטרייכן, אַז דער דאַך פון שניידערס שטוב איז ניט געווען חלילה דאָס איינציקע אָרט, וואו דער פויגל וואָס סימבאָליזירט דאָס אידישע פאָלקס־ליד האָט געקענט אַוועקשטעלן זיין פוס, נאָר אַז די טעריטאָריע פון דער „גילדענער פּאַווע" האָט זיך געשפּרייט אונטן איבער יאַס, דער אַלטער

„שטאָט מיט ווינקליק קרומע גאַסן,
פון דיינע פענצטער שטראָמט אַ זיס דערמאָנען.
דאָ האָט געבליט טרובאַדורן־ליד און לייד".

(„שטערן אויפן דאַך", ז' 47)

איציק מאַנגערס ליד

אַרום אויף די לאַנקעס — דער זיסער דאַינע־שפּיל פונעם פּאַסטוכס פייפל. אין די אָרעמע יידישע שטובלעך ביי דער „רויטער בריק" בייגט זיך „שולמית" [די אויסגעטרוימטע געשטאַלט פון אַלע יונגע אידישע טאַטעס] איבער יאַנקעלעס וויגעלע און פאַרוויגט איר קינד מיט גאָלדפאַדנס האַרציקע בענקשאַפט־ניגונים. און אין די קרעטשמעס ביי אַ גלעזל רעשן רומעניש ווײַן זיצט „עמך" און הערט זיך צו ווי דער אַלטער צימבאַליסט וואָס האָט נאָך פאַרכאַפּט אים אַליין, וועלוולען, שפּילט און זינגט דעם זבאַראַזשערס לידער. ס'איז באַרעכטיקט אַ פראַגע: וואָס פאַראַ שייכות האָט די צום טייל טומלדיקע השכלה־פּראָבלעמאַטיק פון „מקל נועם" און „מקל חובלים" מיט דער „גילדענער פּאַווע"? דער ענטפער: ניט נאָר אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָר אַפילו דעמאָלט, מיט אַן ערך דריי דורות צוריק, ווען די השכלה־טעמאַטיק איז נאָך געווען אַזוי אַקטועל און דער מייסטער איז נאָך אַליין געשטאַנען ביים טיש און פאָרגעטראָגן פאַרן עולם זיינע גראַמען — האָט צו די יידן אין די יאַסער און בוקאַרעשטער קרעטשמעס ניט דערגרייכט דער ליאַרעם פון געזעלשאַפטלעכער פּאָלעמיק אין וועלוולס פּערזן. דאָס פּובליקום פון מאָלדאַוויע און וואַלאַכיע האָט פון זבאַראַזשערס „דעם רבי ר' בערס שגעון" אַרויסגעהערט פּונקט ווי שפּעטער פון גאָלדפאַדנס אַ ביבלישער אָפּערעטע, בלויז דעם כישוף־ריטם פון אַ מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן, דעם פרומען קלאַנג פון תפילה און בענקעניש, די פאַרשייטע פריילעכקייט פון ווײַן און דעם טאָן פון מער זעלבסט־צער ווי זעלבסט־חוזק איבער דער אייביקער מענטשלעכער געקריוודעטקייט אויף גאָטס וועלט. דאָס וויל זאָגן, אַז וועלוולס גערסט אין די רומענישע קרעטשמעס האָבן גענאָסן זיין היימישע קונסט און ניט זיין פרעמדע, אויסלענדישע אידעאישקייט. די אין „דריבנעטשקע" ניט שטאַרק באַהאַוונטע יאַסער בעל־מלאָכה'ס און די „פאַרדייטשטע" סוחרים פון בוקאַרעשט האָבן זבאַראַזשערס לידער אַריינגעוועבט אין זייער אייגענער יידישקייט־שטימונג און וועלוולס פּערזן האָבן אַזויאַרום אייגנטלעך ניט דערגרייכט וואָס זיי האָבן געוואָלט, נאָר פאַרקערט. אויסן געווען איז זבאַראַזשער־ערנקראַנצ'ס פּאָעזיע צו וועקן רעוואָלט און שנאה צו עפּעס, וואָס איז נאָך פאַראַן און האַלט אָן די ממשלה — אין גאַליציע, און געשפּייזט האָט ער די

איציק מאַנגערס ליד

בענקשאַפט און ליבשאַפט צו עפּעס, וואָס פאַרלירט די הערשאַפט און האַלט אין פאַרגיין — אין רומעניע. און טאַקע ווייל די יידיש־רומעניע האָט געלאָזט אינדרויסן וועלוולס צייטלעכע השכלה־טעמאַטיק און בלויז אויפגענומען דאָס איבערצייטלעך־קינסטלערישע און דאָס, וואָס איז געווען נאָענט צום פאָלקס־געמיט, איך מיין, דאָס פאָלקס־לידעריש־פרימיטיווע און דאָס פאָלקס־לידעריש־סטיליזירטע אין „מקל נועם" און אין „מקל חובלים" — דערפאַר האָט די השפעה פון זיין געזאַנג איבערגעדויערט די צייט פון כמעט דריי דורות און זיין גע־שטאַלט האָט אינאיינעם מיט גאָלדפאַדנס געקענט אַריינגיין אין דער גאַלעריע פון איציק מאַנגערס ליטעראַרישע אָבות.

שטרענג כראָנאָלאָגיש איז מאַנגער דער צווייטער יידיש־דיכטער, וועלכן אַלט־רומעניע האָט אַרויסגעגעבן. אויב אָבער מיר זאָלן זיך ניט נאָכגעמען נאָך דער מעטריקע, נאָר זאָלן אין זינען האָבן רומעניע ווי אַ קינסטלעריש־פּסיכישן עלעמענט פון שאַפונג, איז ניט דער אין מאָלדאַוויע געבוירענער יעקב גראָפּער, נאָר דער מיט צען יאָר יונגע־רער און ערשט אין בר־מצווה־עלטער אַהין איינגעוואָנדערטער איציק מאַנגער — דער ערשטער, דער סאַמע ערשטער. עס האָט קיינער ניט פאַר אים און קיינער אַוודאי ניט מיט אַזאַ וואונדערלעכן כוח פון יחידיש־עסטעטישער דעסטילירונג ווי ער, ניט אויפגענומען אין זיך דעם Genius loci פון דער יידישער אַלט־רומעניע.

די קלוגע און מרה־שחורה׳דיקע יידישקייט, וועלכע דער בעלפער און דער כלי־קודש פון גאַליציע האָבן אַריבערגעבראַכט קיין מאָלדאַ־וויע (אינאיינעם, פאַרשטייט זיך, מיט אַ היפּש ביסל פאַראַכטונג פאַרן „עם־הארץ"), איז פאַר דעם ערד־פאַכטער און בעל־מלאכה דאָ געבליבן אַ הויכער אויסלענדישער ענין קוים צו דערגרייכן מיט אַ געמאַטערטער ברכה אויף דער תורה. האָט טאַקע דער מאָלדאַווישער ישובניק זיך דורכגעריסן צו זיין גאָט דורך אַלע פאַרהאַנגען, וועלכע דער גאַליצי־שער בעלפער האָט פאַר אים אַראָפּגעלאָזט, ניט אַנדערש ווי דער „דאָרפס־צדיק" פון דער לעגענדע — מיטן כוח פון אַ פייף פון גאַנצן האַרץ. מיט די פייערדיקע וואָלעך־ניגונדלעך, מיט די פאַרשייטע האָראַ־ריקודלעך און מיט די פאַרבענקטע, זיסע דאָינע־זמרלעך, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיינע גויישע שכנים, האָט ער בעסער ווי

מיט אַלע אַנדערע שליסלען געקענט עפענען פאַר זיך די צויבער־שלעסער פון חומש און פון אַלע אַנדערע הייליקע ספרים, וועגן וועלכע דער גאַליצישער מלמד האָט אים מיט אַזויפיל גוזמא דערציילט. ווייל געשיכטע און גורל האָבן דעם יידישן פאָלקס־מענטש פון אַלט־רומעניע אַזוי פאַרמירט, אַז

„דער עיקר איז דאָס קינדישע געמיט,
וואָס גלויבט די שטערן און גלויבט דעם ליד
און וויס, אַז גאָט איז מעכטיק און איז גרויס״.

(„וואָלקן איבערן דאַך״, ז׳ 53)

דערפאַר האָט זיין באַגעגעניש מיט אַברהם גאָלדפאַדענען אויף די בינע־ברעטער אין יאַסער זומער־גאַרטן „לאַ פּאָמול ווערדע״ [צום גרינעם בוים] געקאָנט ווערן אַזאַ היסטאָרישער קולטור־דערפאָלג. די „גאָלדפאַדעניאַדע״ האָט אַריינגעבראַכט אין התפעלות יידיש־מאָלדאַוויע און געצוואונגען „פּלוצים — אַלע אויף די קני״, וואָרום איר אויפטו איז געווען לויט מאַנגערס זייער געלונגענער פּאָעטישער פאָרמולירונג:

„אין אַ בלאָען שטערן־קלייד
גייט שולמית הויך און גלייך,
ווי די מאַמע רחל גייט״.
אין דער האַנט אַ זיידן שטריקל
(ס׳ציטערט שטיל איר שוואַרצע ברעם),
זי פירט דאָס גאָלדענע ציגעלע
איבערן ווייסן שניי אַהיים...״

(„שטערן אויפן דאַך״, ז׳ 50)

גאָלדפאַדען האָט פאַרן יידישן עולם פון יאַס איינסצעניזירט די הויכע פּרשה חומש פון אויסלאַנד און אַריינגעכישופט אין בעלפערס סדרה פון דער וואָך היימישע און נאָענטע געשטאַלטן, וואָס האָבן עלעהיי אַ בעל־הבית אָדער אַ בעל־מלאָכה פון דער מאָלדאַווישער קרוינ־שטאָט געטרויערט מיטן נאָגעדיקן לשון פון דער דאָינע און געכאַפּט אַ טענצל אויף דעם „אַלע אינאיינעם״־שטייגער פון דער האָראַ.

מיר דאַכט, אַז נאָר אין רומעניע דער מדינה האָט געקענט דורכ־געפירט ווערן דער אויסטערלישער שידוך צווישן דעם „גילדענעם צי־

געלע" און דעם „הייליקן חומש", וואָרום דאָ איז דאָס פאָלקס־לידערישע און טעאַטראַלישע געווען אַ מין פּרומער פּירוש צו דער אַפּיציעלער יידישקייט פּונקט ווי דעם פּאַסטוכס חלום־פייפל און דעם האַידוקס רע־בעלישער געזאַנג — אַן אויסטייטש און ערגעצוואו אַ דורכליכטיקונג פון דער בלייערנער פּראַוואָסלאַוונער קלויסטער־מיסטעריע.

ווען איציק מאַנגער האָט אַן ערך זעכציק יאָר נאָך גאָלדפאַדענען געשריבן זיינע חומש־און מגילה־לידער, האָט ער זיי פאַרפלאַנצט ניט אין מאָלדאַווישן, נאָר אין דעם מזרח־גאַליצישן פּייזאַזש פון זיינע על־טערן. ער האָט מיט רעכט געפילט, אַז דעם ספּעקטאַקל מיט „די בערד פון די אָבות און די שטערנטיכלעך פון די אמהות" וואָלט אין מאָלדאַוויע פאַרפעלט די אַרומיקע שטייגער־דעקאָראַציע און עס וואָלט געוואָרן אַ פאַרשטעלונג אָן גרים און אילוזיע. וואָרום יידישע בערד און פרומע שטערנטיכלעך זיינען ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה שוין כמעט ניט געווען בנמצא אין רומעניע. די יידיש־פרומע לאַנדשאַפט האָט עפּעס אין עטלעכע געציילטע יאָרן פון עמאַנציפּאַציע־אויסדוכ־טעניש גענומען אונטערגיין און

„קוים, קוים וואָס מען קען איר אָטעם הערן,
אַלץ אין איר איז אויסגעשעפּט און מיד".

(„וואָלקן איבערן דאַך", ז' 47)

און עס האָט מאַנגערן דעם דיכטער זיכער גענוצט וואָס ער איז (ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן) באַצייטנס אַנטרונען געוואָרן פון דער „מידער לאַנדשאַפט" אין רומעניע צו דער לעבעדיקייט פון דעם פּויליש־יידישן שטייגער.

אָבער פונדעסטוועגן איז עס ניט סתם אַ מליצה לשם נוי, ווען דער דיכטער פון די „חומש־לידער" שטרייכט אונטער, אַז זייער מחבר — „איציק מאַנגער איז ער גענאַנט, איין חיט אויס וואַלאַכיש לאַנד". וואָרום „דער חיט אויס וואַלאַכיש לאַנד", דאָס איז דער סימבאָל פונעם פאָלקס־ליד־פּרימיטיוו, וועלכן מאַנגער האָט אין זיך אויפגענומען אין יאָס אין עלטער צווישן בר־מצווה און שמונה־עשרה לחופּה און אים דערנאָך, מיט פופצן יאָר רייפער, אַריינגעוועבט אין די חומש־מעשיות און אין די חומש־געשטאַלטן מיט אַן אויסנעמלעכער ראַפינירטקייט און

איציק מאַנגערם ליד

מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער ווירטואָזיטעט אין פּרט פון לויטערער שפּראַך־פּשטות און פון אינטימער באַהעפטונג צווישן קלאַנג און מאָטיוו. די לאַנדשאַפט, דער אויסערלעכער גרים און די דעקאָראַציעס פון די „חומש־לידער" זיינען טאַקע פון מזרח־גאַליציע, אָבער די אינערלעכע מוזיק פון די געשטאַלטן, די פּאָעטישע אינספּיראַציע צו זיי איז אויפ־געגאַנגען אין מאַנגערן פונעם זעלישן פייזאַזש פון דעם מאָלדאַווישׂ־יידישן ישוב.

און אין יענע וויזיע־באַגעגענישן פון די יונגל־יאָרן אין יאַס מיט די שאָטנס פון גאָלדפאַדנס ליטעראַרישע פאַרשוינען און פון זיינע רעפּרעזענטאַטיווסטע „פּאָמול ווערדע"־באַזוכער, כנאמר:

„שניידער־יונגען, שוסטער־יונגען,
נאָדלען, דראָטווען אין די הענט,
גייען פּאָרויס און זיי זינגען:
„ווײנט און קלאָגט, איר ציונס־טעכטער".
(„שטערן אויפן דאַך")

און אין דעם גראָטעסקן צוזאַמענשטויס, וואָס קומט פאָר אין יע־נער זעאונג מיטן רב אויפן שול־הויף, וואָרצלט — אויב ניט מיט אַלע, איז כאָטש מיט אַ טייל פון אירע וואָרצלען — מאַנגערס טעאַטראַליש־הערןאישע געשטאַלט פון פּאַסטריגתא, וועלכע „די אָפּיציעלע מגילה־שרייבער האָבן פאַרשוויגן", וואָרום זיי האָבן ניט דערזען אָדער אפשר גאָר ווייל זיי האָבן יאָ דערזען אַלע זיבן פאָלקס־ליד־חנ׳ען פון בענק־שאַפט, טרויער און... דאָן־קישאָטישקייט, וואָס מינען זיך אין דעם יידיש־מאָלדאַווישן שניידער־יונג.

מיר דאַכט אויך, אַז אין דער דאָזיקער „שטיפעריי מיט די גרייז־גרויע בערד" אין די חומש־ און אין די מגילה־לידער ברעכט זיך ערגעצוואו איבער אויף אַ זייער דינעם און סובטילן אופן אויך דער האַידוקן־געזאַנג פון דער אַלט־רומענישער לאַנדשאַפט. עס איז דאָס געזאַנג, וואָס זיינע עיקר־עלעמענטן זיינען כוליגאַנישער זשעסט און הייליק־רעליגיעזער ציטער. מיט צוויי יאָר פאָר די „חומש־לידער" קומט די נאָר וואָס דערמאָנטע פאָרונג פון הפקר־טאָן מיט טיפער יראת־שמים, פון גאָט־לעסטערונג מיט גאָט־בענקשאַפט, צום אויסדרוק אין

איציק מאַנגערס ליד

מאַנגערס „לאַמטערן אין ווינט" אין צוויי פון זיינע, לויט מיין מיין, שטאַרקסטע און דורכנעמענדיקסטע לידער: „די תפילה פון איוואַן דעם שיכור" און „ווי אַ מערדער".

3

און ווייל די יוגנט־איבערלעבענישן פון סטאַפּטשעטער באַטור און פון יאַסער קולטור־פּייזאַזש האָבן אין מאַנגערן זעליש אַזוי גליקלעך געצייטיקט, און ווייל ער איז דערנאָך געווען בכוח דעם באַהעפט פון די דערמאָנטע געמיט־עלעמענטן קינסטלעריש אַזוי גוט צו רעאַליזירן, דערפאַר האָט ער געקענט דורכפירן אַזאַ רעוואָלוציע אין שטייגער פון דער „גילדענער פּאַווע" און אַזוי אַנדערש, ווי אַלע פאַר אים, גע־שטאַלטיקן איר ביאָגראַפיע.

„אונטער יאַנקעלעס וויגעלע שטייט אַ גילדן ציגעלע, דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" — אַזוי האָט אונז דערציילט און אונז געזונגען די „גילדענע פּאַווע", די „געטרייע היטע־רין פונעם יידישן פאָלקס־ליד", אַזוי אַן ערך אין אַלע אירע פּרימיטיווע און סטיליזירטע וואַריאַנטן. אָבער וואָס האָט אָט דאָס „פאָלקלאָר־סוחרל" געזען און וואָס האָט מיט אים געטראָפן אויף זיין לאַנגער האַנדלס־נסיעה? וואָס האָט זיך דען געזאָלט טרעפן, אַז „דאָס ציגעלע" איז גאָרניט אַרויסגעפאָרן, איז געבליבן זיצן אינדערהיים?

„דער טאַטע האָט געקויפט אַ ציגעלע
מיט יאָרן לאַנג צוריק,
אין חד־גדיא עס פאַרשפאַרט,
געבונדן אויף אַ שטריק".

וואָס זשע זאָל עס דערציילן, אַז

„זומער זעט עס ניט קיין גראָז
און ווינטער — ניט קיין שניי"?

(„וואָלקן איבערן דאַך", ז' 9)

און טאָמער האָבן דאָס יידישע פאָלקס־ליד אָדער זיין סטיליזירטער וואַריאַנט זיך אַרויסגעכאַפּט אַמאָל פון דער „חד־גדיא", האָבן זיי אויך אין שטח ניט וויט אַוועקגעשפּאַנט און אין לעבן פונעם נאָענטן גוישן

איציק מאַנגערס ליד

שכן אויך נאָר זעלטן ווען אַריינגעבלאָנדזשעט. ערשט ביי מאַנגערן האָט דער סימבאָלישער פויגל פונעם יידישן פאָלקס־ליד — די „גיל־דענע פאַווע" — גענומען פליען איבער לענדער און אונז ניט נאָר גע־בראַכט אין איר שנאָבל גרעאַטענע איבערדיכטונגען פון פרעמדע בענקשאַפטן און פון פרעמדע טרויערן, ווי די „פעלקער זינגען" וועגן זיי, נאָר אויך אַ גאַנצן פּאַק געשטאַלטן, וואָס איר דערשראָקן אויג האָט אויפגעקליבן אויף ווייטע און היימישע וועגן.

די גאַנצע קייט פון באַלאַדישע פאַרשוינען, וועלכע ציט זיך פונעם גאַסן־מיידל אין דער „טונקעלער אָסיען־נאַכט" איבער די בעטלער־קינדער, וואָס „קלייבן די שמייכלען אין טאָרבעס אַריין", איבערן אַלטן האַידוק, וואָס פליט ווי „אַ ווינטער, אַ ווינט איבער נאַכטישער ערד", איבערן הויקער, וואָס „שמייכלט צו די דעכער: ויהי ערב, ויהי בוקר", איבערן מטורף, וואָס „אין צעפּאָרענע שיך לויפט און שטאַמלט אַריין אין זיך", איבערן יונגן סאָלדאַט, וואָס איז זיך מוסר־נפש פאַרן אמת פון זיין מיידלס גילדענע האָר, איבער דער טאָכטער פון סטרוזש פון פאַוויע 10, וואָס איז אַמאָל געווען אין „דערפל אַ קאַרשנבוים", און אי־בער די אַזויפיל און אַזויפיל־מאָליקע געשטאַלטן פון קריסטוסן און בעל־שם ביז צו דעם זאַבלטאָווער ייד, וואָס איז אין אַ פּלי מיט די ווינטן פטור געוואָרן פון דער ערדס חורבן און שגעון — אָט די גאַנצע אויסגע־פיבערטע גאַלעריע פון שאָטנס און געשפענסטער, דאָס איז ניט עפּעס אַנדערש ווי דער פאַרכאַפּנדיקער ספור־המעשה פון דעם, וואָס די „גילדענע פאַווע" האָט אַלץ געזען און באַגעגנט אויף אירע דרייסטע עקסקורסיעס מיט דער מאַנגערישער מוזע איבער לענדער, געמיטער און קולטורן.

און דער טויטער שניידער־געזעל לייבל בעקער, וואָס מאַנגער דערמאָנט אים מיט ליבשאַפט אין זיין אַריינפיר צו „לאַמטערן אין ווינט", מעג געטרייסט זיין אין זיין מורא, טאָמער

„. . . די גאָלדענע פאַווע\
האָט פאַרלוירן, צו איר שאַנד,\
האָט פאַרלוירן די גאָלדענע פעדער\
אין אַ פרעמדן לאַנד".

(„דעמערונג אין שפּיגל", ז' 104)

איציק מאַנגערס ליד

עס איז אַזאַ מאָלעער ניט געשען. עס קען דערויף עדות זאָגן דעם דיכטערס יונגערער ברודער, דער שניידער־געזעל נאָטע מאַנגער, וואָס האָט פון איציקס ערשטן שפּעריעשן שפּאַן אָן, אים נאָכגעפאָלגט מיט געטרייער פרייד, מיט ראַפינירטער פאַרשטענדעניש און מיט קריטישער באַוואוסטזיניקייט. וועגן אָט דער געפאַר, וואָס האָט געדראָט, אַז די אייגנקייט זאָל פאַרפאַלן ווערן אין געדיכטן וואַלד פון פרעמדע באַלאַדישע מאָטיוון, לאָזט מאַנגער נאָטען עפּעס דערציילן. די „סימבאַלישע היטעריין פונעם יידישן פאָלקס־ליד" — ווערט איבערגעגעבן אין נאָטעס געזאַנג „פון דער גאָלדענער פּאַווע" אין מאַנגערס בייעסטן בוך „וואָלקן איבערן דאַך" — האָט זיך פאַרוועט מיטן קייסער פראַנץ יאָזעפס פערד,

„וואָס פליען אַזוי געשווינט,
אַז זיי יאָגן אַריבער דעם וואָלקן,
אַז זיי יאָגן אַריבער דעםווינט" — — —

וועגן דעם, ווער עס וועט פריער אָנקומען צום שניידערס הויז קיין סטאָפּטשעט. געוואונען האָט די גילדענע פּאַווע, און דער קייסער איז פאַרחידושט און ממש געפּלעפּט פון איר כוח:

„דאָרט צווישן די בערג ליגט קאָסעוו
און אונטן אין טאָל ליגט סטאָפּטשעט.
דער קייסער רייבט זיך די אויגן
און גלויבט ניט וואָס ער זעט".

און אַז פראַנץ יאָזעף וויל קיניגלעך באַצאָלן דעם געוועט מיט אַ גילדן צלמ'ל, ענטפערט אים די פּאַווע מיט גרויס ווערדע, אַז אַ צלם אַפילו פון ריינסטן גאָלד איז איר ניט צום האַרצן. דער איינציקער שכר, וועלכן זי בעט זיך אויס, איז:

„אַז איך, די גילדענע פּאַווע,
מעג פליען איבערן לאַנד
און טראָגן די ליבע־גרוסן
פריי פון קאַנט צו קאַנט".

נאָטעס מעשה איז ניט בלויז „אַ שטיפעריי אַזאַ" מיט פראַנץ יאָזעפס באַקן־בערד, נאָר אויך דער סאַמע ערנסט וועגן מאַנגערס גע־

ראַנגל מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַלאַדע־מאָטיוו — „די גרויסע פינסטערניש, וואָס איז שוין מיליאָנען יאָרן אַלט". עס איז די געשיכטע פון זיין געראַנגל און אויך — פון זיין נצחון. וואָרום אים איז געלונגען צו אַסימילירן, צו פאַרהיימישן די פרעמדע שרעק מיטן כוח פון אַן אייגענער יידישער פאָרם. דאַכט זיך אַזאַ קאַטוילישער מאָטיוו, ממש אַ פרענסיס אַסיזשישער סוזשעט, ווי אין „סאַנקט בעש"ט", און דאַכט זיך, אַזאַ אויסגעשפּראָכן פרעמדער פידל ווי נאַיע דעם ציגיינערס, אויף וועלכן מאַנגער האָט אין זיין סאַמע ערשטן לידער־בוך אויפגע־האַנגען די גרויסע לירישע וועלט־טעמעס פון ליבע, בענקשאַפט און טרויער — און דאָך מיט זיין גאַנצער „סאַנקטיטעט" איז דער בעל־שם אונזער אייגענער יידישער בעל־שם און פון נאַיע ציגיינער ווייעט מיט היימישער יידיש־"כלי־זמר'שער נאַענטקייט.

און דאָ ליגט טאָקע דער גוואַלדאָוונער מאַנגערישער נצחון אויפן שטח פון באַלאַדע און פאָלקס־ליד. די רייכקייט און פאַרצווייגטקייט פון זיינע באַלאַדישע מאָטיוון האָט דינאַמיזירט, ביי סטיליזירט און ביי געשטאַלטיקט דאָס „גילדענע ציגעלע" אין דער יידיש־פּאָעזיע און עס געהאָלפן אַרויספירן פונעם אַלקער פון קליין־צופרידנקייט אויף דער ברייטער אַרענע פון גרויס־קינסטלערישן פאַרמעסט און דערגרייכונג. די יידיש־פרומקייט ווידער פון דער אַטמאָספערע, אין וועלכער עס לעבן די שורות אין זיין באַלאַדע און דער דאַרשט נאָך געזונטער חיות, וואָס זיין מוזיקאַליש וואָרט שמייכלט צו אונז אַרויס פון הינטער די שאָטנס און געשפענסטער — אָט דאָס אַלץ, וואָס איז צו מאַנגערן גע־קומען פון זיין אָרגאַנישער צענויפגעוואַקסנקייט און פון זיין קינסטלע־ריש־באַוואוסטזיניקער באַהעפטקייט מיטן יידישן פאָלקס־ליד, האָט מעגלעך געמאַכט, אַז מאַנגער זאָל סטאַביליזירן אין אונזער ליטעראַטור ניט אַ באַלאַדע אויף יידיש, נאָר אַ יידישע באַלאַדע.

4

וואָס שייך די קינסטלעריש־באַוואוסטזיניקע חברשאַפט מיט דער „גילדענער פּאַווע", מוזן סטאַפּטשעט און יאַס אָפּטרעטן די בכורה צו מאַנגערס געבוירן־שטאָט: טשערנאָוויץ. דאָס קאַרפּאַטן־שטעטל האָט

איציק מאַנגערס ליד

אין מאַנגער, דעם דיכטער, פאַרזאַמענט די באַלאַדישע וויזיע, די קרוינ־שטאָט פון מאָלדאַוויע האָט אין אים צעבליט דעם פאָלקס־ניגון, „ירושלים ביים פרוט" האָט פאַרפלאָנצט אין אים די אָנונג פון אַ שליחות און דער־נאָך געצייטיקט אין איר פולער פראַכט זיין פּאָעטישע קולטור־כוונה.

אין יידישן זינען איז מאַנגערס טשערנאָוויץ געווען די שטאָט פון יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פון ד"ר נתן בירנבוים, פון שפּראַך־קאָנפערענץ, פון יידיש־מלחמות אויף דער אוניווערזיטעט, פונם היסטאָ־רישן קאַמף פאַר אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך ביי דער פאָלקס־ציילונג פון 1910 און דערנאָך אין די פרילינגס־יאָרן פון נאָכן ערשטן וועלט־קריג — דער צענטער פון אַלע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון דעם כמעט איין־מיליאָניקן יידישן ישוב אין דער נייער רומענישער מלוכה. די פאַרשפּיצטע סענסיביליטעט פון דעם פּאָעטישן קינד האָט די יידיש־פּאָעטיק פון 1908 און 1910 אַריינגעזאַפּט אין זיך דורכן טאָטנס גייסטיקער פאַראינטערעסירטקייט, אָבער דעם יידישן קולטור־חלום און דעם אָרגאַניזירטן ווילן צו יידיש פון דעם בוקאָווינער אינ־טעליגענט און פון דער בעסאַראַבער יוגנט פון 1920 און פון די עטלעכע וויטערע יאָרן האָט דער ניינצן־יאָריקער דיכטער־אָנפאַנגער אויפגע־נומען ווי אַ העכסט־אייגענעם און פערזענלעכן ענין. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט, אַזוי צו זאָגן, וועגן זיין ליד, וואָס איז געוואָרן די באַרעכ־טיקונג און דער סטימולענט פאַרן טרוים, פאַרן קאַמף פונעם כלל.

מען מעג זיך פאַרגינען די פּסיכאָלאָגישע השערה — זי לייגט זיך אויפן שכל, — אַז ערגעצוואו האָט דאָס געמיט פונעם יונגן דיכטער רעאַגירט אויף דעם פאָלקס פּראָגראַמאַטישער „גאַלאַנטקייט" צו זיין ליד מיט אַן אויפציטער פון געדאַנקלעכער ריטערלעכקייט צום פאָלקס שעפערישקייט.

אין תוך האָט דער דיכטער פּונקט ווי דער קאָלעקטיוו דערמיט בלויז געענטפערט מיט אַ מחשבה־פאָרמולע אויף עפּעס, וואָס האָט זעליש פון לאַנג עקזיסטירט און זיך געריסן צו אויסדרוק, צו העכערן לעבן. דער כלל — אויף זיין בענקשאַפט צו יידישן געניוס. דער קינסטלער — אויף דעם אַנאָנימען געזאַנג פון דורות, וואָס אין אים:

איציק מאַנגערס ליד

„שטיי אויף, פּאָעט! פאַרנעם דיין פליכט, די קרוינען,
זיי זיינען דיינע, לאָז זיי ניט פאַרוויאַנען
אין שטומע קברים, וואו די טויטע וואוינען".

(„דעמערונג אין שפיגל")

„פונעם גאַנצן סכום פראַגן און פּראָבלעמען — האָט מאַנגער עט־לעכע יאָר פאַר די ציטירטע פערזן אין 1929 געשריבן אין זיינע „גע־ציילטע ווערטער" (דאָס איז געווען אַ בלעטל, וואָס ער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אין טשערנאָוויץ לויטן מוסטער פון רומענישן דיכטער טודאָר אַרגעזי'ס Bilete de Papagal [פּאַפּאַגאַי־צעטלען], וועלכע האָבן דערשיינט אין בוקאַרעשט) — האָט מיך אַמייסטן גערירט דער טראַ־גישער גורל פון דער גילדענער פּאַווע, „דער געטרייער היטערין פונעם יידישן פאָלקס־ליד".

און אין וואָס באַשטייט די טראַגישקייט פון איר גורל? „די גיל־דענע פּאַווע — קלאָגט זיך מאַנגער אין יענעם בריוו צו X. Y. פון וועלכן עס שטאַמט דער נאָר וואָס געבראַכטער ציטאַט — זינגט נאָך דערוויל איינזאַם ערגעצוואו אין אַ ווינקל". און ער איז מקנא די דייטשן פאַר הערדערס „שטימען דער פעלקער" און פאַר „ערלקיניג" און „לעאָנאָרע" (אַגב, מאַנגערס סאָלידע קענטעניש פון דער דייטשער ליטעראַטור דאַרף אויך אָנערקענט ווערן אויפן קרעדיט־קאָנטאָ פון טשערנאָוויץ, דער דייטשער אוניווערזיטעט־שטאָט אין סלאַוויש־רומענישן מזרח).

די קנאת־סופרים צו געטע און בירגער האָט זיך זיכער געלוינט. דער קאָמפּלאָט, וועלכן דער עטלעכע־און־צוואַנציק־יעריקער האָט דע־מאָלט אָרגאַניזירט אין טשערנאָוויץ און אין בוקאַרעשט אויף אַהיימצו־ברענגען די גילדענע פּאַווע צוריק פון גלות, איז אין דעם באַלד פערטל יאַרהונדערט „מאַנגעריאַדע" גאַנץ און אַזוי אויסטערליש שיין געלונגען. וואָס פאַרא בעסערער באַווייז פאַר „פדיון שבויים" פון דער גילדענער פּאַווע קען זיין, ווי דער, אַז מאַנגערס פערז איז היינט אפשר דער פּאָפּולערסטער ביי אַלע מינים יידישע לעזער און אַפילו אין געמיט פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע? אויך ביי דער יוגנט אין אַמעריקע! אויך אָט די שווערסטע און געפערלעכסטע אַנטי־יידישע און אַנטי־פּאָעטישע באַריקאַדע האָט מאַנגערס ליד דורכגעבראָכן.

(1943)

אָפּאַטאָשו — נעש

(באַמערקונגען צו זיין יובל)

די אַזוי צו זאָגן ליטעראַריש־קליניש פראַגע: „ווו האַלטן מיר מיט י. אָפּאַטאָשון?", וועלכע עס האָט מיט רוב תורה און חכמה — ווי זיין שטייגער איז — אַוועקגעשטעלט דער קריטיקער ב. ריווקין,*) זאָגט צום אַזויפיל און אַזויפילטן מאָל עדות אויף דער שווערער דאָליע פון אַ שרייבער פונעם מין אָפּאַטאָשו ביי דער יידיש־קריטיק. ניט חלילה, אַז די קריטיק האָט אָפּאַטאָשון צו ווייניק געלויבט, אָדער גאָר פאַרשוויגן. דאָס ניט. פאַרקערט, אין נחמן מייזילס ניט לאַנג צוריק דערשינענער אָפּאַטאָשו־מאָנאָגראַפיע געפינען מיר אַ היפּשע רשימה פון אַרטיקלען, רעצענזיעס און אָפּשאַצונגען וועגן אָפּאַטאָשוס ווערק.

נאָר וואָדען? וואָס בולטער עס ווערט די אינטעלעקטועלע פּער־זענלעכקייט פון שרייבער אָפּאַטאָשו, וואָס העכער זי הייבט אָן אַרויס־סטאַרטשען איבער אונזער ליטעראַטן־ניוואָ, וואָס שווערער זי נעמט אַריינוואַזשען מיט דער גאַנצער וואָג פון איר אַחריות פאַרן יידישן גורל אין דעם אומרו פון אַ פאָלק ערב קאַטאַסטראָפעס און ערב נייע חלומות; וואָס מער די אָפּאַטאָשו־געשטאַלט וואַקסט אַריבער דעם גדר פונעם געשריבענעם וואָרט און ווערט גייסטיקע אָריענטאַציע אין שייכות צו ווערט און אומווערט אין אונזער לעבן; וואָס שנעלער דער טעמפּאָ — זאָג איך — פון דער נאָר וואָס אָנגעוויזענער איבערגע־שטאַלטונג פונעם שרייבער אָפּאַטאָשו אין דער נאַציאָנאַל־עטישער פּערזענלעכקייט: נעש — אַלץ גיכער ווערט אויך אויפגעריסן די איינ־הייטלעכקייט פון דער באַנאַלער שבחים־קריטיק אַרום אָפּאַטאָשוס ווערק און עס באַווייזט זיך דער פרישמאַנישער מומחה מיטן קלוגן מבינישן שמייכל אויף די ליפּן, וואָס פרעגט זיך תמימותדיק־פּראָפע־סיאָנעל: — ווו האַלטן מיר מיט פּרצן?... ווו האַלטן מיר מיט אָפּאַ־טאָשון?

---

*) „צוקונפט" ניו־יאָרק, אָקטאָבער און נאָוועמבער 1935.

אַפּאַטאַשו — נעש

די רעטאָרישע שאלה: „ווו האַלטן מיר...״ דערבויערט זיך צו אַ „באַזונדערן שטאַנדפּונקט״. דער באַזונדערער שטאַנדפּונקט פאַר־שלייערט זיך מיט פיינפולע ספקות און שליידערט גאַנצע כמאַרעס פון ביטול צו „זיי״, וואָס האָבן די זיכערקייט צו וויסן:

„ווו זיי האַלטן מיט אַפּאַטאַשון? — ער אַליין זאָגט זיי״.

איז עס טאַקע אַ חסרון געוויר צו ווערן פונעם שרייבער אַליין, ווו מ׳האַלט מיט אים אין דער וועלט? איז עס על־פּי קינסטלערישן דין אַ פעלער, ווען אַפּאַטאַשוס יעדעס ניי אָנגעשריבענע בלעטל אָטעמט מיט סך־הכּל פון גערדאַנקלעך־געלייטערטער דאַכטונג, וואָס פאַרשאַפט אַחוץ דער הנאה פון שלימות אין דער פאָרם אויך דעם רייץ און די אָנרעגונג צו פאַרענטפערן דעם געעגבער פון „וואָס וועט ווערן״, וואָס „לאָזט אונז ניט אָפּ ביז דעם היינטיקן טאָג, טראָגט זיך מיט אונז צווישן ימען און אָקעאַנען״?

אַ שרייבער־געשטאַלט ווי אַפּאַטאַשו, פונקט ווי די גרויסע פיגור פרץ, קען ניט און טאָר ניט ליטעראַריש געשאַצט ווערן לויט דעם שולחן־ערוך פון קינסטלערישע רעצעפּטן, אין וועלכע ס׳ווערט אַפּטיי־קעריש דאָזירט דער פּראָצענטאַזש פון רעאַליזאַציע־מיטלען. דער צו־גאַנג צו זייער שאַפונג מוז זיין לגמרי אַן אַנדערער ווי דער, וועלכן מ׳קען זיך פאַרגינען ביי די ליטעראַרישע אַרכיטעקטן און ווירטואָזן. ביי די — איז די פראַגע נאָך די פּלענער און זייער אויספירונג אַ באַרעכ־טיקטע. מיר באַוואונדערן דעם אויפגעשטעלטן בנין, שטוינען איבער דער זינפולער איינטיילונג פון די צימערן, ווערן פאַרכאַפּט פון די אויסטערלישע פאַסאַדע־פאַרצירונגען און... אַפּלאָדירן.

דעמאָלט אָבער, ווען שרייבערישער גורל — ווי עס איז דער פאַל ביי אַפּאַטאַשון — ווערט אידענטיש מיטן גורל פון אַ פאָלקס־קולטור, ווען די שאַפערישע וויבראַציע זיינע טראָגט אין זיך דעם „אָטעם פון גאַנצקייט״ און פאַרמעסט זיך צו געבן דעם זעלישן פאַקט פון דורות און זייער היסטאָרישן אינטריגע־גערויש — דאַן ווערן די כּללים פון קינסטלערישער טעכניק אַ ניט־געאייגנטע מאָס. וואָרעם עטישע קראַפט מעסט מען ניט אויפן אַרשין און פאָלקס־פאַטאָס וועגט מען ניט מיט געוועכטער.

אָפּאָטאָשו — נעש

דאָ, ווי ביי פּרצן, מוז די קריטיק אַנדערש, לחלוטין אַנדערש, אַוועקשטעלן די פראַגע. די פראַגע קען נאָר זיין: ווי ווייט האַלט אָפּאַטאָשו מיט אונז? ד"ה אויף וויפיל זיינען די יידישע ליטעראַטור און איר לייענער עמאַציאָנעל און אינטעלעקטועל באַווירקט געוואָרן פון דעם ספּעציפישן אָפּאַטאָשושן שאַפונגס־קלימאַט. ווייל נאָר אין אַט דעם קלימאַט קען היינט (אין דעם שוידערלעכן היינט פון געזעלשאַפטלעכן און אידעאישן איבערגעלאַף ווערט דער sine qua non נאָך צו־געשפּיצטער ווי אין דער רואיקער פּרצשער קונסט־עפּאָכע) געדייען דער „צוליב וואָס" פון אונזער זעלישן אָנשטרענג, דער זינען און דער טרוים פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אויף יידיש.

מעגלעך, אַז אַ סך פון אונזערע קונסט־פאַרשטייערס האַלטן, אַז בערגעלסאָן קען בעסער און געניטער לייגן ליטעראַרישע ציגל, אָבער ווער פון זיי מיינט, אַז די טעמפּעראַטור פון זיינע העלדן — די אָפּגאַנגישע לוי־וואָרעמקייט פון מירעלע און מלך און די סאַטיריש אַרויפגעשרויפטע היץ פון פּענעקן — ברענגט צו טראָגן דעם פלואידום פון אַ פּערזענלעכקייט־באַשאַפער, וועמעס פיזישע עקזיסטענץ אַליין ערגעץ איבער ימים און לענדער באַגליקט און באַפליגלט די פאַנטאַזיע פון אַ קאָלעקטיוו?

כדי דאָס געמיט פון אַ פאָלק, דער גייסטיקער אָטעם פון זיין אינטעליגענץ זאָלן דערשפּירן דאָס דאָזיקע גליק, וועט ביט זיין גענוג, אַז דער באַשאַפער פון בּיכל־העלדן זאָל פינקלען מיטן דק־מן־הדק־פּסיכאָלאָגיע און מייסטערהאַפטער רעאַליזאַציע פון קינסטלערישן פּערז אָדער פּראָזע. ניין, כדי דאָס זאָל געשען, וועט דאָס געשריבענע וואָרט מוזן אָנווייען אויפן לייענער דעם גאַנצן גרויל פון יחידישן און כללישן גורל מיט זיין בלוטיקן און העראָאישן נעכטן און דעם גאַנצן טרויער און פרייד פון זיין, מיט בלוט און אידעע געשפּונענעם, חלום פון מאָרגן. און געשעט עס, דאַן ווערן אַלע באַשאַפענע ליטעראַרישע פאַרשווינען פאַרוואַנדלט אין איין גרויסער מחנה פון גייערס, קעמפערס, איינגעשפּאַנטע אין יאָך פון איין אידעאישער שליחות אַרום דער צענטראַלער בכל־דור־ודור־פּערזענלעכקייט, וואָס פאַרקערפּערט אין אירע העלדן מער ווי די אינספּיראַציע פון אַ גרויסן יחיד, אַ סך מער — די זיך צום וואָרט רייסנדיקע אַספּיראַציעס פון אַ דור, פון אַ צייט.

אָפּאַטאָשו — נעש

אין אָפּאַטאָשו־נעש׳ס בלעטלעך פון זעליש־קינסטלערישן גע־ראַנגל מיטן גאָט און טייוול פון אונזער גורל איז, ווי אַ מאָל אין פּרצס „חסידיש״ און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, אויפגעגאַנגען דער ריח פון „אויפגעריסענע דורות״ און פון דאָרט אַרויס האָט ערשט ווי פון אַן אייגענער פּרוכטבאַרער ערד געקענט אַרויסבליען דער שאַרפער סאָציאַלער אַקצענט; דער סאָציאַלער אַקצענט, וואָס, געגערט מיטן איי־גענעם גייסטיקן חיות פון אַ קאָלעקטיוו, צעשיטערט ער זיך ניט צו אַ פילטשיקער, פון דרויסן אַריבערגענומענער פאָרמולע, נאָר בלייבט אויף דער ליניע פון אינערלעך־געשיכטלעכן המשך און גיט צו אַ נייעם ניואַנס צו דעם פילפאַרביקן קאָנצעפּט פון הומאַניטאַריזם און סאָציאַ־לישקייט.

בערגעלסאָן און אַנדערע האָבן מיט זייערע ווערק באַרייכערט אונזער ליטעראַרישע מענטשן־גאַלעריע; אָפּאַטאָשו האָט מיט די באַשאַ־פענע מענטשן זיינע געבויט אונזער ליטעראַטור. בערגעלסאָן און אַנ־דערע האָבן זיך מיט קלוגשאַפט און גרויס טאַלאַנט געגראָבן אין די טיפענישן פון מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע; אָפּאַטאָשו האָט זיך מיט דער פאַרשפּיצטער אינטואיציע פון זיין שאַרפן אינטעלעקט און מיט זיין שטענדיק וואַכער וויזיע פון אַלע שעה׳ען אין אונזער געשיכט־לעכן מעת־לעת אַריינגעשפּאַרט אין דער סאַמע אורשפּרינגלעכקייט פון נאַציאָנאַלן תמצית. אַנדערע אָריענטירן זיך אויף די אידעען פון זייער צייט, אָפּאַטאָשו לעבט מיט אַלע צייטן פון דער יידישער פאָלקס־אידעע. אַנדערע האָבן געטראָגן די שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אייגענע קינסטלערישע דערגרייכונגען; אָפּאַטאָשו האָט אַחוץ דעם נאָך געבערענט מיטן פיינפולן אַחריות פאַר דער מיסיע פון אונזער ליטע־ראַטור.

אָפּאַטאָשוס ווערק איז אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר — פונקט ווי פּרצס ביים אָנהייב פון אונזער יאָרהונדערט — געווען ניט נאָר שאַפונג, נאָר אויך שאַפונגס־דירעקטיוו, ניט נאָר אויפּפּראַל פון קינסט־לערישער סטיכיע, נאָר אויך, און קודם־כל, גייסטיקער און עטישער אָנרעג און אויפוועק פון אונזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. אָפּאַטאָשו איז היינט צו טאָג אין אונזער ליטעראַטור ניט נאָר איר גרויסער שרייבער, נאָר אויך איר סאָלידער דענקער.

אַפּאַטאָשו — נעש

איך ווייס, אַז דער צערעבראַלער עלעמענט אין דער קינסטלע־רישער קרעאַציע איז אונזער היינטיקער יידיש־קריטיק ניט צום האַרצן. צו ווייך געזאָגט: ניט צום האַרצן. אונזער קריטיק קוקט דערויף מיט פאַראַכטונג. דאָס פאַראַנען זיין פון צערעבראַלישקייט ביי אַ שרייבער איז גענוג אויף צו פסלען אים און זיין ווערק. און אַז מ׳וויל, קען מען אויך פאַרשטיין די סיבה פון דער שנאה צום מוח־עלעמענט אין דער שאַפונג. ראשית האָט די השכלה־ליטעראַטור פאַרמוטשעט דורות לייענערס און קריטיקערס מיט איר פובליציסטישן ערזאַץ פאַר קונסט און אויפגעוועקט אַ בענקשאַפט נאָך דער קרעאַציע פונעם אונטערבאַ־ווּוסטזיין, נאָך דער קינסטלערישער עמאַנאַציע פון בלויז חושים. און והשנית האָט אַ געוויסער טייל פון יידישע שרייבערס שווער קאָמפּראָ־מיטירט דאָס מוחדיקע, עס דערנידעריקט ביז צום סינאָנים פון דרויסנ־דיקן לאָזונג, פון „פון אויוון״־באַשטעלונג.

פונדעסטוועגן בלייבט אָבער דאָס אינטעלעקטועלע אַן עיקרדיקער עלעמענט פון קינסטלערישער שאַפונג. ליטעראַטור, וואָס איז גע־בויט בלויז אויפן כוח פון די חושים, קען ניט זיין קיין גרויסע ליטע־ראַטור. זי קען בלויז ווייזן, אָבער ניט דערשיטערן. זי קען רייצן, אָבער ניט אָנרעגן. זי ברענגט אַריין אומרו פון כאַאָטישע איבערלע־בענישן, עפנט אָבער ניט אויף די זעלישע שפּאַרינע צום געטלעכן גייסט פון האַרמאָניע.

פּרץ און נאָך אים אַפּאַטאָשו זיינען דערפאַר אונזערע גרויסע שרייבערס, ווייל אין זייער סטיכישער שאַפונג האַלט דער אינטעלעקט שטענדיק וואַך די העכערע גייסטיקע טענדענץ פון מענטשלעכן לעבן און לאָזט ניט אַנדרימלט ווערן דאָס אייביק־זיטלעכע געבאָט, וואָס נאָר דאָס אַליין באַרעכטיקט און גיט אַ זינען דעם מענטשלעכן שפּיל אין קונסט. זיי זיינען גרויס ניט דורך זייער דערפאַלג, נאָר דורך זייער שליחות.

איז וויכטיק אָנצווייזן, אַז אַפּאַטאָשו האָט אין פּרט פון קינסטלע־רישער רעאַליזאַציע אַרויסגעוויזן מער געזעצלעכקייט, מער סאָליד־קייט פון פּרצן, וואָס האָט אַלס איינער פון די ראשונים פון אונזער מאָ־דערנער ליטעראַטור אויסגעפּרוווט און זיך צעשפּליטערט אויף פאַר־

אַפּאַטאַשו — נעש

שידענע שאַפונגס־פאַרמען? ניין. וויכטיק איז אונטערצושטרייכן, אַז זיי האָבן ביידע איבער דער ליטעראַטור אַרויס געשאָנקען זייער דור דעם שאַפעריש־באַווירקנדיקן פלואידום פון זייער לעבעדיקער גייסטי־קער פערזענלעכקייט.

זייער ווערק ברויזט אויף דאָס באַוווסטזיין פון לייענערס; זייער נאָמען בלייבט האַפטן ווי אַ סימבאָל אין דער פאַנטאַזיע פון אַ קאָ־לעקטיוו.

(1937)

דער דערציילער משה אַלטמאַן

1

„ער וואָלט געוואָלט, מאָטל, די געשיכטע זאָל דערציילט ווערן פּשוט, גאָר פּשוט, קען ער זיך אָבער קיין עצה ניט געבן מיט די ניט אויסגעהיילטע, ניט פאַרגלעטע יסורים זיינע".

אין אָט די ווערטער, איבערגעגעבן אין נאָמען פון זיין שרייבערישן אַלטער־עגאָ, מאָטל אומרו, ביים סאָמע אַריינפיר צום ראָמאַן „שמע־טערלינגען", האָט משה אַלטמאַן אייגנטלעך מצמצם געווען די גאַנצע היסטאָריע פון זיין בעלעטריסטיק.

אין אָנהייב זיינען געווען צוויי אַלטמאַנס: איינער, אַ סובטילער ליריקער פון האַרבסט־מאָטיוון און פון השתפכות־הנפש׳דיקע פערזן, און דער צווייטער, אַ פריי־געמיטיקער שפּינער פון בעסאַראַבער שטיי־גער־מעשיות. אין זיינע — צום באַדויערן און צום שאָדן פון דער יידיש־ליטעראַטור קיינמאָל ניט צענויפגעזאַמלטע לידער — האָט דער ליריקער צומאָל מיט רעליגיעז־פרומער הכנעה אויסגעקרעכצט די „ניט אויסגעהיילטע יסורים" פון זיין שווער געפּרוואוטן לעבן און צו־מאָל מיט ביטערן לעסטער זיך געבונטעוועט קעגן „פאָטער פונעם יויזל און פון די לייז, דער שפּייזער". עס איז אויך געווען אַ דריטער „צומאָל" אין אַלטמאַנס פּאָעזיע, דהיינו, ווען עס האָט זיך אַריינגע־מישט דער שטילער הומאָר און האָט מיט אַ „ריגלע, ריגעלע־רוגז" פון אַ היימישן שמייכל איבערגעבעטן דעם זיפּץ מיטן לעסטער.

דער ליריקער אין אַלטמאַנען איז אַרויסגעוואָקסן פון טיפן נשמה־קלעם, פון געראַנגל מיט זיין לעבן און מיט זיין גאָט און פון דער אָרגאַ־נישער באַדערפעניש אויסצוגיסן ס׳האַרץ, זיך מתוודה צו זיין פאַר זיך און פאַר זיין באַשעפער. דער דערציילער אַלטמאַן, איך מיין אַזוי ווי ער אַנטפּלעקט זיך צו אונז אין זיין ערשטן נאָוועלן־ביכל „בלענ־

דער דערציילער משה אַלטמאַן

דעניש״ * — ער שטייגט אויף ניט פון ניט פאַרהיילטע ליידן, נאָר פאַרקערט, פון הרחבת־הדעת. אין אַלטמאַנס ליריק גייט דאָס וואָרט אויף נשמה־באַריקאַדעס; אין דעם באַגינען פון זיין בעלעטריסטיק זעצט עס זיך אַוועק שפּילן דעם געטלעכן שפּיל פון געשטאַלט בלויז לשם הנאה פון דערציילער און פון לייענער.

און עס איז בפירוש כדאַי זיך צוצוהערן צו דער מעשה ווי אַזוי בעסאַראַבער יידן, יידן פון אַ גאַנץ יאָר, פאַרגריזנעט אין בלאָטעס און אין דלות, יידן וואָס חלומען געוויינטלעך פון פרייזן אויף תבואה, פון אַ לייטישן שידוך און פון אַ קליין ביסעלע כבוד ביי דער שבת־דיקער תורה, זיינען דאָס אַראָפּגעפירט געוואָרן פונם וועג און גענו־מען טרוימען אויף דער וואָר אַ טרוים מיט פאַרנעם, מיט פּערספּעק־טיוו און דערעיקרשט מיט מיסטישן קלעם אין האַרצן — דעם חלום פונם אוצר. עס איז אַ געשמאַקע, אינטערעסאַנטע און אינטים גוט־ברודעריש דערציילטע מעשה אָן געוואַלטער און ניט געוואַלטער טענדענץ. ניטאָ אין איר קיין שום דראַמאַטישע אַקצענטן. די טרוי־מערס האָבן זיך אויסגעטשוכעט און גייען וויטער נאָך זייערע עסקים. שלמה דער לאַנגער — דער הויפּט־העלד פון אַלטמאַנס בעסאַראַבער שטייגער־מעשיות, איז אויף מאָרגן נאָכן חלום געבליבן דער זעלבער ווי געווען. ער איז בלויז רייכער געוואָרן מיט אַ צערונענער יידי־שער האָפענונג און מן־הסתם אויך מיט . . . אַ נייער מעשה, וואָס לאָזט זיך דערציילן און דערציילן.

ניין יאָר שפּעטער באַגעגענען מיר שלמה דעם לאַנגן אין אַלט־מאַנס צווייטער נאָוועלן־זאַמלונג „די ווינער קאַרעטע״. * שלמה איז אַ טיפּ פון אַ מיטלשטאַנדישן ייד אין אַ בעסאַראַבער שטעטל. וואוי־נען וואוינט ער אין „געסל״, אָבער ער איז שוה־בשוה ניט בלויז מיט זיינסגלייכן און מיט די גויים אויפן מאַרק, נאָר אויך מיטן פּריס־טאָוו און מיט דער פּריצישער גאַס. ער איז אַ פאַרהאַוועטער האָרע־פּאַשניק, שלמה, און ער פאַרלירט פונדעסטוועגן טעג ביי „בעסיעדעס״.

---

* „בלענדעניש״, פאַרלאַג „קולטור״, טשערנאָוויץ 1926.

* „די ווינער קאַרעטע און אַנדערע נאָוועלן״, פאַרלאַג שלום־עליכם, בוקאַ־רעשט 1935.

דער דערציילער משה אלטמאַן

ער האָט ליב אַריינצוזאָגן און רק ער חכמה׳ט זיך, אָבער „ניט חלילה פאַר שלעכטקייט, נאָר פּשוט אַזוי, ער האָט אַנדערש ניט געקענט". שלמה פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל הארטע תקיפות אין זיך און צו דער זעלבער צייט איז ער אַ געטרייער שכן און סתּם אַ נוח לבריות. ער איז בעל־גופיש און פאַרגלייבט אין דער פּראַקטישקייט פון פּרנסה און פלאַטערט דערביי ווי אַ ליאַדער „בטלן" מיט ליבשאַפט און פאַר־ערונג צו די אומפּראַקטישע ווערטן פון גייסט און צו זייערע טרע־גערס.

די פסיכישע עלעמענטן פון „בעל־גופישקייט" און „בטלנות" האָט אַלטמאַן דערנאָך אויסגעשיידט באַזונדער אין זיינע „ווינער קאַרעטע"־דערציילונגען און זיי בולטער און אויספירלעכער אַנטוויקלט אין צוויי נייע געשטאַלטן. דער רייכער און קאַרגער פאַסעסאָר מעכעל פון איין זייט און מענדל שרייבער, דער וואָס פאַרכלינעט זיך ביים לייענען דינעזאָנס „אבן נגף" און „ציט אָן די ליטיינישע שרשים אויף שלמה׳ס וואָלעכישע צונעמען" פון דער אַנדערער זייט — זיי פלאַנקירן דאָס, אַזוי צו זאָגן, פון רעכטס און פון לינקס די צענ־טראַלע פיגור פון שלמה דעם לאַנגן, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס אויך די סך־הכלדיקע געשטאַלט פון אַלטמאַנס בעסאַראַבער שטייגער־מעשיות.

און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט אַלטמאַנס קאַפּיטל: סתּם־מעשה. טאַקע נאָך אין די „ווינער קאַרעטע"־נאָוועלעס איז געקומען דער איבערברוך. ס׳האָט זיך אַריינגעמישט דער ליריקער, אָדער ריכטיקער געזאָגט, די ·מצודה פון גורל אין דערציילערס לעבן איז געוואָרן אַזוי ענג און פאַרקלעמענדיק, אַז ס׳האָט גובר געווען דער ליריקער און ער האָט אָפּגעשטעלט די געטלעכע שפּיל פון געשטאַל־טיקונג. און דער ליריקער האָט זיך געשטאַרקט מיטן צוגאָב פון אַ פּאַראַדאָקס... אַלטמאַן האָט אויך אויפגעהערט צו שרייבן לידער.

2

פאַרוואָס אַלטמאַן האָט אָפּגעשטעלט דעם געזאַנג פון לידער? אפשר האָט ער געפילט, אַז מיט דער מעטריש־געצוימטער שורה איז ער בכוח דעם גורל בלויז צו באַוויינען, אָבער ניט צו פאַרשטיין?

דער דערציילער משה אַלטמאַן

און עס קען זיין, אַז ער האָט באַוואוסטזיניק געוואָלט אַרויס פון דער צוויגעשטאַלטיקייט אין זיך און פאַרבינדן די דערציילערישקייט, וואָס האָט אַזוי טיף געוואָרצלט אין זיין געמיט, און די עילוישע קראַפט פון אַנאַליז, וואָס האָט זיך אַזוי שאַרף געשפּיצט אין זיין אינטעלעקט, מיט דער השתפּכות־הנפש, וואָס האָט ביי אים ממעמקים געשטראָמט צו ווידוי, צו תּפילה און צו לעסטער? וואָס עס זאָל ניט זיין די סיבה פון דעם דאָזיקן נשמה־פּראָצעס — אַ פאַקט איז, אַז אַלטמאַן האָט זיך שעפעריש אָפּגעשיידט פון זיינע לידער און אויך פון זיין העלד שלמה דעם לאַנגן און פון די פאַרשוינען אַרום אים און איז אַוועק צו זיך אַליין ווי צו דער עיקר־געשטאַלט פון זיינע ראָמאַנען „מדרש פּנחס" און „שמעטערלינגען,* און דער ווענדע־פּונקט זיינען די דערציילונגען „רוזשאַנקע" און די „הייליקע באַסטאַסיע" פונם באַנד „די ווינער קאַרעטע".

„רוזשאַנקע" — דאָס איז שוין ניט אַ געשיכטע דערציילט צוליב דער פרייד פון געשטאַלטונג, נאָר אַ ליד־לויבגעזאַנג צום —

„טויט! האָפענונג און טרייסט מיינע... איך גלייב אין דיר, איך בין זיכער אין דיר".

„טויזנט מאָל געבענטשט זיי, ווייל דו וועסט צוריקברענגען דעם מערדער צו זיין קרבן".

און מיט די פערזן אין פּראָזע פון „רוזשאַנקע" שיקט דער דיכ־טער אויך אַ טרייסט־וואָרט איבערן טויט אַריבער צו —

„מיין ברודער דעם קדוש, דעם אומשולדיקן קרבן פון מענטש־לעכער רשעות".

די אייגנטלעכע מעשה מיט „רוזשאַנקע", דער קאַלב־טאַכטער, וואָס האָט אויפן יאַריד דערקענט יאָסל מסור, דעם רוצח פון איר מו־טער־קו, האָט אין אים אַריינגעשטויסן אירע הערנער און אים באַצאָלט מיט טויט פאַר טויט — זי איז בלויז אַ משל מיט אַ מאָראַל פון „מאַי דאָך אַ שטומע באַשעפעניש, אַ פּשיטא שוין דער מענטש". עס איז אַ מוסר־השכל, וועלכן אַלטמאַן שרייט אין זיך אַריין אויף צו

* „מדרש פּנחס", פאַרלאַג שלום־עליכם, בוקאַרעשט 1936; „שמעטערלינגען", פאַרלאַג „סלאַוואַ", בוקאַרעשט 1939.

דער דערציילער משה אַלטמאַן

מונטערן און צו שטאַרקן זיין אייגענעם גואל־הדם־אויפבּרויז, ווייל —
„ביז דאָס בלוט וועט ניט האָבן קיין נקמה, וועלן די קלוגע ניט אויסטראַכטן אַ מיטל קעגן טויט״.

די נקמה־מעטאַפיזיק, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער נאָר וואָס דערמאָנטער ליד־דערציילונג, איז ביז גאָר מערקווירדיק. דער טויט איז פאַר דעם דיכטער פון „רוזשאַנקע״ ניט דער פינאַל, וואָס באַרואיקט ענדלעך דאָס פאַרגאָסענע בלוט, נייערט דער פּרעליוד צו עפּעס, וואָס הייבט זיך ערשט אָן, וויבאַלד דער קרבן און דער מער־דער האָבן זיך ווידער צונויפגעטראָפן אין דערזעלבער וועלט. דער גואל־הדם איז, אַזוי צו זאָגן, בלויז דער, וואָס שיקט אַרויף דעם מער־דער אויף דער מיסטישער בינע פון יענער זייט פון אונזער לעבן און גיט דעם סיגנאַל צום אָנהייב פונם נקמה־ספּעקטאַקל.

אָבער איך לאָז די היפּשלעך אָריגינעלע נקמה־קאָנצעפּציע אין אַ זייט, ווייל מיך אינטערעסירט „רוזשאַנקע״ קודם־כל ווי אַ מיילנ־שטיין אויף אַלטמאַנס דערציילערישן וועג צו די ראָמאַנען פון זיין אַלטער־עגאָ, מאָטל אומרו. „רוזשאַנקע״ איז אַלטמאַנס ערשטער פּרואוו (לכל־הפּחות לויטן סדר פון זיינע פאַרעפנטלעכטע ביכער) צו פאַרוואַנדלען זיין לירישע לאַמענטאַציע אין בעלעטריסטישן שטאָף, אָבער אַ ניט־געלונגענער פּרואוו, ווייל אַרויסגעקומען איז ניט קיין דערציילונג, נאָר אַן אויפּטרייסלענדיק ליד אויפן נוסח פון זיינע פריערע השתפּכות־הנפשן. ניט נאָר די פּערז־מעסיק אויסגעשטעלטע שורות מיט ליוב צום טויט, נאָר אַפילו דער ספּור־המעשה גופא אָטעמט די גאַנצע צייט לירישע לופט, וואָרום ער איז אין תוך אַ צערטל־געזאַנג צו רוזשאַנקע, דער „שטילער טויב״, וואָס איז גע־וואָרן אַ נקמה־נעמערין.

ערשט אין דער געשיכטע פון דער „היילי‏קער נאַסטאַסיע״, וואָס „איז אויסן ניט מער ווי צו דערמאָנען צום גוטן אַן אָרעם שיקסעלע און ווייזן, ווי אַזוי זי האָט זוכה געווען מיט אַן איינאיינציקן זאָג דער־הויבן צו ווערן״ — ערשט אין איר זיינען פאַראַן אין אַ גרויסער מאָס די עלעמענטן פון אַלטמאַנס נייעם בעלעטריסטישן זשאַנר, וואָס איז, דערווייל, אויף וויפיל איך ווייס, אַ בן־יחיד אין אונזער פּראָזע, איך מיין דעם ראָמאַן, אין וועלכן דער מחבר דערציילט אונז די

דער דערציילער משה אַלטמאַן

מעשה שהיה און פּרעזענטירט אונז זיינע געשטאַלטן און צו דער זעלבער צייט באַקענט ער אונז אויך מיט זיינע אינטימע טראַכטענישן בעתן שרייבן דאָס ווערק. דער ראָמאַן ווי אַלטמאַן דערלאַנגט אים אונז — איז די דערציילונג פּלוס דער טאָגבוך וועגן דער דערציי־לונג. פון איין זייט איז ער לירישער אויסגעשריי, טיפער קרעכץ פון „בין המצרים", ווי אַמאָל אין זיינע ניט געזאַמלטע לידער, און פון דער אַנדערער זייט איז ער אַ פּרוואוו פון זעלבסטאַנאַליז, פון נאָכגיין די פּאַסירונגען און זען, אויף וויפיל עס האָט טאַקע אַנדערש ניט געקענט זיין און אויף וויפיל מען איז אַליין שולדיק אין דער שלימזלדיקער מערכה פון אייגענעם לעבן. און אַלטמאַן האָט אין „מדרש פנחס" און אין „שמעטערלינגען" אויך געמאַכט דעם פּאַר־זוך צו געבן ניט נאָר די פּאַרטיקע געשטאַלטן, נאָר זיי אויך פון זיין אייגענעם „דריטן צד"־שטאַנדפּונקט קריטיש צו באַלייכטן, צו וויזן, ווי אַזוי ער, דער מחבר, איז דערגאַנגען צו האָבן די אָדער יענע מיינונג וועגן דער אויסנעמלעכער מאַריאַנע, וועגן דער שטילער ריטאַ, וועגן דעם אַ ביסל עובר־בטל־דיקן בענעדיקט קראָכמאַל, צו גאָר וועגן אומהיימלעכן ציגיינער קסענאָפאָן.

און טאַקע צוליב דעם, אַז דער טאָגבוך פון דערציילן זאָל קענען גיין פּאַראַלעל מיטן ספּור־המעשה, און אויך דערפאַר וואָס דאָס דערציילן איז פאַר אַלטמאַנען געוואָרן דערעיקרשט „כמעט אַ ווידוי און זיין גרעסטע מורא, ער זאָל חלילה ניט פעלשן" („שמעטערלינגען", ז' 114) און ווייל ער וויל זיין אמת'דיק און ניט פּאַרדעקן זיינע זינד — האָט ער, דער נוגע־בדבר, זיך געמוזט שטעלן מחוץ פונם ווערק, כדי... כדי ער זאָל אַלעמאָל קענען זיין אין סאַמע מיט פונם ווערק. און הגם עס איז פאַרן לייענער, פאַרשטייט זיך, ניט קיין סוד, אַז משה אַלטמאַן און מאָטל אומרו — זיינען איינס, און דער פאַקט איז אַזוי אויבנאויפיק, גלייך ער זאָל שטיין פאַרצייכנט אויפן שער־בלעטל, גילט דאָ און עס העלפט אַרויס דער אילוזיע־כלל פון קונסט, וואָס קומט צום בעסטן צום אויסדרוק אין טעאַטער. אַלע קענען דעם שוישפּילער און וויסן דערפאַר, ווי אַזוי האָמלעט הייסט אויף זיין בירגערלעכן הינטער־קוליסן־נאָמען, אָבער קיינער צווייפלט ניט פונ־דעסטוועגן אין דער בינע־אידענטיטעט פונם דענישן קרוינפּרינץ.

און דאָס וואָס אַנדערע ספקן ניט און דער אַקטיאָר פילט זיך דערביי העכסט־זעליש געשיצט קעגן חילול־ווידוי — דאָס גיט אים דעם כוח ניט צו פעלשן אין זיך און פאַרלייכטערט אים אַרויסצוברענגען דעם סאַמע פיינלעכסטן אמת.

אין דער קליינער נאָוועלע „די הייליקע נאָסטאַסיע״, וואָס קער זיך, ווי געזאָגט, וואָס שייך פאָרם אַמנאָענטסטן אָן מיט אַלטמאַנס ראָמאַנען, וואָרום אין איר שפּאַצירט שוין אָרום דער מחבר אין פּערסאָנאַ, גיט איבער צווישן צוויי פּאַראַגראַפן „שיקסל״־ביאָגראַפיע, זיינע אייגענע מיינונגען וועגן גורל און וועגן פּאַראַלעליזם פון גורלות, דערציילט אונז אַגב, וואָס ער איז בכלל אויסן מיט דער היסטאָריע, און אונטערשטרייכט אַפילו צום סוף זיין „אויסנזיין״ מיט אַן איראָניש־פּאַטעטישן מוסר־השכל (מיט אַ מאָראַלישער סענטענץ, אָבער פון אַ שטייגעריש־פרומען מין ווערט צום ערשטן מאָל פאַרענדיקט די דערציילונג וועגן בתיה לוי׳ס און איר מאָדנעם געראַנגל מיטן מלאך־המות) — דאָ אין דער געשיכטע וועגן נאָסטאַסיען נייטיקט זיך נאָך אַלטמאַן ניט אין מאָטל אומרו׳ס מאַסקע. ער דאַרף זי ניט, ווייל אין דער דערמאָנטער נאָוועלע קלינגט אַריין פון זיין ליריק ניט דער האַרצרייסנדיקער ווידוי־געוויין, נאָר יענער וואוילויונגערישער פייף פון לעסטער, וואָס אי ער פאַרטראָגט זיך בטבע מער מיט דער־ציילערישער אָביעקטיווקייט און אי מען שעמט זיך עפּעס ווייניקער אים צו לאָזן הערן בפרהסיא. (עס קען זיין, אַז דערפאַר וואָס לעס־טערונג רירט קיינמאָל ניט אָן די סאַמע טיפענישן אינם שעפערישן מענטש).

3

קען זיין, אַז עס איז ניטאָ קיין סך האַפּט אין אַלטמאַנס פּסיכאָ־לאָגישער סברה, אַז „ווען איינער פון די פריינט איז לויט זיין נאַטור — לאָמיר עס אַזוי באַצייכענען — „מאָנאָגאַם״ און דער צווייטער „פּאָליגאַם״, מוזן אַרויסקומען מיספאַרשטענדענישן, פון וועלכע דער קרבן איז שטענדיק דער „מאָנאָגאַם״. און נאָך ווייניקער אָביעקטיווע וואָרהייט איז מן־הסתם פאַראַן אין זיין צוגאָב־פּסוק, אַז „דער „מאָנאָ־

גאָם" קען ליידן פאַר זיינע איבערצייגונגען, פאַר זיין פריינטשאַפט, ער איז אַלטרואיסטיש, ער וויל כמעט גאָרניט פאַר זיך און אַלצדינג פאַר זיין פריינט, בשעת דער „פאַליגאַם" איז עגאָצענטריש, מאַניאַקיש, אַמביציעז און רעספּעקטירט ניט זיין פריינטס שוואַכקייט און אַפילו ניט זיין אומגליק". קלאָר איז אָבער, אַז דער ענין פריינטשאַפט איז פון צווישן אַלטמאַנס „ניט פאַרהיילטע יסורים", וואָס דערלאָזן ניט „אַז די געשיכטע זאָל דערציילט ווערן פשוט, גאָר פשוט". דער גרונט מאָטיוו פון דער געשיכטע, אין וועלכער דער הויפּט־העלד איז אַ יידי־שער אינטעליגענט מיטן נאָמען יוסף, וואָס איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן פון רוסלאַנד אין ערגעץ אַ רומע־נישער פּראָווינץ־שטאָט; האָט דאָרט געלעבט אין דחקות און איבער־געלעבט מיט טיפער וואונדיקייט זיינע אייגענע און דער וועלטס ליידן, איז דאָרט געשטאָרבן אין פילאָזאָפישער רואיקייט, און אויף זיין טיש האָט מען אחוצן חסידישן ספרל „מדרש פנחס" געפונען בלויז אַן אַלטע דייטשע ביבל, אין וועלכער עס איז געווען אונטערגעשטראָכן יענער פּסוק אין דער „באַרג־דרשה", וואָס הייסט זיך היטן פאַר פאַלשע נביאים, „וואָרום זיי קומען צו אייך אין דער פעל פון אַ שאָף, אָבער אינעווייניק זיינען זיי פאַרצוקנדיקע וועלף" — די צענטראַל־אַקס פונם גאַנצן ראָמאַן „מדרש פנחס" איז די פּראָבלעם פון פריינטשאַפט. און פריינטשאַפט איז ניט נאָר די פראַגע, וואָס צערודערט אַלטמאַנען־יוספן און וואָרפט מיט אים פיבערדיק צווישן צווייפל און גלויבן, נאָר זי איז אויך די זעלישע אַטמאָספער, פון וועלכער עס שטייגן אויף די פאַרשוינען אַרום אים און וואָס לויט איר ווערט באַשטימט זיין באַצי־אונג צו זיי. און אַפילו די גויה מאַריאַנע, די גערעכנסטע געשטאַלט אין ראָמאַן, זי, די זעלטענע, „וואָס צוליב איר זעלטנקייט קען זיך יעדע פרוי כאָטש אַמאָל שאַפן די אילוזיע, אַז זי איז... אַ מאַריאַנע" — אויך זי ווערט דערהויבן ניט דורך איר געניאַלן קערפּער, וואָס מאָטל זינגט אַ געזאַנג צו אים אין זיינע בלעטלעך פון אומרו, נאָר דורכן רעטעניש פון איר טרוים צו „זיין דווקא דעם מאָגערן יידנס ווייב, ווען זי זאָל אַפילו מיטן לעבן באַצאָלן".

פון מאַריאַנען לייכט ענדלעך אַריין צו דעם מאָגערן ייד אין דער נשמה די פילגעאַרטע מסירת־נפשדיקע פריינטשאַפט — און ערשט

לייכט זי אַרויס... פון זינד. האָט טאַקע דערפאַר אַפילו מאַריאַנע ניט געקענט שטילן דעם צווייפל אין יוספן און איז ניט געווען בכוח אויסצולייזן די טיפע צער׳דיקע בענקשאַפט נאָך פריינטשאַפט אין אים. איז, נאָך אַלע פלאַמענדיקע אָדעס צו מאַריאַנען, דער פרוי, לאָזט אַלטמאַן דעם העלד פון „מדרש פנחס״ פאַרענדיקן דעם ראָמאַן מיט שיער ניט אַ סטרינדבערגישער מימרא פון פרויען־האַס: „ביי דער שטעל (אין דער ביבל), וואו עס רעדט זיך פון יודאַ׳ס פאַרראַט (האָט יוסף) מיט זיין האַנט צוגעשריבן אויף יידיש: פאַרקויפט האָט אים מרים פון מגדלה״.

און דער מחבר באַמערקט דערצו אויף זיין שטייגער, אַרויסשטעקנ־דיק דעם קאָפּ פון הינטער דער מאָטל־אומרו־מאַסקע: „פון וואַנען ער האָט געשעפּט די סברה ווייסן מיר ניט״. און מיר דאַכט, אַז עס איז ניט אַזוי שווער צו דערגיין. די השערה שטאַמט פון דער סתירה־דיקייט אין יוספ׳ס כאַראַקטער, אין וועלכן ס׳מישט זיך עפּעס אַ יענ־וועלטישע אויסגעטוענקייט פון ליידנשאַפטן על פּי שיטת אור־קריסטנ־טום מיט עלעמענטן פון שטורעמדיקן מאָראַלישן אייפער על פּי נוסח פון פּרושים׳דיקער יידישקייט.

און די סתירהדיקייט ווידער נעמט זיך דערפון, וואָס יוסף איז ווייניקער אַ געשטאַלט מיט אַ לעבעדיקן אָטעם, וואָס דער קינסטלער האָט זי באַשאַפן און לאָזט זי לעבן אויף אייגענער אַחריות — און מער אַ דעליר־פאַנטאָם פון מאָטלס ברויזנדיקן אומרו, אַן אילוס־טראַציע, וואָס אילוסטרירט באַלד דאָס און באַלד אַן אַנדער פינטעלע פון אַלטמאַן־מאָטלס ניט פאַרגלעטע פריינטשאַפט־יסורים. יוספ׳ס רעאַלקייט האַלט זיך ניט אַזוי אויף די עפּיזאָדן פון רעאַליסטישן ספּור־המעשה, ווי אויף די קאַפּיטלעך, אין וועלכע עס ווערן געבראַכט מאָטלס פיבערדיק־לירישע רעמיניסצענצן וועגן זיין פלייש־און־בלוט־דאָאיקייט. צוליב דעם ווידערשפּרוך אין מאָטלס שטימונגען ווערט אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס יוסף שטאַרבט אַזוי קריסטלעך און עס בלייבט נאָך אים איבער אַ טעסטאַמענט, וואָס איז אַזוי יידישלעך.

און נאָך אויף איין פּונקט פון אַלטמאַנס פריינטשאַפט־פּראָבלע־מאַטיק זאָל דאָ אָנגעוויזן ווערן. נאָך אין דער נאָוועלע „פריינטשאַפט״, וואָס אין באַנד „די ווינער קאַרעטע״, וואו אַלטמאַן האָט צום ערשטן מאָל

דער דערציילער משה אַלטמאַן

מיט עפּעס אַ פאַרשטעלעניש צו זיך אַליין געגומען לופטערן דעם שפּעטערן גרונט־מאָטיוו פון זיינע ראָמאַנען אין אַ שמועס לויטן שטייגער פון אַן עלעגאַנטער און גאַלאַנטער פראַנצויזישער „קאַזעריי" — שוין דעמאָלט האָט ער די פריינטשאַפט־נבואה געהאַלטן אין אַוועקנעמען ביי דער אינטעליגענץ און ביי... די יידן און זי אַוועקגעבן צו די „שוואַכערע אין גייסט" און צו די גויים. אין יענער נאָוועלע איז דאָס געווען דער פויער יאָסיף, וואָס האָט אים אין חלום געראַטעוועט פון קלעם; אין „מדרש פנחס" טיילט ער צו פונקען פון פריינטשאַפט־ליכט צו ריטאָ'ן, „וואָס איז גאָרניט געווען אַזוי נאַריש, ווי אונז האָט זיך געדאַכט", און אַ שטיק פלאַם צו דער גויה מאַריאַנע. דערנאָך אין „שמעטערלינגען", אין דעם אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן, וואָס אָטעמט מיט אַ גרויסער און טיפער ליידנשאַפט צו ערד, צו עבודת־אַדמה, אויך דאָרטן זיינען די פאַרשוינען, ביי וועלכע ער קען זיך אַ ווייל, נאָך צער'פולע חשבונות מיט אַמאָליקע און איצטיקע געשטאַלטן, אָפּרוען מיט אַ ביסל איינרעדעניש, — ניט זיינס גלייכן, נאָר דער ציגיינער קסענאָפאָן, „וואָס די בייזע שעה זאָל ניט זיין, וואָלט געקענט אויסקומען, ער זאָל שטיין אַקסל ביי אַקסל לעבן מאָטלען", און דער פויער איוואַן גאָרעאַ פונם דאָרף קאָסטיקעאו, וואָס האָט געצאָלט אַ חרטה־חוב צו מאָטלס טויטן זיידן שמואל.

עס איז גלייך מאָטל אומרו וואָלט געווען אַ לאַנג פאַרצויגענער חולה, וואָס האָט פאַרלוירן די אמונה אין דער גאַנצער חכמת־הרפואה מיט אירע געלערנטע דאָקטוירים, מיט אירע רעצעפּטן און מעדיצינען, און הגם אַליין פון סאַמע אינטעליגענטישן קלאַס, קלאַמערט ער זיך (אָבערגלויבעריש?) אין דער קונסט פון זנאַכערס און פון זייערע קרייטעכצער און אָפּשפּרעכענישן, ווי אין אַ לעצטער האָפענונג.

די דאָזיקע אינטואיטיווע סאָציאַלע סימפּאַטיע לויפט דורך אַלע אַלטמאַנס פיר פראָזע־ביכער, און ווייל זי קומט ניט פון דרויסן, נאָר זי איז אַ רעזולטאַט פון אייגענער שמאַרצפולער זעלישער דערפאַרונג, דערפאַר ווירקט זי אַזוי שטאַרק, און צערודערט ניט נאָר מאָטלען אַליין, נאָר אויך און ביז גאָר די לייענער פון זיינע אומרואיקע בלעטלעך.

דער דערציילער משה אַלטמאַן

4

דאָס אייגנאַרטיקע אין אַלטמאַנס סטיל — אַן אייגנאַרטיקייט, וואָס האָלט אָן פון זיינע ערשטע דערציילונגען, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק אין בעסאַראַבער שטעטל און ביז צו די טראַכטענישן פון מאָטל אומרו אין דער רומענישער קרוינשטאָט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה — איז די געלונגענע קאָמבינאַציע פון שטייגערישער פרומקייט מיט סקעפּטישער אינטע־ליגענטישקייט. עס זיינען אין אַלטמאַנס סטיל עפּעס ווי שטענדיק דאָאיק און וואַך צוויי פון זיינע אַמאָליקע געשטאַלטן: אי דער האָרע־פּאַשניק שלמה דער לאַנגער מיט דער הנאה פון רייד־דירעקטקייט און אי מענדל שרייבער מיט דער טענדענץ צו חקירה און צו ליטעראַריש־קייט. שלמה דער לאַנגער וואָלט אויף זיין לשון אָנגערופן זיין באַ־שאַפערס שפּראַך־עבודה: „אַנציען ליטיינישע שרשים אויף פּראָס־טע וואָלעכישע צונעמען". און דאָס „אַנציען" איז וויניקער שייך צו די ווערטער אַליין (די לעקסיק האָט זיך אין משך פון דער צייט ביי אַלטמאַנען דווקא געביטן און איז אין אַ היפּשער מאָס קאַליע גע־וואָרן. אַ סך היימישע און פאַרביקע ווערטער האָבן זיך צוריקגעצויגן און זייער פּלאַץ האָבן ביי אים פאַרנומען שטאָק־פרעמדע ראָמאַניזמען אָן שום פּערספּעקטיוו אויף אייבירגערונג), נאָר מער צו דער שטי־מונג, צום געמיט פון דער סטיל־גאַנצקייט. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז דער נאַאיווער „אַלטמאַדישער" שטייגער פון שמועס און די סאָלידע היימישקייט פון שפּראַכווענדונגען און מעטאַפערן, וואָס ווערן אַלעמאָל ווי דורכגעשטאָכן פון אַן עוקץ פּקחות און איראָניע אין די דערציילונגען און פון ראַפינירטע אָנצוהערענישן און אינטעלעקטואַליסטישע ראַנד־גלאָסן אין די ראָמאַנען — ברענגען אַריין אין אַלטמאַנס שפּראַך עפּעס אַ ספּעציפישן פּאָעטישן ריטם, וואָס דערגענטערט אים וואָס שייך רעזולטאַט, אָבער ניט סיבות, צו זיין בעסאַראַבער לאַנדסמאַן א. ראַבאָי, מיט וועמען עס פאַרבינדט אים אויך זיין אויסגעמלעכע און טיפע ליבשאַפט צו ערד און צו ערד־אַרבעט.

די זעלביקע סטיל־עלעמענטן שאַפן אויך אַרום אַלטמאַנס אופן דערציילן אַן אַטמאָספערע פון ווייכער און מילדער קריטישקייט, וואָס

דער דערציילער משה אַלטמאַן

דערלאָזט ניט קיין שום קוליסן־רייסערישע טענער פון פּאַטעטיק, אויך ניט אין די אויסגעשפּראָכענע ווידוי־פּלעצער פון זיינע ראָמאַ־נען. אַפילו דעם סאַמע לירישסטן קרעכץ אין מאָטלס אומרו־בלעטלעך ווערט אין אַזאַ שפּראַך־סביבה אומבאַקוועם די אַקראָבאַטיק פון געפיל־שלשלתן. ער ווישט זיך, דער זיפץ, וואָס גיכער אָפּ מיט התנצלות די טרער, און וואָס ער האָט ניט דערוויינט, דערטרויערט ער.

און אפשר שטאַמט פון אָט דעם אינטעליגענטיש־קריטישן הויך, וואָס שפּרייט זיך איבער אַלטמאַנס היימישע און שטייגערישע ווערטער, אויך די באַזונדערע צייטיקייט פון זיין שפּראַך. עס איז אַ רייפקייט וואָס גיט דערעיקרשט זיינע עסעאיסטישע רייד אינמיטן פון זיין בעלעטריסטיק עפּעס אַ פּיקאַנטן טעם פון העכסט־אינטימער און דערביי שטענדיק עפנטלעכקייט־פּעאיקער דערפאַרונג.

(1943)

המשך און במקום

ווי אַ רויטער פאָדעם גייט דורך דורך דער יידישער געשיכטע דער געראַנגל צווישן צוויי קאָנצעפּציעס פון נאַציאָנאַלן קיום. „לאַנד" און „פאָלק" הייסן די קאָנצעפּציעס, און פאַרקערפּערט ווערן זיי דורך די צוויי יוחנן׳ס פון דער אַנטי־רוימישער רעוואָלוציע: יוחנן מגוש חלב און יוחנן בן זכאי. מיט אַ צוגעשפּיצטער איינדייטיקייט האָבן די לאַנד־ און פאָלקס־פּרינציפּן געהערשט איבער איינצלנע שטחים פון דער יידישער געשיכטע. האָבן פּאָגראָמען, גירושים און די שווערע לאַסט פון רעליגיעזער דאָגמע אַריינגעפּירט דעם פאָלקס־פּרינציפּ אין אַ קלעם, איז באַלד ווי אַ הימלישע אינספּיראַציע געקומען דער פּרווו צו דינאַמיזירן דעם נאַציאָנאַלן קיום אויף דער ליניע פון לאַנד־פּרינציפּ. אַזוי זיינען צו פאַרשטיין די משיח־באַוועגונגען פון שלמה מולכו, שבתי צבי און יעקב פראַנק. די אַסימילאַציע־סכנה פונעם ליבעראַלן ניינצנטן יאָרהונדערט האָט מאָביליזירט ווי אַן אָפּוערביידע יוחנן׳ס מיט אַמאָל. זי האָט אַרויסגערופן צום לעבן אין איין און דעם זעלביקן יאָר דעם ציוניזם (לאַנד־פּרינציפּ) און דעם „בונד" (פאָלקס־פּרינציפּ). ביידע גאולה־פּאַרטייען, אי דער „בונד" און אי דער ציוניזם האָבן געזינדיקט מיט סימפּליסטישע אויסלייז־פאָרמולעס. דער ציוניזם האָט געיובלט מיט דער ראַסאָווער קו, וואָס האָט זיך געקאָלבט אין אַ קאָלאָניע, און דער „בונד" האָט האָפּערדיק געזונגען וועגן זיין גאולה־רעצעפּט: „שבת־אַרבעט, זונטיק־רו".

מיר פּאַלט באמת ניט איין זיך צו חכמהנען אויפן חשבון פונעם אַרבעט־מאַרטיריום פון די „בילו" אָדער זיך צו פאַרגינען אַ שפּאַס אויפן חשבון פון דער אידעאישער זוכעניש פון אונזערע סאָציאַליזם־פּיאָנערן. איך וויל דערמיט נאָר אונטערשטרייכן די גאָט די נשמה שולדיקע איינזייטיקייט פון אָריענטאַציע אויף לאַנד־ אָדער פאָלקס־פּרינציפּ. אַגב, פון די אייגענע לאַנד־ און פאָלקס־רייען איז אַרויסגע־וואַקסן די שרעק איבער דער איינזייטיקייט פון זייערע פּרינציפּן. דער

המשך און במקום

ציוניסט אַחד־העם האָט אַקעגנגעשלײדערט דעם לאַנד־פּרינציפּ די פלאַמיקע פּאַמפלעטאַרישע שורות פון „ארץ כי תחרב״ און „אבל עם כי יחרב״. און דער סאָציאַליסט בער באָראָכאָוו האָט אונטערגענומען אָפּצושלײפן די שפּיצן פון דער סאָציאַליסטישער פאָלקס־אײנזײטיקײט מיט דער חריפותדיקער טעאָרעמע פון אַ טעריטאָריאַלן „סטראַטעגישן באַזיס״.

אַ פּרוּוו פון סינטעז צווישן בײדע אויסלײז־פּרינציפּן איז בלי שום ספק געווען דער חסידיזם. וואָס דער חסידיזם האָט אויפגעטאָן אויפן געביט פון לאַנד־פּרינציפּ גײט ניט אַרײן אין גדר פון מײן איצטיקן אַרטיקל. אָבער אויף דער ליניע פון פאָלקס־פּרינציפּ האָט, דוכט מיר, קײן שום אַנדערע פאָלקס־באַוועגונג ניט דערגרײכט מער ווי ער. דער ראַביניזם האָט געשאַפן אַ שאַרפע מחיצה צווישן ײדישן קאָלעקטיוו און זײן שכנישן אַרום. צוליבן קיום פון דער אומה האָט דער ראַבי־ניזם געמוזט אָנקומען — ער האָט פאַר זיך ניט געזען קײן אַנדערן וועג — צו גײסטיקן נאַפּטאַלין. אַרײנגעשטעלט אין אַ פינצטערער שאַפע פון סיג לסיג וועט זיך אינעם גוף־האומה ניט אַרײנכאַפּן דער מאָיל. דער שלאַגווינט פון פרעמדע קולטורן איז געפערלעך פאַרן פאָלקס־קיום, ווי די זומערדיקע זון פאַר טײערן פוטער. דער „מה נאה אילן זה״ פונעם אַרומיקן פײזאַזש קען דערפירן צו פּריצת־הגדר. דורכן אויפ־געבראָכענעם פלויט קען אַרײנשטראָמען די אַסימילאַציע.

דער חסידיזם האָט געוואָגט זיך אָנצוקערן מיטן אַרום פון פאָלק און נאַטור. ער האָט געוואָגט און איז דערבײ ניט ניזוק געוואָרן. ער איז אַרײן און אַרויס בשלום פונעם פּרדס. אין דער חסידישער לע־גענדע שפּרײט זיך די ווײטקײט פונעם אוקראַאינישן סטעפּ. עס רוישן אין איר די גיכע וואַסערלעך פון די בערג אויף דער גאַליציש־בוקאָווי־נער גרענעץ. דאָס חסידישע ליד האָט זיך אַרײנגעפלאַנטערט אין דער אוקראַאינישער שפּראַך. באַהעפט בײדע שפּראַכן צו אײן געזאַנג. די חסידישע לעגענדע האָט אַפילו ניט מורא געהאַט פאַרן פּרימיטיוון קריסטלעכן מיטאָס פונעם אוקראַאינישן פּויער. זי האָט אים פאַר־ײדישט און אים אויפגענומען אין זיך. דער חסידיזם האָט אַקעגנ־געשטעלט דער אידעע, דער דרויסנדיקער גאָט־אידעע פונעם ראַבי־ניזם (אין דעם פּרט זײנען לוי יצחק פון בערדיטשעוו און דער שפּאָלער

זיידע דער טיפסטער אויסדרוק פון חסידיזם), אַ לעבנס־דאָרשטיקן, בכן אַ גערעכטן קאָלעקטיוו.

„וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל?״ — שטעלט זיך איין דער בערדיטשעווער פאַרן יידישן לעבן אַקעגן דער דרויסנדיקער אידעע, וואָס לויערט אויף אָט דעם לעבן מיט דער האַק פון קריטיק און שטראָף.

וואָס זשע האָט מעגלעך געמאַכט, אַז די חסידישע פאָלקס־ליטעראַטור זאָל זיין דאָס, וואָס א. לעיעלעס־גלאַנץ פאַרלאַנגט פון דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור — אָרגאַנישע, כעמישע באַהעפטונג פון גרינט־לעכער טיף־נאַציאָנאַלער יידישקייט מיט „גויאישקייט״? דער ענטפער איז: דאָס איז נאָר מעגלעך געווען צוליב דער טיפער נאַציאָנאַלער יידישקייט פונעם חסידיזם. די יידישקייט פונעם חסידיזם איז ניט געווען עפּעס אַן אַבסטראַקטע דרויסנדיקע אידעע, וואָס דאַרף ערשט זוכן נייע לעבנס־פאָרמען אויף זיך צו קאָנקרעטיזירן. זי האָט נאָר אויפגעבראָכן די צוימען פונעם מעכאַניזירטן לעבנס־צערעמאָניאַל און אַזוי אַרום פריי געמאַכט דעם וועג פאַרן צופלוס פון קוואַליקן מים־חיים צו דער טריקעניש פונעם אַלטן לעבנס־שטייגער. דער חסידיזם האָט זיך ניט אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע פון רוגזה צו די אַלטע לעבנס־פאָרמען. ער האָט ניט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ יאָלד מיט אַ ברייטן אידעאישן קאַפּעליוש, וואָס גייט זוכן טעלערלעך פונעם הימל פאַר דעם ביסל נייעם תמצית זיינעם. דער חסידיזם האָט בלויז אידעאיש אויפגעפרישט דעם אַלטן, רעליגיעזן לעבנס־צערעמאָניאַל, אין אים אַריינגעטאָן קאָלעקטיוון חיות, אים דעמאָקראַטיזירט אין זינען פון צונויפגיסן די יחידישע פרייד מיט דער כללישער, און אַזוי אַרום דערהויבן דעם צערעמאָניאַל צו זעלישער פאָלקס־סאָלידאַריטעט. דאָס וואָס דער ראַביניזם האָט ניט געקענט דערגרייכן מיט די אָנגעצויגענע לייצעס פון גייסטיקער אָרגאַניזירטקייט, האָט דער חסידיזם באַוויזן מיט דער לויזערער דיסציפּלין פונעם יחידס און דעם כללס נשמהדיקייט. די „חב״ד״־שיטה, דאָס איז שוין געווען דער „טערמידאָר״ פון דער חסידישער רעוואָלוציע. מיט דעם לאַדיער רב האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריק־אַריינוואוקס אין דער ראַבינישער אָרטאָדאָקסיע, האָט זיך אָנגעהויבן פונדאָסניי די דיקטאַטור פון דער אינדיווידואַליסטישער לומדות.

המשך און במקום

נאָך די פאַר באַמערקונגען וועגן די דערגרייכונגען פון דער חסידישער רעוואָלוציע קומען מיר צו דער קריטיק פון דעם יידי־שיזם, פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור. דער יידישיזם, וואָס האָט געזאָלט ווערן דער יורש פונעם חסידיזם, איז באַלד אין זיינע ערשטע קינדער־יאָרן אַרויסגעטרעטן מיטן לינקן פוס. ער איז ניט געווען און האָט ניט געשטרעבט צו ווערן אַ סינטעז פון ביידע יידישע גאולה־פרינציפן, נייערט מיט אַן עקשנותדיקער איינזייטיקייט מחרים געווען דעם לאַנד־פרינציפ. ער האָט אַזוי אַרום זיך געשטעלט מחוץ פון אַ גרויסער דערלייזונגס־האָפענונג, וואָס איז אין די לעצטע פערציק יאָר געשפייזט געוואָרן פון מלחמה, פּאָגראָמען און יידישער רעכטלאָזיקייט. אָבער לאָמיר דאָס איבערלאָזן פאַר אַן אַנדערש מאָל און דערווייל גע־פינען אַ זכות פאַר דעם דאָזיקן חטא אין די ביאָלאָגישע געזעצן פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אין איר באַגינען איז ווי אַ קינד. זי איז געפאַנגען אין די נעצן פון היינט און אין שפּיל פון צוקונפט. עבר באַווייזט זיך אין געמיט ערשט אויף די שטאַפּלען פון צייטיקייט.

דער יידישיזם האָט זיך באַוועגט אויסשליסלעך אויף דער ליניע פון פאָלקס־פרינציפ. ער איז געקומען מיט דער אידעע פון פאַר־וועלטלעכן דאָס יידישע לעבן. צום אונטערשייד פון דער השכלה און באַגלייך מיטן חסידיזם האָט ער באַיאָט דאָס עקזיסטירנדיקע יידישע פאָלק, דאָס פאָלק פון די שולן, פון די בתי־מדרשים, פון די קראָמען און ווערקשטיבער, דאָס פאָלק אַזוי ווי ס׳שטייט און גייט. דאָס יידיש־רעדנדיקע פאָלק איז נאָר עלול געווען דורכצומאַכן אַ נייעם גייסטיקן אויפלעב, אַ נייעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס מיט דער הילף פון דער נייער וועלטלעכקייט־אידעע. ווי אַמאָל די קריסטלעכע תורה, און ווי מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק ישראל בעל־שם, איז דער יידישיזם ניט געקומען מינערן, נאָר מערן. וואָלט טאַקע אין אָט די גוטע כוונות געווען געלעגן דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער כוח זיינער, ווען . . . ווען ס׳זאָל ניט געווען פּאַסירן, ווי ס׳פּאַסירט זייער אָפט, אַז —

פון וכך היה אומר ביז וכך היה עושה
שנייען, פּרעסט און רעגנס גרויסע (אליעזר שטיינבאַרג)

המשך און במקום

די טעאָריע איז געקומען מערן. די פּראַקטיק האָט גענומען מי־נערן. די שאַרפע נעגאַציע פונעם איינגעשטעלטן אידישן לעבנס־צערעמאָניאַל האָט ניט נאָר אָפּגעשטופט פונעם יידישיזם די גרויסע מאַסע, נאָר, און דאָס דער עיקר, האָט פון דער נייער וועלטלעכקייט־אידעע געמאַכט אַן אַבסטראַקציע אָן בלוט און פלייש. דער יידישיזם האָט ניט אויסגעאַרבעט קיין נייעם לעבנס־צערעמאָניאַל. וואָלט ער זיך דערצו גענומען פאַרמאָסטן און עס בשלום דורכגעפירט, וואָלט דער־פון אויך ניט אַרויסגעקומען עפּעס אַנדערש ווי קינדער־שפּיל. וואָרום אַ נייער צערעמאָניאַל, וואָס איז ניט אָנגעקניפּט אָן אַלטן, דורותדיקן לעבנס־שטייגער, קען ניט זיין עפּעס אַנדערש ווי נאָר דער האָקוס־פּאָקוס פון מאַסאָנישע לאָזשעס. די צערעמאָניע־פאָרמעס אין אַזאַ פאַל זיינען אַ קלייד אויפן לייב, אָבער ניט הויט אויפן פלייש. די פאַר־מען ווערן ניט געשפּייזט פון אַ לעבעדיקער בלוט־צירקולאַציע. די סימבאָלן וויאַנען אונטער זיי. די לעבעדיקע פאָרמען זינקען אַראָפּ צו מעכאַניזירטע זשעסטן.

„עס איז ניט אמת — פאַרשרייבט זיך א. לעיעלעס־גלאַנץ אינ־גאַנצן על־פּי פּרווידישן שולחן־ערוך, — אַז די יידיש־וועלטלעכע קול־טור איז אַ דורכפאַל, אָדער אַז זי האָט שוין ביז היינט געדאַרפט אויס־אַרבעטן אין אַלץ אַ פולן „במקום" פאַר דעם, וואָס די רעליגיע איז געוועזן". ווי אַזוי — פרעג איך — האָט זי ניט געקענט זיין קיין דורכ־פאַל, אַז זי האָט געוואָלט אויסאַרבעטן אַ „במקום"? דער יידישיזם האָט אַקעגנגעשטעלט זיין אידעע פון וועלטלעכקייט דעם אַלטן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. ער איז געוואָרן אַ צד קעגן אַלטן לעבנס־שטייגער, אַנשטאָט צו ווערן דער אויפגעקלערטער איידעם ביי אים. די גאווה־דיקע פּרעטענזיע זיינע צו ווערן „במקום" אַנשטאָט „המשך" האָט די יידיש־וועלטלעכקייט אָוועקגעהרגעט. אָוועקגעהרגעט אין זינען, וואָס זי איז געבליבן אַ פּעריפעריע־באַוועגונג, און אַנשטאָט צו שאַפן אַ האַרמאָנישן יידישן מענטש, האָט זי אַריינגעטראָגן אַ נייעם האַרץ־ריס אין דער יידישער יוגנט. אמת, דעם און יענעם יידישן אינטעליגענט, דעם און יענעם יידישן שרייבער איז געלונגען זיך אַליין מתקן צו זיין, צו געפינען דעם זעלישן גלייכגעוויכט צווישן טראַדיציע און וועלט־לעכקייט. אָבער די גרויסע מחנה פון די, וואָס ענטפערן אויפן נאָמען

המשך און במקום

„וועלטלעכע יידן" זיינען אָדער פּאַראַד־יידן, וואָס זיינען אין תוך אַריין אַסימילירט, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן אין דער אמתן צוריקגעפונען זייער רו אין שויס פון אַלטן אָרטאָדאָקסישן לעבנס־שטייגער, אָבער ס'טליעט נאָך אין זיי ערגעץ וואו דער „מורא שמים" פאַר דער אידעע פון וועלטלעכקייט. איך זאָג „מורא שמים", ווייל די באַציאונג צו אַן אַבסטראַקטער אידעע קען נאָר זיין רעספּעקטפולע מורא, אָבער ניט ליבשאַפט. מיט ליבשאַפט און פרייד באַציט זיך דער פאָלקסמענטש און אויך דער אינטעליגענט צום לעבנס־צערעמאָניאַל, וואָס פאַרקער־פּערט די אידעע. ביים אָפּרעכטן די „עבודה" פון פרייען זיך מיט דער אידעע, מוז זי, די אידעע, אַלע מאָל זיין זייער דיסקרעט, מוז זיך באַ־האַלטן ערגעץ וואו אונטער סימבאָלן און לאָזן די מענטשן געניסן די פרייד פון לעבן. וואָרעם אידעע איז פאַרן פאָלקסמענטש צום געניסן נאָר אין געשמאַק און מיט הנאה צונויפגעשטעלטע ריטואַלן. (די פרייד פון אַבסטראַקטער דערקענטעניש איז בלויז אַ יחידי־סגולהדיקע הנאה).

„איך פריי מיך וואָס מהר"ל איז ניטאָ
„און וואָס דבורה'ל איז אייביק דאָ." —

זאָגט יאָסעלע אין לייוויקס „גאולה־קאָמעדיע", און דריקט אויס דער־מיט פּאָעטיש־שפּאָרעוודיק די מענטשלעכע אומצופרידנקייט מיט דער אידעעס אומדיסקרעטקייט, מיט אירע צו בולטע כוונות צו פאַרשקלאַפן צו זיך דבורהלען, וואָס איז דער סימבאָל פון אייביקן מענטשלעכן לעבן.

קיין יידיש־וועלטלעכער לעבנס־שטייגער, לעבנס־צערעמאָניאַל איז ניט פאַראַן. עס איז נאָר פאַראַן די אַבסטראַקטע אידעע פון וועלט־לעכקייט, וואָס די מורא פאַר איר האָט פאַרטריבן פּרינציפּיעלע קאָלעק־טיוויסטן אין די דלת־אַמות פון אינדיווידועלער מרה־שחורה. איך וויל דעם געדאַנק קורץ אילוסטרירן. געוויסע פערזענלעכע יום־טובים זיינען לויטן אַלטן לעבנס־שטייגער געווען אַ כלל־שמחה. די נעגאַציע פון דעם רעליגיעזן צערעמאָניאַל, וואָס די וועלטלעכקייט־אידעע האָט מיט זיך געבראַכט, האָט אונזער יוגנט דערפירט צו דער פריידלאָזער איינרעדעניש, וואָס איז אַד־האָק דערהויבן געוואָרן צו אַ פּרינציפּ, אַז מיין יום־טוב — מיין פּריוואַט־ענין. אַזוי אַרום האָט די קאָלעקטי־וויסטישע אידעע פון יידישיזם, וואָס האָט זיך אַ לאַנגע צייט אידענטי־

המשך און במקום

פיצירט מיט געזעלשאַפטלעכן ראַדיקאַליזם, געבוירן דעם רשעותדיקן „לכם ולא לו״־אינדיווידואַליזם, וואָס אַ פרעמדער פון כּלליִשער פרייד, פּרעגלט ער זיך אין דער מרה־שחורה פון אידעאישע אַבסטראַקציעס. איך זאָג „אַבסטראַקציעס״, ווייל די אידעע פון אידיש־וועלטלעכקייט אַליין איז שוין ווייניק. צו איר קומט צו אַ נייער רעיון, די אידעע פון אוניווערסאַליזם.

> צוזאַמען מיט דער תוכיקער יידישקייט מוזן מיר שטרעבן צו אַלמענטשלעכקייט, אוניווערסאַלישקייט, צום אַריינגעמען אין אונזער יידיש באַוואוסטזיין אַלדאָס גרויסע, וויכטיקע און פּאָרויס־געצילטע, וואָס דער ניט־יידישער געדאַנק און דער ניט־יידישער לעבנס־שטייגער האָבן אַרויסגעבראַכט.

וועלכע „תוכיקע יידישקייט״, מעג מען פרעגן א. לעיעלעס־גלאַנצן, מיינט ער? יענע תוכיקע יידישקייט, וואָס מיר זיינען מיט איר שוין דריי דורות לאַנג ניט שווה־בשווה? און ווער זאָל איבערנעמען דאָס, וואָס דער ניט־יידישער לעבנס־שטייגער האָט אַרויסגעבראַכט? דער יידישער לעבנס־שטייגער, וואָס ווערט פון דער וועלטלעכקייט־אידעע נעגירט? אויב די אוניווערסאַלישקייט, צו וועלכער א. לעיעלעס וויל, מיר זאָלן שטרעבן, זאָל ניט בלייבן אַן אַבסטראַקטער ביכל־באַגריף פאַר אינטעליגענטן און שרייבערס צום צאַצקען זיך, מוזן מיר זיך אומקערן צו דער אַלטער זשיטלאָווסקישער פאָרמולע, וואָס איז אייביק ניי און אייביק אמת. איך מיין, זיין וואונדערבאַרע פאָרמולירונג: „וואָס מער ייד, אַלץ מער מענטש״. אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אָט דער „תורת־חיים״, וועלן מיר פטור ווערן פון „שטרעבן״ צו אוניווערסאַלישקייט און וועלן גיכער פאַרקערעווען צוריק צו דער תוכיקער יידישקייט. תוכיקע יידישקייט ווי תוכיקע דייטשקייט און אַלע אַנדערע „קייטן״ זיינען בעצם אוניווערסאַל. געטעס אוניווערסאַלסטע ווערק איז דאָס דייטשסטע ווערק „פאַוסט״. פונקט אַזוי שלום־עליכמס יידיש שביידישער „טביה״ און פּרצ׳ס סאַמאָראָדנע יידישער „ניעמיראָווער רבי״. פאַר תוכיקער יידישקייט הערט אויף אוניווערסאַלישקייט צו זיין פּראָגראַם. זי איז שטענדיקע שאַפונגס־נאָרמע.

און ווי טיף און דורכגעטראַכט עס זאָל ניט זיין דער עסיי פון דעם רוסישן רעליגיעזן סאָציאַליסט ניקאָלאַי בערדיאַיעוו, וואָס פּריידיקט

„איבער־נאַציע״, טאַר א. לעיעלעס אויף איין מינוט ניט פאַרגעסן, אַז בערדיאַיעוו איז אַ רוס, וואָס אונטער אים שטייט אַ געזונטער לעבנס־שטייגער, אַ טיפע תוכיקע רוסישקייט, צו וועלכער אַפילו דער באַלשעוויזם האָט זיך געמוזט אומקערן.

אונזער וועג צו אוניווערסאַלישקייט איז דער וועג פון צוריק צו דער תוכיקער יידישקייט, פון צוריק זיך באַהעפטן בפועל־ממש מיטן אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער און לעבנס־צערעמאָניאַל. צוריק אין געטאָ אַריין? — וועט מען פרעגן. ניין, און אָבער אַמאָל ניין! „צוריק אין געטאָ אַריין״ הייסט זיך אומקערן ליידיק און לויז צום טאַטנס טיש. אַנטקעגן, באַהעפטן זיך מיט אַלטן לעבנס־שטייגער באַטייט מיטנעמען מיט זיך אונדזער גאַנצן אָנגעפּרעטעטן גייסטיקן באַגאַזש און מיט זיין הילף פּרואוון טון דאָס, וואָס דער חסידיזם האָט געטאָן: אויפפרישן דעם לעבנס־צערעמאָניאַל מיט אַ נייער אינספּיראַציע פון אַ דור, וואָס קען זיך באַווייזן פאַרן פאָלק ישראל מיט העראָאישן גענזעלשאַפטלעכן אידעאַליזם, מיט דרייסטן פּאָעטישן קלעטער און מיט פלאַמיקער וויסנשאַפט־לעכער נייגעריקייט. וועלטלעכע גייסטיקייט אָנגעשפּאַרט אויף אַן איינגעפונדעוועטן לעבנס־שטייגער קען ניט נאָר געבן צו די פרעמדע קולטורן, נאָר אויך נעמען פון זיי, און דערביי זאָל איר נאַציאָנאַלער תוך ניט געניזוקט ווערן.

(1939)

יידישער „פּאַנאַטיזם"

איך האָב זיך צוגעהערט צו ד"ר חיים זשיטלאָווסקיס רעדע ביים באַנקעט פון דעם „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" און בין אויך דאָס מאָל, ווי צוריק מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר ביי מיין הער־דעביוט, פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם רעדנערס וואונדערלעכער פאָרם־שלמות. קלאָרע פאָרמולירונג, צוועקמעסיקע אַרכיטעקטאָניק און אַ שטים־מאָדולאַציע, וואָס די צייט האָט אויף איר קיין שליטה ניט געהאַט, האָבן מיך אויך דאָס מאָל געהאַלטן אין נעץ פון זייער כישוף.

פון מינוט צו מינוט האָט אָבער די לעקציע גענומען פולסירן מיט אַקטועלקייט. די ווייטע און אַבסטראַקטע פּאָלעמיק מיטן „פּאַנאַטיזם" און דעם „סובטראָפּישן בלוט" פונעם יידישן פאָלק האָט געקלאַפּט מיט אַ בייזן געקלאַפּ קעגן אַלע די, וואָס דערלאָזן אָדער העלפן צו, אַז —

„אין אַ פרייער גייסטיקער וועלט זאָל אַ וועלכער עס איז אָביעק־טיוועד איינשטעל אונטערגעדריקט ווערן אָדער אַריינגעוואָרפן ווערן אין חרם, ווי אין די אַלטע, שטרענג־קאַטוילישע צייטן".

די פאָרם־הנאה איז צערונען געוואָרן. יעדעס וואָרט און יעדער אַרגומענט האָט מיך גענומען טרעפן ווי אַ זעץ מיט אַ שווערן שטיין. איך האָב דערפילט, אַז ס'גייט וועגן מיר און מיין „חרם־שטימונג". איך מוז ענטפערן.

* * *

ס'וואַקסן אויס פאַר מיינע אויגן די „משהלעך און שלמהלעך", וואָס שטעלן אַנטקעגן דער דאָגמאַטישער שנאה פונעם אָרום שוין הונדער־טער יאָרן און מער, בלויז מיושבע, קאַלטע, כמעט „נאָרדישע" טאָלע־ראַנץ. דער באַרעכטיקטער אויפבראויז פון יונגע געמיטער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אָן אַ זייט און געלאָזט פּלאַץ פאַרן ניכטערן דענקען. אַזוי ווייט איז דערגאַנגען די מיושבדיקייט, אַז שונאים און מוסר־זאָגער האָבן זי גענומען שטעמפּלען פאַר פּחדנות. וואָרעם וואָס איז דען

יידישער „פאַנאַטיזם"

פחדנות? פחדנות — דאָס זיינען אַזעלכע זעליש־קלימאַטישע באַדינ־גונגען, אין וועלכע עס איז מעגלעך, אַז —

„דער אומפּאַרטייאישער אָפּשאַץ פון פאַקטן, אַרגומענטן, סברות און השערות זאָל נעמען די אויבערהאַנט איבער דעם דיק־טאַט פון טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפט".

נו, איז דער דאָזיקער זעלישער מילד־וועטער ניט קיין ספּעציפיש יידישער? אַ פאָלק, וואָס האָט אין משך פון צוויי טויזנט־יאָריקער ליידנסגעשיכטע אייגנטלעך ניט געקעמפט, נאָר אַרגומענטירט פאַר זיין קיום, וואָס האָט אין געראַנגל מיט אַנדערע פעלקער פאַרמאָגט נאָר איין קאַמף־כלי־זיין: די פּערסוואַזיע, דעם אָנשטרענג פון איבערצייגן, מעג מען אַזאַ פאָלק אַד האָק אַריינגיסן אַ ביסל סובטראָפּיש בלוט אין די אָדערן, כדי עס זאָל וועגן אים קענען געזאָגט ווערן, אַז עס איז אַן אומה, ביי וועלכער

„טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפט נעמען אַלע מאָל די אויבערהאַנט"?

אונזער גאַנצע אַפּאָלאָגעטישע ליטעראַטור, דער וויכוח פונעם צעשראָקענעם אַרענדאַר מיטן צעווילדעוועטן פּריץ, דאָס אויסטענהכץ פון קאַנדידאַטן אויף פּאָגראָם־קרבנות מיט די כוליגאַנעס, די גאַנצע וואונדערלעכע קייט פון דורות יידישע שתדלנים, וואָס האָבן אַריינ־דיסקוטירט אין די מעכטיקע פון אַלע צייטן אונזערע מענטשלעכע רעכט און אַרויסדיסקוטירט ביי זיי אַ פּונק טאָלעראַנץ פאַר אַנדערש דענקנדיקע, דאָס אַלץ איז פאַר קיין שום פאַל ניט אַגרעסיווער פאַנאַ־טיזם, נייערט דעפענסיווע טאָלעראַנץ.

צו אַגרעסיוון פאַנאַטיזם האָט די יידן געפעלט ניט בלויז די נייטיקע מאַכט, וואָס וואַרגט אָפּ דעם צווייפל און מיט אים די פרייע מחשבה און לאָזט לויז די לייצן פון טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפט, נאָר אויך די רעליגיעזע דאָגמע, וואָס דערנידעריקט דעם וויזיאָנערישן גלויבן צו בלינדער פאַרגלויבטקייט.

* * *

אַזוי אַרום האָט אויך געמאַנגלט

„די איינגעגלייבטקייט אין דעם אַ ב ס אָ ל ו ט ן אמת, וואָס גע־פינט זיך נאַטירלעך נאָר ביי אונז".

אַ מאָראַל, וואָס דערלאָזט, אַז אויך די פרומע פון אַנדערע פעלקער זאָלן האָבן אַ צוטריט צו יענער וועלט, האָט זיך שוין במילא אָפּגעזאָגט פון אַן אמת־מאָנאָפּאָל; אַ יוסטיץ, וואָס האָט מורא געהאַט פאַרן יוסטיץ־טעות אין אַזאַ מאָס, אַז זי האָט געוואָרפן אַ חשד אויף דער איינשטימי־קייט, ווייל זי קען זיין אַ רעזולטאַט ניט פון יחידישע מחשבות, נאָר פון קאָלעקטיווער מחשבהלאָזיקייט (סנהדרין שראו כולם לחובה פוטרין אותה ומזה שגור לאמר כולו חיב — זכאי), אַזאַ יוסטיץ איז ווייט פון „מאָראַלישן פאַנאַטיזם", וואָס איז נאָך „שאַרפער, ברענענדיקער, איידער דער רעליגיעזער"; רעליגיעזע מאָראַל, וואָס איר עיקר־עלעמענט איז רחמנות (איך בין זיך סומך אין דעם פרט אויפן שד"ל), פאַרמאָגט במילא דעם

„הויכן רעספעקט פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון פאַרשידן דענקנדע מענטשן",

ווייל רחמנות איז דאָך אידענטיש מיט דער פאַרשטענדעניש פאַר יעדן מענטשלעכן באַשעפעניש, וואָס איז אַנדערש ווי דו; רחמנות איז כולל אין זיך דעם גלויבן אין דער גורלדיקייט און ממילא אין דער שולדלאָ־זיקייט פון אַנדערש זיין; אַ געזעלשאַפטלעכע מסורה, פאַר וועלכער דער ווערט פון מענטשלעכן לעבן נעמט אָן די טראַגישע דימענסיעס פון וועלט־אונטערגאַנג (המקים נפש אחת מישראל, כאילו קיים עולם מלא), קען ניט חלומען צו דער זעלביקער צייט פון צושטעלן עמעצן צו אַ מעטאַפאָרישן אָדער ממשותדיקן ווענטל פאַר זיינע זינד, אַ פּשיטא שוין פאַר אַנדערש טראַכטן; און ענדלעך, אַ פאָלק, וואָס איז פאַראינטערע־סירט מיט לייב און לעבן און האָב און גוטס אין מענטשלעכער פרייהייט אויף דער וועלט, קען ניט זיין פאַרדעכטיק, אַז היינטערוויילעכץ גרייט עס נעגל און ציין אויף איבערצובייסן גאָרגלען

„אין דעם קאַמף פאַר דעם איינציק ריכטיקן יושר אָדער דעם איינציק ריכטיקן אמת".

* * *

ס'גייט אונז ניט אַזוי גוט און עס איז אונז קיין מאָל ניט אַזוי גוט געגאַנגען, אַז מיר זאָלן אַמאָל געוועזן זיין אָדער קענען ווערן אַזעלכע אידעאישע לשמה־טעראָריסטן, ווי ס'קען זיך אויסדאַכטן, אַז מיר זיינען עס על־פּי ד"ר זשיטלאָווסקיס „דער וויסנשאַפטלעכער

גייסט". מיר זיינען ווי אַלע איבעריקע אומות־העולם ניט געווען קיין קונסט פאַר קונסט־אידעאַליסטן (אונזער איינציקע אויסדערוויילטקייט איז באַשטאַנען אין דעם באַין־ברירהדיקן קוראַזש און אין דעם פאַר־צויגענעם געדויער פון טראָגן און איבערטראָגן יסורים). אונזער פערס־וואַזיע, אונזער אַרגומענטאַציע האָט געהאַט אַ נאַטירלעכע גרענעץ. דער גרענעץ־סלופּ איז געשטאַנען דאָרט, וואו עס האָבן זיך על־פּי דרך־הטבע פאַרענדיקט די שטילע, זיסע וואַסערן פון אַרגומענטאַציע פאַר קיום און עס האָבן זיך גענומען כוואַליען די געזאַלצענע געוויסערן פון געראַנגל פאַר קיום.

אַקעגן ישו הנוצרי האָט זיך אַ יידישע גענעראַציע אַוועקגעשטעלט מיט אידעאישן טעראָר, מיט געזעלשאַפטלעכן חרם, מיט דער ברוטאַל־סטער אומטאָלעראַנץ און מיט אַ שנאה, וואָס האָט אין זיך געהאַט דעם כוח פון געלאַף איבער דורות, ווייל... ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידישן קיום. ס'איז געשטאַנען אין פראַגע די פיזישע עקזיסטענץ פון אַ פאָלק, וואָס האָט אין דער נייער תורה געזען אַן אַכזריותדיקע איינלאַדונג צו נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד מיט דער זייער צווייפלהאַפטער קאָמפּענסאַציע צו בלייבן אומשטערבלעך ווי אַן אַבסטראַקטע תורה אויף דאָגמאַטישע קוליעס. אַ, אין אַזאַ מין געראַנגל אויף טויט און לעבן וואַרפן אַלע וואָס „זיינען אַקלימאַטיזירט אין אַ ספערע פון אַן אָביעקטיוון וויסנשאַפטלעכן גייסט" אָוועק די „אָביעקטיוו־וויסנשאַפט־לעכע איינשטעלן" און נעמען אַרויס פונעם אַרכאַאישן שיפלעדל די פאַר־לעגערטע מיסטיק פון ליידנשאַפטן שוין צוליב דעם, וואָס זיי ווייסן פון לכתחילה, אָדער ווערן באַלד געוואויר, אַז ליידנשאַפטן קען מען באַזיגן אָדער אויסהיילן בלויז מיט ליידנשאַפטן. יאָ, אַפילו די ענגלענדער, וואָס פאַר זייער „וויסנשאַפטלעכער אַקלימאַטיזאַציע" ד"ר זשיטלאָוו־סקי האָט אַזוי פיל סימפּאַטיע און דרך־ארץ, אַפילו זיי, די קאַלטע, וויסנשאַפטלעכע פיש האָבן, ווי באַלד די סכנה האָט אַ וואונק געגעבן צו זייערע „אימפּעריאַליסטישע ביזנעס", פאַרגעסן אַן אַלע אַקלימאַטי־זאַציעס און אַקעגנגעשטעלט אַלע פון דייטשער פּראָפּאַגאַנדע אימפּאָר־טירטע און פון דייטשן געלט איבעווייניק געכאָוועטע „וויסנשאַפטלעכע איינשטעלן" ניט נאָר אַ האַרטן צעגזאַר, נאָר אויך אַ הויכע תליה.

יידישער „פאַנאַטיזם"

דאַרפן מיר זיך, הייסט עס, ביי די ענגלענדער ניט לערנען טאָלע־ראַנץ און רעספעקט פאַר אַ צווייטנס מיינונג. פונדעסטוועגן האַלט ד"ר זשיטלאָווסקי, אַז —

„קיין אַנדער פאָלקס־מאַסע, קיין אַנדער פאָלק, נייטיקט זיך ניט אַזוי אין אַ דערציאונג אין דעם וויסנשאַפטלעכן גייסט, ווי גראָד אונזער פאָלק, סיי אין זיינע מאַסן, סיי אין זיין אינטעלי־גענציע".

צום אונטערשייד פון חשובן ד"ר זשיטלאָווסקי האַלט איך, אַז אונז, יידן, וואָלט אַלע מאָל און בפרט אין די איצטיקע צייטן פון גרויל און חורבן, ניט פאַרשאַדט אַ ביסל באַשיידנקייט. יאה עניותא לישראל זאָגט ערגעץ וואו די גמרא, און אַלע קענער פונעם יידישן לעבן וואָלטן געמעגט צוגעבן, אַז נאָך מער וואָלט זיך דאָס געפּאַסט פאַר ישראלס פּאָליטישע און גייסטיקע פירער. לאָמיר זשע אויך אין פּרט פון „וויסנשאַפטלעכן גייסט" ניט וועלן זיין די ערשטע, די וואָס נייטיקן זיך אַממערסטן און לאָזן אונז דאָס אונזערע פירער ניט וועלן איינרעדן.

אויב ס'איז באמת פאַראַן אַ פאָלקס־מאַסע, וואָס נייטיקט זיך פאַר אַלע אַנדערע אין „וויסנשאַפטלעכן גייסט", איך מיין, אין דעם דאָזיקן „שטרעבן, אַז דאָס ניכטערע דענקען זאָל נעמען די אויבערהאַנט איבער דעם דיקטאַט פון טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפט", אפשר וואָלטן מיר זיך געאייניקט, אַז די בכורה קומט דעם דייטשן פאָלק, דעם פאָלק פון „דיכטער און דענקער", אָדער, ווי קאַרל קראַוז האָט עס אין אַ מאָמענט פון סאַטירישער פאַרצווייפלונג אָנגערופן: „פאָלק פון ריכטער און הענ־קער". וואָרעם, אמת, טאָקע ניט אַלע אַכציק מיליאָן דייטשן זיינען פאַרקאַכט, אָבער מען מוז דאָך מודה זיין, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם דאָזיקן גרויסן פאָלק איז פאַרקאַכט אין דעם „אַבסאָלוטן אמת" פון די נירנבערגער ראַסן־געזעצן, וואָס זיינען דאָך לכל־הדעות אַ רעזולטאַט ניט פון אַן „אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכן איינשטעל", נייערט אַ „דיק־טאַט פון טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפט".

און אָפּגעבנדיק די דייטשן כהן, וואָלטן מיר על־פּי „אומפּאַר־טייאיש אָפּשאַץ" געדאַרפט אויפרופן לוי די איטאַליענער, וואָס האָבן איבערגענומען די דייטשע ראַסן־געזעצן. אמת, ניט מיט אַ סך ענטו־זיאַזם, אָבער דאָך שטאַרק צו־להכעיס דעם „אָביעקטיוון וויסנשאַפטלעכן

איינשטעל". און אַז מיר האַלטן שוין ביים פאַרטיילן עליות, וועט נייטיק זיין מכבד צו זיין מיט שלישי אומבאַדינגט די רוסן. דעם כבוד פאַרדינען ניט נאָר די הונדערטער סטאַלין־ביוראָקראַטן, וואָס האָבן מיט די באַרימטע פראָצעסן קעגן די פירער פון דער רעוואָלוציע עובר געווען אויף

„יענעם רעספעקט פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון פאַרשידן דענקענדיקע מענטשן",

נייערט די מיליאָנען באַזינגערס און באַשרייערס פון די בלוטיקע מאַסקווער אורטיילן, וואָס זיינען דאָך ניט אַלע קיין „פאַנאַטישע יידן" און האָבן זיך געמעגט קענען פאַרשטעלן, אַז —

„צוויי גלייך מאָראַליש־ערלעכע מענטשן זאָלן וועגן איין און דער זעלביקער סיטואַציע אין לעבן האָבן צוויי דיאַמעטראַל אַנטקעגנגעזעצטע מיינונגען".

* * *

טעראָר און פראָצעסן. צוגעקומען צו אָט דעם מאָדנעם און ווייטיקלעכן פענאָמען פון רעוואָלוציאָנערער גאולה־מאָראַל, לייגט ד"ר זשיטלאָווסקי אָוועק דעם „וויסנשאַפטלעכן גייסט" אויף די אַרכיוופאָליצעס פון עטישער פּראָבלעמאַטיק און דערנענטערט זיך צו דער מאָראַלישער אָדער אַנטי־מאָראַלישער דערשיינונג מיט פאָטערלעכער פסיכאָלאָגישער פאַרשטענדעניש.

ביי יידן נעמט זיך דער פאַנאַטיזם, די „אויבערהאַנט פון טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפט איבער די פאָדערונגען פון אָביעקטיוון דענקען" דערפון, וואָס

„אונזער מענטשלעכער מהות האָט זיך איינגעשטעלט אין אַ סובטראָפּישן לאַנד אָדער וואָס מליצהדיק גערעדט (עס) שטראָמט אין די אָדערן פון אונזער פאָלק סובטראָפּיש בלוט".

מילא, ס'קען זיין, אַז דער גאַנצער יידישער באַשאַף פון גייסטיקע ווערטן איז בלויז אַ רעזולטאַט פון אַבסאָלוטער „אמת־ליידנשאַפט" (נבואה) און „פּאָעטישן טעמפּעראַמענט" (תהלים). אָבער אַזאַ פאָלק ווי די גריכן געהערן, דאַכט זיך, געאָגראַפיש אַריין אין סובטראָפּיע ניט ווייניקער ווי די ארץ־ישראלדיקע יידן, און פונדעסטוועגן זיינען זיי די

ייִדישער „פאַנאַטיזם"

אַלטע גריכן און ניט די אָבות אַבותיהם פון די היינט מיוחסדיק צעבאַלע־וועטע נאָרדישע פעלקער געווען די שאַפערס פון דער לאָגיק, די פיאָנערן פון די מייסטע „אָביעקטיווע וויסנשאַפטלעכע איינשטעלן", די, אַזוי צו זאָגן, טעאָרעטישע פונדאַמענטן־לייגערס פאַרן שטרעבן צו ניכטערן, קריטיש געלייטערטן דענקען. דאָס סובטראָפישע בלוט האָט די אַלטע גריכן ניט געשטערט אין זייער ניכטערער גייסטיקער אַרבעט.

וואָס אָבער האָט געשטערט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן מיט זייער פלעגמאַטישן בלוט פון ווייטע סטעפעס און קאַלטע טונדרעס צו רעדן מיט זייערע אידעאישע קעגנערס און קודם־כל מיטאַנאַנד אין דער שפּראַך פון „שכל, פאַקטן, סברות און השערות"?

ד"ר זשיטלאָווסקי האָט דערויף אַן ענטפער, וואָס שמעקט ניט מיט „אָביעקטיוון וויסנשאַפטלעכן איינשטעל" און שוין אַוודאי ניט מיט בייזן מוסר, נאָר מיט אָפשיי און רעזיגנאַציע:

„פאַר מיר איז דער טעראָר מיט די פּראָצעסן דער אויס־דרוק פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז איר לשון. אָט דער לשון האָט שוין לאַנג אויפגעהערט — צו זיין פאַר מיר אַ לשון־קודש".

און טאָמער האָט איינער פון די וויכטיקסטע טעאָרעטיקער און גרינדער פון דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן" אויפגעהערט צו פאַרשטיין דאָס דאָזיקע לשון און מיט אים אינאיינעם פאַרשטייט ניט די דאָזיקע שפּראַך אַזאַ געטרייער תלמיד און חבר ווי מ. מ. ראָזענבאָום, איז אין דעם ניט שולדיק דער טעראָר חלילה, נאָר ד"ר זשיטלאָווסקי און ראָזענבאָום.

„דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז פּסי־כאָלאָגיש בין איך ניט קיין רעוואָלוציאָנער, פונקט ווי מ. מ. ראָזענבאָום איז ניט קיין רעוואָלוציאָנער". *

מעג מען ניט מקנא זיין דעם טעראָר און זיינע פאַרשטייערס, איך מיין די „פּסיכאָלאָגישע רעוואָלוציאָנערן"? זיי האָבן ביי ד"ר זשיט־לאָווסקי אַ שענער מזל ווי דאָס פאָלק, וועמעס סובטראָפּיש בלוט עס פליסט דאָך אויך אין זיינע אָדערן.

---

* ענטפער צו מ. מ. ראָזענבאָום, „אידישער קעמפער" נר' 332 פון 2/2 1940.

יידישער „פאַנאַטיזם"

פאַר רעוואָלוציאָנערער לײַדנשאַפט געפינט ד"ר זשיטלאָווסקי אַ זכות. איבער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל משפט ער ווי אַ דזשורי־מאַן מיט האַרץ. איבער יידישן טעמפּעראַמענט — ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער ריכטער מיטן דין. ווי באַלד ס'גייט וועגן רעוואָלוציאָנערן, ווייס ד"ר זשיטלאָווסקי, אַז דער מאָראַלישער משפט איבער אַ יחיד אָדער אַ קאָ־לעקטיוו העגגט ניט אָפּ פון דער שייכותדיקער האַנדלונג אָדער אויפ־פיר.

„דער עיקר איז דאָס, וואָס דיקטירט די אָדער יענע האַנד־לונג, וועלכע צילן, געפילן און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן ליגן אונ־טער דער האַנדלונג".

די פראַגע פון קיום פון דער רעוואָלוציע כשרט אין די אויגן פו־נעם אַלטן רעוואָלוציאָנערן דענקער די „מאָראַל" פון טעראָר און פּראָ־צעסן.

פאַרוואָס זשע זאָל די זעלביקע פראַגע פון קיום פון אַ גאַנץ פאָלק ניט זײַן בכוח כשר צו מאַכן אין האַרצן פון אַן אַלטן וואָרט־זאָגער פון יידישער גייסטיקייט . . .

וואָס? — ניט, חלילה, קיין טעראָר און ניט קיין בלוט־גליווערנדיקע פּראָצעסן, ניט קיין אָפענע און ניט קיין באַהאַלטענע ליקווידאַציע פון לעבנס, ניט קיין פרייהייט־גזלה און ניט קיין געדאַנקען־מאָרד, נייִן, גאָרניט פון די אַלע דאָזיקע דירעקטע און גרויליק־עפעקטיווע „רעוואָ־לוציאָנערע" מיטלען, נייערט אַ ביסל ביז חרם־שטימונג צעברויזטע לײַדנשאַפט און אַ ניעפּ ביז געיאַכמער געשטייגערטע אויסטענהכץ!

וואָרעם וועגן קיום גייט עס איצט פּונקט ווי דעמאָלט אין די ערשטע יאָרן פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג און פּונקט ווי דעמאָלט טראָגט מען אונז היינט אונטער סאָציאַלע גאולה־דיפּלאָמאַטיע אויפן חשבון פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

אויב אונזער נאַציאָנאַלער לעבנס־דערהאַלטונגס־אינסטינקט פאַר־גינט זיך ניט און האָט ניט קיין כוח צו רעדן אין אַזעלכע מאָמענטן מיטן לשון פון „רעוואָלוציאָנערער" ביוראָקראַטיע, מעג דאָך אים אָבער, דעם דאָזיקן אינסטינקט, דערלויבט זײַן (דער גורל פון אַ קולטור און דאָס לעבן פון גענעראַציעס שטייען אין קאָן) ניט מדקדק צו זײַן אויף דער גראַמאַטיק פון זײַן לשון־אָפּווער און פון זײַן לשון־אַנגריף.

יידישער „פאַנאַטיזם"

ווערט וויסנשאַפטלעכער איינשטעל ניט רשעות, ווען ער ווערט געמאָנט ביים קרבן?

און אָביעקטיווער אָפּשאַץ, שמעקט ער ניט מיט מידת סדום, ווען ער ווערט פאַרלאַנגט פון געשלאָגענעם?

* * *

איך מוז מודה זיין, אַז מיר איז אָנגענעם געווען צו לייענען די אויטאָבאַשולדיקונג פון ד"ר זשיטלאָווסקי, אַז ער איז פּסיכאָלאָגיש ניט קיין רעוואָלוציאָנער. און צום האַרצן איז מיר דאָס געווען, ניט חלילה, ווייל איך גלויב, אַז דער חטא איז אַ ממשותדיקער. ניין, דאָס ניט. אָבער דער פאַקט, וואָס איידער צו באַשולדיקן די רעוואָלוציע, רייצט דער אַלטער רעוואָלוציאָנער אויף זיך אָן דעם כוח פון זיין אייגע־נעם פּאַמפלעט, זאָגט עדות, אַז די גרויסע „ערשטע ליבע" זיינע צו דער רעוואָלוציע „וויאַנעט ניט". דאָס יידישע פאָלק איז, ווי מיר וויסן, טאַקע ניט געווען ד"ר זשיטלאָווסקיס ערשטע ליבע, אָבער די צווייטע, וואָס האָט זיך נאָך דערצו געענדיקט מיט אַ לאַנגן שלום־בית. און... ווי גערן וואָלט איך וועלן הערן ד"ר זשיטלאָווסקין זאָגן וועגן זיך, אַז ער איז פּסיכאָלאָגיש ניט קיין ייד. איך וואָלט עס ניט געגלויבט, אָבער עס וואָלט מיך געמאַכט גלייבן, אַז זיין ליבע איז דערוואַכט...

אפשר וואָלט די דאָזיקע ליבשאַפט אים דיקטירט וויניקער טעאָ־רעטישע זיכערקייט און מער געזעלשאַפטלעכע הכנעה. וואָרעם — איך וואַריאיר אַ וואָרט פון וויקטאָר אַדלער — בעסער זיך טועה זיין מיטן יידישן פאָלק, איידער גערעכט בלייבן קעגן אים.

(1940)

ד"ר נתן בירנבוים

לכאורה האָבן זיינע אידעאישע גלגולים באַרעכטיקט דעם פּסעוו־דאָנים: מתתיהו אַחר. אין עצם אָבער איז זיין זעלישע און גערדאַנקלעכע פאָרמאַציע ניט נאָר געווען ווייט, זייער ווייט פון דער תלמודישער אחר־געשטאַלט, נייערט איז געווען דער היפוך דערפון.

אחר — דער אַנדערש־געוואָרענער מענטש איז ניט דער, וואָס זוכט און געפינט נייע אמתן, נאָר יענער, וועלכער האָט פאַרלוירן די אַלטע דאָגמאַטישע וואָרהייט. אויף די חורבות פונעם אַלטן אמת צע־בליט זיך ביים „אַנדערש־געוואָרענעם" ניט קיין נייער תרי"ג, נאָר עפּעס אַ ביטער־מילד צעשמייכלטע טאָלעראַנץ פון סקעפּטיק, וואָס איר מקור איז די דערוואָרבענע זיכערקייט — די איינציקע זיכערקייט, — אַז אידעע איז אַ קינדערישער שפּיל אין פיקציעס פאַר דערוואַקסענע יחידים און אַ גרויזאַמע צוואַנגס־יאַקע פאַר אַן אינפאַנטילן כלל.

ד"ר נתן בירנבוים איז זיין לעבן־לאַנג ניט געווען קיין סקעפּטי־קער. ער איז געווען מער ווי אַלץ אַ טיף־גלייביקער.

ער איז ניט געווען קיין לייכטזיניקער הערעטיקער, נאָר פאַר־קערט, אַ שווערבלוטיקער דאָגמאַטיקער.

ער האָט געהערט צו יענע וווּנדערלעך רעליגיעז־פאַנאַטישע נאַ־טורן, וואָס ווערן ערשט זעליש פריי אין דער שקלאַפעריי פון דורותדיק פאַרפיקסירטע עיקרים.

אפשר איז זיין פּסעוודאָנים נאָר געווען אַ צופעליקער. אויב אָבער ער איז אויסן געווען אויטאָ־פאָרטרעט, האָבן בירנבוימס קינסטלערי־שער בליק און מייסטערהאַפטע פעדער דאָס מאָל געגרייזט.

געגרייזט, שווער געגרייזט האָבן אויך יענע, וואָס האָבן דעם דענקער בירנבוים געפּרוווט קלאַסיפיצירן מיטן עטיקעט: „גאָטזוכער".

ער איז קיין גאָטזוכער ניט געווען, ווייל ער האָט אים ניט גע־דאַרפט זוכן. זיין גאָט האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט ביים סאַמע אָנהייב פון זיין געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן ווערן און זיך אים געגעבן צו

ד"ר נתן בירנבוים

דערקענען מיט זיין ווארן נאמען: קאנקרעט יידיש פאלק. „איך האב ניט „געזוכט" גאט, ווי מען רופט דאס היינט אן אזוי שיין און שקרדיק, און איך האב אים ניט געדארפט געפינען. ער האט זיך געהאט אנגע־רופן אין מיר און שפעטער פלוצלונג זיך באוויזן אין מיין באוואוסט־זיין" („גאטס פאלק", ז' 3).

דער בלוט־ און פלייש־וויזיע פון א יידיש פאלק איז בירנבוים געבליבן געטריי זיין לעבן־לאנג. אין אט דער דערקענטעניש האט זיין געדאנק ניט געבלאנדזשעט און זיין הארץ ניט געוואקלט.

און טאקע אט די מסירת־נפשדיקע געטריישאפט צו דער זעאונג פון א יידישער לעבנסווירקלעכקייט, זי האט דאס ארויפגעפירט בירנ־בוימען אויפן דערנער־וועג פון אידעאישע וואגלענישן און געשטאלטיקט זיין גייסטיקן גורל צו א טראגעדיע אין גרויסן סטיל פון די גריכן.

א פון יידישקייט אויסגעווארצלטער מערב־ייד קערט זיך אום צו זיין פאלק. דאס איז היינט צו טאג א באנאלער ענין. בירנבוים האט עס געטאן מיט פופציק יאר צוריק. ער האט אנטיציפירט הערצלס פאליטישן ציוניזם. ער איז געוועזן דער באשאפער פונעם באגריף: ציוניזם. דאס איז בפירוש געשיכטלעכער פארדינסט. אבער דאס אליין גיט בירנבוימען נאך ניט דעם שטריך פון טראגישער גרויסקייט, וואס הייבט אים ווייט און הויך ארויס איבער דער באנאלקייט און פלאטשיקייט פון דעם גרעסטן טייל פון אונזערע בעלי־תשובה.

ערשט דער אינטענסיווער זעלישער אימפעט, מיט וועלכן דער בעל־תשובה בירנבוים זוכט די ממש־קערפערלעכע אחיזה אין לעבן פון זיין פאלק, די צענטריפעטאלע אומגעהאמעוועטקייט פון יאגן זיך נאך דער נאענטקייט פון יידישן מענטש און שטייגער, פארוואנדלט זיין תשובה אין א פיינפולער, יסורים־באהבה'דיקער אפקומעניש פארן איי־גענעם שיקזאל און פאר די זינד פון דער יידיש־דייטשער אסימילא־ציע.

די יידיש־דייטשע אסימילאציע. דורות האבן פעדאנטיש צונויפ־געשטיקעוועט דעם בהדרגהדיקן אוועקגאנג פון נאציאנאלער אייגנ־ארטיקייט. גענעראציעס האבן מיט טייוולאנישער געדולד געריסן דאס געוועב פון קולטורעלער צוזאמענגעהעריקייט און... די מיפולע ארבעט איז שוין באלד געוועזן ביים סוף.

ד"ר נתן בירנבוים

וויפילזשע זעלישן כוח, וואָס פאַר אַ געוואַלט פון גלויבן און פון גייסטיקער הכנעה, וויפיל לויטערן, לעגענדאַרישן קוראַזש האָט גע־מוזט פאַרמאָגן דער אין ווין געבוירענער און דערצויגענער גלענצנ־דיקער דייטשער שריפטשטעלער ד"ר בירנבוים, כדי פאַר זיך אַליין דורכצולויפן אויף צוריק, צייטלעך און רוימלעך, דעם מהלך פון דורות, פון הונדערט יאָר נאָך משה מדעסוי צוריק צו ר' משהן פון גאַליצישן שולגעסל און צו ר' איטשע מאיר פון די וואַרשעווער נאַלעווקיס?!

וואָס פאַר אַ שטער האָט פאַר אים געמוזט זיין זיין ברייטע און טיפע איראָפּעאישע קולטור! ווי ווייניק צייט האָט ער געהאַט פאַר דעם שווערן און לאַנגן גאָלגאָטאַ־וועג!

אין יאָר 1893 איז ער נאָך געווען ביי זיין סאַמע לכתחילה און געהאַט די זיכערקייט, „אַז ווער ס'אַנערקענט דאָס יידישע פאָלק פאַר אַ פאָלק מיט באַזונדערע תביעות אויף אַ באַזונדער לעבן און אַ באַ־זונדערן קיום, איז אַ נאַציאָנאַלער ייד און אַליין מיט זיינע אייגענע גייסטיקע וואָרצלען מעג ער זיין איינגעוואָרצלט וואו ס'זאָל ניט זיין". ער האָט דעמאָלט פאַר יידיש־אַקאַדעמישע חברות, וואָס זייערע מיטגלי־דער זיינען געווען דייטשן, ניט נאָר על־פּי שפּראַך און דערציאונג, נאָר אויך לויט די אויסערע סימנים פון זייערע היידעלבערגער סטודענטן־מונדירן, אַנטוויקלט די אידעע פון אַ יידישן אַנערקענונג־נאַציאָנאַליזם אויפן סמך פון אַ ווייטן לאַנד אין אַזיע פאַר נאָך ווייטערע יידישע מענטשן אין מזרח־איראָפּע. דער דאָזיקער פאָרם־נאַציאָנאַליזם איז פונדעסט־וועגן געווען גענוג פאַר אַ דור אינטעליגענטן, גענוג אויף זיי צו געבן די אילוזיע פון אַ נאַציאָנאַלער אַבסטראַקציע־שמירה פאַר זייער אַסי־מילאַציע־ווירקלעכקייט.

בירנבוימס ליידנשאַפטלעכער באַגער נאָך באַהעפטונג מיטן לע־בעדיקן פאָלקס־גוף האָט זיך ניט געלאָזט אָפּנאַרן ניט פון פרעמדע און אויך ניט פון אייגענע אידעען־קאָנסטרוקציעס.

גאולה־פּראָגראַם! ווער זאָל אים פאַרווירקלעכן? וואָס איז ער אויסן? אויב המשך פון פאָלקס־קיום, קען זיך דען דער דאָזיקער המשך אָנשפּאַרן בלויז אויף אידעע? מוז ער ניט לויט אַלע געזעצן פון דער ביאָלאָגיע אַרויסוואַקסן פונעם פאָלקס לעבנס־כוח? קען דען דער המשך אַריינגעפירט ווערן אין פאָלקס־לעבן אַריין בלויז אויף דער גלייכער

ד"ר נתן בירנבוים

געאָמעטרישער ליניע פון געדאַנק? צי מוז ער זיך ניט אַליין אויס־פּלאָנטערן פונעם פאָלקס זיגזאַגישע לעבנס־וועגן?

ער האָט די אַלע שאַלות אַריינגעדונערט מיט זיין גאַנצן ברען פון בענקשאַפט נאָך לעבעדיקן פאָלק, אין דער זאַטער צופרידנקייט פון קולטור־אַלרייטניקעס מיט עקסטראַוואַגאַנטע באַדערפעניישן נאָכן צימעס פון אויסלייז־אידעען און אויך אין דער פרומער מחנה פון ציון־טרוימערס, וואָס האָבן דעמאָלט אין געאיילציקער ליבשאַפט גע־צערטלט, אַנשטאָט דעם לעבעדיקן פאָלקס־מגושם, דעם צאַרטן שאָטן פון זיינע חלומות.

„דער וועג קיין ציון קען ניט פירן איבער אַ פוסטן רוים. אַ פון בלוט אויסגעליידיקטער, סכעמענהאַפטער גוף קען ניט געבוירן קיין ציון. נאָר אַ פולבלוטיק, פון זאַפטן איבערשטראָמענדיק, לעבעדיק פאָלק איז דאָס בכוח" (געקליבענע שריפטן, ב' 1, ז' 261).

און דאָס לעבעדיקע פאָלק געפינט זיך ניט אין די ווינער אַקאַדע־מישע חברות. ערשט צען שעה באַן־רייזע פון ווין הייבט אָן צו פול־סירן יידישעווירקלעכקייט. בירנבוים איז געפאָרן צוויי מאָל צען שעה און זיך באַזעצט אין סאַמע מיטן פון יידיש־פאָלק — אין טשערנאָוויץ.

אין טשערנאָוויץ און אין דעם בוקאָווינער און מזרח־גאַליצישן אַרום איז שוין פאַראַן די אַזוי אויסגעבענקטע יידישע פאָלקס־מאַטעריע. דאָ קערן זיך שוין יידישע מענטשן אָן מיט אַנאַנד ניט דורך אַ קינסטלעכער איינהייטס־טענדענץ פון אידעען, נאָר דורך דער נאַטירלעכער עקזיסטענץ פון אָרגאַנישע קולטור־סימנים. וועלכע זיינען עס די דאָזיקע סימנים? קודם־כל: די יידישע שפּראַך. אין מזרח־איראָפּע איז, בכן, פאַראַן אַ קאָנקרעט יידיש פאָלק. אַ פאָלק אָן טעריטאָריע און אָן אַלע איבעריקע פּאָליטישע צייכנס פון אַ נאַציע, אָבער מיט אַ מאַרקאַנטן קולטור־לעבן, וואָס איז זיך סומך אויף אַ לשון וואָס איז נאַציאָנאַל דערוואָרבן און פאַראַרבט געוואָרן אין משך פון יאָרהונדערטער.

„מען מעג אָן גוזמא זאָגן, אַז די נייע יידישע שפּראַך שטעלט דאָס מזרח־יידישע און מיט אים דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פאַר אַ ווענדפּונקט פון זיין נאַציאָנאַלן גורל. נאָר אין צייכן פון דעם דאָזיקן פאַראַכטעטן גלות־דיאַלעקט קאָן רייף ווערן דעם פאָלקס פולע זעלבשטענדיקייט,

קענען יידן זיך אויסקעמפן זייער צווייטע, העכערע, נאַציאָנאַלע עמאַנציפּאַציע״ (געקליבענע שריפטן, ב׳ 1, ז׳ 273).

אַזוי־אַרום האָט בירנבוים, דאַכט זיך, דערגרייכט צום סינטעז פון זיין האַרץ־בענקשאַפט: פּיזיש פאָלק און געדאַנקלעך־קאָנסטרואירטער פּראָגראַם פון געזעלשאַפטלעכער איבערגעשטאַלטונג. אַזוי האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן. וואָרעם מיט דער גאַנצער התלהבות פון זיין אומרואיקער נשמה, מיטן גאַנצן פייער פון זיין לייכטנדיקער אמונה האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער אַרבעט: פאָרמולירט פּאָליטישע לאָזונגען, געטראָגן ציגל צום טעאָרעטישן פונדאַמענט, פּאָפּולאַריזירט קולטור־ווערטן, אָרגאַניזירט דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אויף יידיש, צונויפגערופן און אָפּגעהאַלטן די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ און... ערנסט, ליידנשאַפטלעך־ערנסט דורכגעפירט די יידישיזירונג פון זיין פּערזענלעכן לעבן.

אפשר קאָן מען דאָ אין דעם ביזן היינטיקן טאָג ניט אויסגעלאָשענעם גראָטעסקן געגנעץ צווישן טיף־נאַציאָנאַלער איבערצייגונג און פלאַך־אַסימילירטן פּערזענלעכן לעבן ביי אַ גרויסן טייל יידיש־אינטעליגענטן זוכן און געפינען איינע פון די סיבות פון דעם נייעם בענקשאַפט־אויפרייס נאָך יידישער פאָלקשאַפט ביי בירנבוימען.

„איך זע באַשיימפּערלעך, אַז זיי יאָגן זיך אויך נושא־חן צו זיין ביי די אנדערע, אַז זיי גיבן זיך אויך אונטער צו אַ פרעמדער הסכמה, אַז זיי שניידן אויך צו דאָס יהדות לויט די אַנדערע ווילנס״ („גאָטס פאָלק״, ז׳ 17).

און אים, בירנבוימען, האָבן געשראָקן די אייראָפּעאישע קולטור־געוויטערן, וואָס קענען עפּעס אַוועקבלאָזן פון דעם, וואָס זיין קאָנקרעטע יידישע פאָלקשאַפט האָט אָנגעפּרעטעט אין אַ הונדערטער יאָרן אַלטער געשיכטע פון ליידן. די עמאַנציפּאַציע האָט געריסן שטיקער פון דער יידישער עטנישקייט. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ שאָדן ס׳קאָן ברענגען די אייראָפּעאיש־צוגעשניטענע נאַציאָנאַלע וועלטלעכקייט?! האָט ער פאַרלאָזן די אידעען פון נאַציאָנאַלן אויפלעב און זיך מיט התמדה געגומען גראָבן אינעם סוד פון פאָלקס־קיום. אַזוי אַרום איז ער דערגאַנגען „צוריק אין שול אַריין״, ווו ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער סאַמע קאָנקרעטסטער יידישער פאָלקס־מאַטעריע, אַ פאָלקשאַפט אָן דער גע־

ד"ר נתן בירנבוים

פערלעכער דינאַמיק פון פאָרם און אינהאַלטס־עוואָלוציע, באַהיט פון אַלדאָס בייז דורך אירע גליווערדיקע שטייגער־רעקוויזיטן.

ער האָט געפונען אַ זיכערע ווירקלעכקייט, האָט אָבער פאַרלוירן דעם שאַפערישן חלום פון אויסלייז מיט אייגענע פאָלקס־כוחות.

ער האָט געהאַט דעם קוראַזש זיך צו באַהעפטן מיט דעם סאַמע עטנישסטן ברוטאַ־שטאָף אונזערן, האָב אָבער ניט אויסגעהאַלטן דעם נסיון פון צו זיין געגנוג דרייסט אויף אַרויסצושטעלן דעם שטאָף אונטערן שלאָג פון די שאַרפע אידעען־ווינטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

ער איז געוואָרן אַ פאַטאַליסט פון פאָלקשאַפט־גליווער און האָט אויפגעגעבן דעם ווילן צו געשטאַלטיקן דאָס פאָלק און זיין גורל.

און דאָס איז טאַקע די טראַגיק פון בירנבוימס רייכער און שטאַרקער פערזענלעכקייט; ער האָט אַ לעבן־לאַנג געשטרעבט צום סינטעז פון אַ פאָלקס־קעגנוואַרט מיט צוקונפט־אידעאַלן, כדי צום סוף מקריב צו זיין די צווייטע פאַר דער ערשטער און צו בלייבן איינזאַם מיט אַ העלפט... ניט מיט דער לכתחילהדיקער... מיט דער אַנדערער העלפט...

און כדי נאָך מער אונטערצושטרייכן דעם טראַגישן פינאַל פון דעם בירנבוים־עפּאָס, האָט דער גורל געוואָלט, ער זאָל די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרברענגען און זאָל קומען צו קבורה ווייט פון דעם אין אומרו אויסגעטרוימטן, מיט צער אויסגעבענקטן און מיט אמונה געפונענעם „גאָטס־פאָלק".

(1937)

אויף די וועגן פון דער יידיש־ליטעראַטור

וועגן ש. ניגערס אַרטיקל אין דריטן באַנד „יידן"

מיט די דריי בענד „יידן" איז די רעדאַקציע פון דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע, ווי זי דערציילט אונז אין דער הקדמה צום באַנד ג, אויסן געווען צוויי זאַכן:

1) „אין אַן אויסשפּנדיקער קאָנצענטרירט־מאָנאָגראַפישער פאָרם געבן אַ סיסטעמאַטישן איבערבליק איבערן גאַנצן יידישן לעבן אין דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט";

2) „אַז די מאָנאָגראַפיע זאָל דינען פאַר פּראַקטישע און וויסנ־שאַפטלעכע צוועקן, זיין אַ מקור פון אינפאָרמאַציע".

און אַט די צוויי שטאַנדפּונקטן דאַרפן אויך זיין מאַסגיביק ביים אָפּשאַצן סיי די ענציקלאָפּעדיע ווי אַ גאַנצע און סיי די אַרבעטן פון די איינצלנע מחברים. שטעלן מיר זיך טאַקע די פראַגע: האָבן די צושטייערער פון דעם דריטן באַנד „יידן" דערפילט די התחייבות וואָס די רעדאַקטאָרן האָבן אַרויפגעלייגט אויף זיי, ד"ה צי קען מען געפינען אין די אַרבעטן פון איין זייט אַן אָביעקטיווע ווערטן־היע־ראַרכיע פון זאַכן, אידעען און מענטשן וואָס זאָל אונז געבן דעם בליק אויף דער גאַנצקייט פונם בילד און פון דער צווייטער זייט צי זיינען די איינצלנע גרעסערע און קלענערע אַרטיקלען, וועלכע זיינען אַריין אין דער ענציקלאָפּעדיע, טאַקע אַ מקור פאַר נויטיקער אינפאָרמאַציע וועגן פּרטים.

איך האָב צוגעשטעלט דעם שם־התואר „נויטיקע" צום וואָרט אינפאָרמאַציע ווייל אַז ניט וואָלט דער פּונקט צוויי געקומען אין אַ סתירה מיטן פּונקט איינס (סיסטעמאַטישער איבערבליק), וועלכער איז ביי אַן אַרבעט פון אַזאַ מין, זיכער דער וויכטיקסטער פון דיביידע.

עס איז אַן אַלטער כלל: צו פיל אָדער צו ברייטע דעטאַל־אינ־פאָרמאַציע נעמט צו דעם בליק אויף דעם גאַנצן, צו ווייניק אָדער צו שמאָלע צעשטערט די גאַנצקייט, מאַכט זי פאַר אַ בעל־מום. ביידע

אינאייגעם אָדער יעדע פאַר זיך פאַרטונקלען די כוונה פונם מחבר און די גרונט־אידעע פון זיין אַרבעט.

עס איז נויטיק נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אונטערצושטרייכן דעם דאָזיקן מעטאָדאָלאָגישן פּרינציפּ, ווייל מען מוז געדענקען, אַז די מאָנאָגראַפיעס זיינען באַשטימט פאַרן יידישן געזעלשאַפטלעכן טוער, פּאָליטיקער און שרייבער אַאַז״וו (אונטער דעם „אאז״וו״ באַהאַלט זיך אין דעם פאַל קיינער ניט. עס האָט געקענט לייכט אַרויספאַלן), כדי ער זאָל זיך מיט זיי נוצן „פאַר פּראַקטישע און וויסנשאַפטלעכע צוועקן״. און דער טוער, פּאָליטיקער און שרייבער קען מער אָדער ווייניקער די פּרטים, ער איז באַהאַוונט סיי אין די איינגעהזרטע, סיי אין די ניט אַרויסגעזאָגטע דעטאַלן. איך וויל דערמיט זאָגן, אַז אים איז היימיש דער פּערזענלעכער געשמאַק און די ליטעראַרישע פּרעפערענץ פון די קריטיקער ניגער און רעגעלסאָן און ער איז באַקאַנט מיט די פּאָליטישע ליבלינגס־אידעען פון בן־אדיר, אַבראַמאָוויטש און מענעס.

וואָס ער ווייס ניט און דאַרף, למשל, אין ש. ניגערס אַרבעט געוואויר ווערן, איז ניט ווי אַזוי דער דערמאָנטער קריטיקער קוקט אויף געוויסע שרייבער און אויף געוויסע ריכטונגען, נאָר אויף ווי ווייט איז די ליטעראַטור ווי אַ גאַנצקייט מסכים מיט זיינע סוביעקטיווקייטן, אויף ווי ווייט רעכנט זי זיך מיט זיי אָדער גייט איבער זיי אַריבער, אויף ווי ווייט לאָזט זי זיי אויס אָדער נעמט זיי אויף ווי בויטשטיינער אויף תמיד אין איר געביי.

מיט אַנדערע ווערטער: אין דער ענציקלאָפּעדיע זוכט דער טוער, דער פּאָליטיקער און דער שרייבער ניט קיין צונויפשטעלונג פון רעצענזיעס און אויך ניט פון ליטעראַרישע מיינונגען, נאָר עפּעס אַ כוללדיקן נייעם געזיכט־פּונקט פאַר אַלץ וואָס ער ווייס און אויך פאַר אַלץ וואָס מען האָט אים פאַרשוויגן. אין דער ענציקלאָפּעדישער מאָנאָגראַפיע אינטערעסירט אים, ווי אַזוי עס נעמען זיך אויס אידעען, נעמען און זאַכן ווען מען קוקט אויף זיי פון יענער גינסטיקער העכערער פּאָזיציע פון אָביעקטיווקייט און היסטאָרישקייט, פון וועלכער עס לאָזט זיך זען דאָס איינצלנע אין שייכות מיט דער גאַנצקייט.

אויף די וועגן פון דער יידיש־ליטעראַטור

אודאי איז עס ניט פון די גרינגע זאַכן צו זיין קודם אַ צד אַליין, איך מיין אַ מענטש מיט אייגענע ליטעראַרישע סימפּאַטיעס, פּרעפערענצן און קאַפּריזן, און צו דערזעלבער צייט אויך דער „דריטער צד", דער טוען פון ליטעראַר־היסטאָרישער אָביעקטיווקייט. אָבער איך וואָלט געוועז געשוואוירן, אַז אויב עמעצער קען זיך פאַרט אונטערנעמען די שווערע עבודה פון זעלבסט־קאָנטראָל און זעלבסט־צענזור לטובת דער ליטעראַטור־מלוכה, וועט דאָס זיין ש. ניגער, וואָס איז בעצם ניט נאָר אַ קריטיקער, נאָר נאָך אפשר מער דער ליטעראַר־היסטאָריקער פון יידיש. אויף דער אייגנטלעכער קריטישער אַרבעט ביי אַ שרייבער און ביי אַ ווערק, דאָס הייסט, אויף דער פראַגע פון פאָרם, פון אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישן פּאָרטרעט און פון לאַנדשאַפט־השפעה — האָב איך אַלע מאָל דעם איינדרוק — מוז ניגער זיך אַליין ערשט אויפמערקזאַם מאַכן. ער מוז זיך אַליין אַ טאָרע טאָן ביי דער האַנט און זיך הייסן צוקוקן, בעת אין דעם צונויפשטעל פון צייטלעכע און רוימלעכע פאַקטן אַרום ביכער, מענטשן און אידעען פילט ער זיך ניט אַן ערד זיכערער און מער אינדערהיים. אַזאַ נאַטירלעכע באַגאַבונג ביי אַ מענטשן איז געווינטלעך שוין אַן און פאַר זיך אַ קוואַל פון אָביעקטיוויטעט, און דערצו האָט נאָך ניגער, אַ דאַנק זיין יאָרנלאַנגער ספּעציאַליזירונג אויפן געביט פון קריטיק און ליטעראַטור־געשיכטע פאַקטיש געהאַט דעם גאַנצן מאַטעריאַל אונטער דער האַנט. ער האָט דערפאַר אייגנטלעך געדאַרפט פאַרווענדן ווייניקער, אַ סך ווייניקער צייט אויף שטאָף־באַשאַפונג און שטאָף־דערגאַנצונג און זיך געקענט מער אָפּגעבן מיט דער מעטאָדאָלאָגיע, מיט דער היסטאָרישער און אַקאַדעמישער פילטרירונג פון דער מאַטעריע.

אויב ניגערן איז פונדעסטוועגן די אַרבעט צום גרויסן טייל ניט געלונגען, איז אין דעם שולדיק, פאַר אַלעמען דאָס, וואָס ער האָט, ווייזט אויס, פון לכתחילה ניט געהאַט און זיך אויך ניט געמיט אַרויסצואַרבעטן אַ קלאָרע וויזיע פון דער גאַנצקייט. פון אָט דעם גרונט־מאַנגל, וואָלט איך געזאָגט. נעמען זיך דערנאָך אַלע איבעריקע חסרונות: די קריטעריום־לאָזיקייט ביים אָפּקלייב פון פּרטים; דאָס זען געוויסע דעטאַלן נאָר אין ליכט פון אַן ערגעץ איינמאָל אַרויסגעזאָגטער רעצענזיע־מיינונג; דאָס ניט דערזען אָפטמאָל וויכטיקע

שטעגן און וועגן נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב דאָרט קיינמאָל ניט אָוועקגעשטעלט קיין רעצענזיע־סימן; דאָס אומנויטיק פאַרליבטע צערטלען פון איינצלנע מאַטעריע־טיילן נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב דאָרט אַריינגעלייגט היפש התמדה צוליב אַנדערע צוועקן; און . . . צומאָל אויך דער מאַנגל פון אכזריות, אַרויסצולאָזן אומנויטיקע נעמען.

די צענטערס און די פעריפעריע

אַבסטראַקט און ריין טעאָרעטיש פאַרמאָגט ניגערס אַרבעט וועגן דער יידיש־שאַפונג פון מיטן 18טן יאָרהונדערט ביז צום יאָר 1942 (ז׳ 64—ז׳ 178), פאַרשטייט זיך, דאָך אַ גאַנצקייט־אידעע. עס איז די אידעע פון אַלוועלטלעכקייט. די יידישע ליטעראַטור איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּלאַנעטאַרע. איר טעריטאָריע ציט זיך אַן ערד פון אַרגענטינע ביז לענינגראַד אין דער לענג, און פון תל־אָביב ביז וויניפּעג אין מערב־קאַנאַדע אין דער ברייט. זי שטעלט מיט זיך פאָר, אונזער ליטעראַטור, אַ מאַדנעם און וואונדערלעכן בינטל פון לאַנדשאַפט־ריחות. אמת איז, אַז אין די 114 עמודים פון ניגערס אַרטיקל פילט מען אין ערגעץ ניט, ניט אין די פאָרמולירונגען פון שרייבער און ריכטונגען, און אויך ניט אין דעם ריטס פון די שילדערונגען, דעם אַראָמאַט פון די איינצלנע ליטעראַטור־געגנטן אונזערע. אויב אין ערגעץ אַ קאַפּיטל פאַרשמעקט עס יאָ מיט ספּעציפישן לאַנד־געערד, ווערט דער ריח, באַזונדערס ווי „אין ראַטנפאַרבאַנד״ (זז׳ 155—160), אַנגעווייעט פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעמאַטיק, און ניט פון דער ליטעראַטורס אָרגאַנישער צונויפגעוואַקסנקייט מיט דער לאַנד־שאַפט. אָבער דאָס נאָר דרך אגב. וויכטיקער פאַר מיר איז איצט וואָס ניגערס, אַזוי צו זאָגן, פּראַקטיש־דאַרשטעלערישער צוגאַנג צו דער אַלוועלטלעכקייט און אַליידישקייט פון אונזער ליטעראַטור סאַמעוועט ווי צוויי טראָפּן וואַסער מיט אַ געוויסן מין גוט־באַקאַנטן קאָסמאָפּאָליטיזם. אין דער טעאָריע איז מען קאָסמאָפּאָליטיש לויט אַלע דינים, און אין דער פּראַקטיק שרומפּט עפּעס איין די וועלטביר־גערשאַפט און עס ווערט פון איר אַ נאַציאָנאַל־מאַסיווע גרויסרוסיש־קייט. די אַלטע אַמאָליקע סאָציאַליסטישע גרויסרוסישקייט (זי ווערט גענוצט בלויז ווי אַ ביישפּיל) האָט אַ נאָבעלן אידעאיש־קאָסמאָפּאָלי־

טישן אפשטאַם און אַנערקענט טאַקע פּרינציפּיעל אַנדערע נאַציעס ניט ווייניקער פון זיך, און זיך ניט מער ווי אַנדערע, נאָר וואָס דען — זי האַלט די קולטור־פּרעטענציעס פון די ווייסרוסן, ליטווינער, געאָרגיער און יידן פשוט פאַר צו אומוויכטיק און פאַר . . . אַנטי־קאָסמאָפּאָ־ליטיש.

אויך ניגערס אַלוועלטלעכקייט אַנערקענט מן הסתם אין פּרינציפּ אַלץ ווי ס׳דאַרף צו זיין. אין דער פּראַקטיק אָבער ווערט פון אונזער ליטעראַרישער פּלאַנעטאַרישקייט ניט מער ווי אַ קאָמפּאָזיציע פון דריי טעריטאָריעס (פּוילן, אַמעריקע און רוסלאַנד). אַלע איבעריקע ישובים זיינען צו קליין, צו אומוויכטיק און צו . . . לאָקאַל־פּאַטריאַ־טיש.

און אפשר איז דאָס אויך אַ פראַגע פון אַ עוקץ פּאָעטישקייט און פון אַ ביסל טרוימערישער גלויביקייט, וואָס העלפט אַרומנעמען מיט דעם גייסטיקן אויג די גאַנצקייט און איינצוגלידערן אין איר אפילו דעם נאָך ניט געבוירענעם פּרט? י. ל. פּרץ האָט ביים אויסלעש פּוילן אין ערשטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַ חלום געטאָן וועגן אַ פּלאַם, וואָס קען אויפגיין ערגעץ אויף דער רומענישער פּע־ריפעריע. און ניגער האָט דאָס ליכטל אַפילו, נאָכדעם ווי עס האָט זיך בפירוש אָנגעצונדן, אויך ניט דערזען.

פאַר ניגערן האָט ניט אַ מעהע געטאָן ניט דעמאָלט, און ניט אַפילו איצט, אויף דער דיסטאַנץ פון קנאַפּע דרייסיק יאָר, קיין שום סימבאָלישער צייכן אויפן הימל פון אונזער קולטור־גאַנצקייט. און אַזאַ צייכן איז בפירוש געווען. אין יאָר 1915 איז אַרויס, אַזוי צו זאָגן, אונטער דער סאַמע נאָז פון פּויליש־יידישן חורבן, אין דער רומענישער קרוינשטאָט יאַס, דאָס ערשטע העפטל פון אַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „ליכט״. דערמיט האָט זיך אייגנטלעך אין יענע דרום־מזרחדיקע קאַנטן אָנגעהויבן דאָס, וואָס מיר רופן אָן מיט דעם נאָמען: מאָדערנע יידישע קולטור־און ליטעראַטור־באַוועגונג. יענע פינף העפטלעך „ליכט״ (אַרויסגעגעבן פון יעקב גראָפּער, יעקב באָטאָ־שאַנסקי א״א) זיינען געווען אַ פּראָוו און, ווי עס האָט זיך אין די שפּעטערע צוואַנציק יאָר אַרויסגעשטעלט, אַ צום טייל געלונגענער פּראָוו, איינצוגלידערן אַ נייעם ישוב אין דער יידישער קולטור־שאַפונג.

אויף די וועגן פון דער יידיש-ליטעראַטור

איז אַט דער נס פון יאַס, וואָס איז געשען דוקא אין 1915, ניט וויכ־טיקער, ניט סימבאָלישער און ניט קאָנקלוזיווער פאַר דער גאַנצקייט פון אונזער ליטעראַטור ווי דער פעטראָגראַדער פאַרלאַג „טאָג", פאַר קליינע געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישע זאַמלביכלעך, און דער דאָרטיקער ליטעראַרישער זאַמלבוך צום אָנדענק פון שלום־עליכם, וועגן וועלכע ניגער זאָגט אַז „דאָס זיינען די אויסנאַמען, וואָס באַשטעטיקן דעם כלל פון חורבן, וואָס די מלחמה פון 1914 און דערהויפּט די גזירה פון יולי 1915, האָט אָנגעמאַכט אין דער יידישער ליטעראַטור פון רוסלאַנד"? (ז' 152).

אודאי ווייסט ניגער, אַז עס זיינען אַ חוץ פון די דריי צענטערן, וואו מען בראַדזעט ממש אין אַ שפע פון מאַטעריאַל און נעמען, נאָך פאַראַן אויך אַנדערע קלענערע לענדער, וואָס „ווען מיר ריידן וועגן רוסלאַנד, דאַרפן מיר צורעכענען צו איר אויך די שכנישע מזרח־איי־ראָפּעאישע לענדער: גאַליציע, בוקאָווינע, רומעניע, וואָס אין יידיש־ליטעראַרישן זינען זיינען זיי געווען אַ פּעריפעריע" (ז' 141), אָבער אויף דער דאָזיקער פּעריפעריע האָט ער ווייזט אויס קיינמאָל קיין אויג ניט געוואָרפן און אַפילו ניט ריכטיק געוואוסט, צי די דאָזיקע געגנטן זיינען בכלל ערגעצוואו יידיש־קולטורעל באַוואוינט. איך זאָג דאָס מיט אַזאַ כמעט־זיכערקייט, ווארום פאַר די ערשטע צוואַנציק יאָר פונם 20טן יאָרהונדערט (אויף אַן ערך דעם ציטאַפּשניט באַציט זיך דער נאָר וואָס געבראַכטער ציטאַט) וועט איר ניט געפינען אַפילו ניט איין איינציקן נאָמען פון אַ יידישן פּובליציסט, ניט איין און איינציקן נאָמען פון אַ צייטשריפט און ניט איין און איינציקן אַנדערן געזעל־שאַפטלעך־ליטעראַרישן אויפטו, וואָס זאָל באַלאַנגען צו דער פּערי־פעריע. און ניט וועגן דעם גייט עס, וואָס אין גאַליציע און אין בוקאָ־ווינע האָט זיך אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה דוקא גערודערט מיט געזעלשאַפטלעכן קאַמף אויף יידיש און פאַר יידיש; וואָס אָרום די טאָג־בלעטער מיט מער אָדער ווייניקער געדויער, אָרום די פּאַרטייאישע וואָכנבלעטער און אָרום יערלעכע קאַלענדאַרן האָבן געשפּראָצט די אָנהייבן פון דער גאַנצער פּלעיאַדע יידיש־דיכטער וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי איז דערנאָך רייף געוואָרן אין אַמעריקע און וואָס דאָרט זיינען אין יענע יאָרן אויפגעקומען געוויסע זשורנאַליס־

טישע כוחות (לייבל טויבעס, גרשם באַדער), וועלכע פאַרדינען אַז און פאַר זיך דערמאָנט צו ווערן צוליב דער אומגעהייערער אידעאַי־שער השפעה, וועלכע זיי האָבן אויסגעאיבט אויף אַ גרויסן שטח, לאָז זיין, פון פעריפערישן יידישן לעבן — עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס אַנדערש און וועגן עפּעס מער און דהיינו, וואָס איז שייכות צו דער גאַנצקייט פון דער יידיש־ליטעראַטור איז וויכטיק די ספּעציפישע פאַרב, וועלכע די פעריפעריע האָט אַריינגעבראַכט און וועלכע ניגער האָט ניט געזען אָדער איגנאָרירט. דער ספּעציפיש גאַליציש־בוקאָווי־נער, אָדער בעסער געזאָגט, עסטרייכישער קאָליר איז געווען דער לעגאַליסטיש־אָפּאָזיציאָנעלער גייסט פון דער יידישער פּובליציסטיק און דער אויפקום פון דער דייטשער (מחוץ היינע) השפעה אין דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור.

און דאָ, אויב עס גייט שוין וועגן טיפע גייסטיקע השפעות אויף די „קרעסען" פון יידיש־רוסלאַנד, מוז איך זיך אויך איינשטעלן פאַר אַזאַ וויכטיקן יידיש־שרייבער פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונ־דער, ווי וועלוול זבאַראַזשער־ערענקראַנץ. ער, דער גאַליציאַנער, איז ניט נאָר דער טאַטע פון דער יידיש־ליטעראַטור אין רומעניע (וואָס פאַר אַ שיינער סימבאָל פון אונזער אַלוועלטלעכקייט!) ניט נאָר אַ וויכטיקער פּראָטאַגאָניסט פון דער סאָציאַלער און פון דער חיבת־ציון ליטעראַטור ביי אונז, נאָר אויך דער, וואָס זיינע פּאָעטישע השפּעות האָבן געלעבט אין אַ יידישן ישוב, כמעט פולע זיבעציק יאָר, ביז קנאַפּ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. לויט וועלכן קריטעריום פון אָפּ־שאַץ פון ווערט און פון אויסערגעוויינטלעכער באַדייטונג פאַר אַ טייל פון דער גאַנצקייט און ממילא אין אַ היפּשער מאָס אויך פאַר דער גאַנצקייט אַליין, ווערט דער פּרעכטיקער יידיש־טרובאַדור און באַהעם וועלוול זבאַראַזשער אָפּגעקומען מיט געציילטע צוויי אַ האַלב שורות (ז' 106), און דער לעזער קען אַפילו ניט געוואויר ווערן די נעמען פון זיינע צוויי באַרימטע לידער־ביכער „מקל־נועם" און „מקל חובלים", בשעת מען אינפאָרמירט אים יאָ, מיט גרויס פּינקטלעכקייט וועגן פאַלקאָוויטשעס „ר' חייקל קצין" און „רחלע די זינגערין"? און לעבן וועלוול זבאַראַזשער דאַרף ניט פאַרגעסן ווערן איינער, וואָס לויט זיינע פּאָעטישע מעגלעכקייטן און לויט דעם היקף פון זיין גייסטיקער

השפעה איז ער מן הסתם געווען ניט אַן ערך קלענער, אָבער ער איז אין משך פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען דער באַדייטנדסטער שעפער פון יידיש־וועלטלעכקייט אין יענעם טייל פון יידיש־אונגאַרן, וואו עס איז נאָך עד־היום וואָד און שאַרף דער ממש מיטלאַלטערלעכער ריח פון פרומקייט און רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ. אין זיינע אַרטיקלען, לידער, הומאָרעסקן און דערציילונגען איז הערש לייב גאָטליב, בעסער באַקאַנט אונטערן נאָמען הערש לייב סיגעטער (געשט׳ 1930 אין מאַרמאַרעש־סיגעט, אין עלטער פון 101 יאָר), געווען אין יענע קאַנטן דער אַלצאַיינעם פון ליטעראַרישע מאָטיוון און תכליתן. ער איז געווען אַ שטורמישער קעמפער פון השכלה, אַ פאַרבענקטער ראָמאַנטיקער פון ציון, אַ טרוימער פון נאַציאָנאַלן אויפלעב, אַ פּרעדיקער פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און האָט אויך . . . „געזונגען ווי דער פויגל זינגט״, כ׳מיין וועגן אַזעלכע „קונסט פאַר קונסט״־מאָטיוון, ווי יחידישער עלנט און נאַטור־שיינקייט.

און קען דאָס זיין אין הסכם מיט דעם סיסטעמאַטישן איבערבליק איבער דער גאַנצקייט פון דער יידישער ליטעראַטור און פאַרגאַנגנהייט און אין קעגנוואַרט, אַז אין דעם איבערבליק זאָל ניט פאַרצייכנט ווערן אַפילו מיט איין וואָרט אַ פּערזענלעכקייט ווי הערש לייב סיגעטער, וואָס זיין יידיש־שאַפן שפּרייט זיך אויס מיט געזעלשאַפטלעכער השפעה איבער דער גאַנצער צווייטער העלפט פונם נייצנטן יאָרהונדערט און שפּאַרט אַריין אין דער קעגנוואַרט מיט אַ גרופּע מאָדערנע דיכטער און דערציילער (יוסף האַלדער, בערל שנאַבעל, יחזקאל רינג א״אַ), וואָס באַטראַכטן, מוזן באַטראַכטן פאַר זייער גייסטיקן פאָטער דעם מתושלח פון מאַרמאַראָש־סיגעט.

איך וואָלט ווייטער געקענט פאַרווילן אין יענע דרום־מזרחדיקע און דרום־מערבדיקע פּעריפעריעס פון יידיש־רוסלאַנד און אָנווייזן אויף שרייבערישע און געזעלשאַפטלעכע אויפטוען וואָס זיינען רעפּרעזענטאַטיוו פאַר דער גאַנצקייט פון אונזער ליטעראַטור, נאָר איך צי מיך אַרויס, ווייל איך וויל, אַז דער געוויסער מין פון קעסאַקע פּסיכאָלאָגן ביי אונז, וועלכע שמייכלען מן הסתם ביי די לעצטע עטלעכע פּאַראַגראַפן איבער מיין „לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם״ זאָלן זיך קענען אָפּרוען פון זייער הנאה. וועל איך דערפאַר צייטווייליק לאָזן אַז אַ

זייט די געאָגראַפישע פאַרקריפּלונג פון דער ליטעראַטור־גאַנצקייט, וואָס איז, ווי כ׳האָב, דאַכט מיר, ביז איצט געוויזן, געקומען צום אויסדרוק דורך אונטערשאַצונג אָדער איגנאָרירונג פון די ליטעראַרישע ראשונים אויף דער פעריפעריע. ווייל ניגער האָט דאָרט די גייסטיקע פאָטערס ניט געזוכט, האָט ער אויך פון די דורות זייערע קיין נאָטיץ ניט גענומען, און פאַרקערט (עס איז מן־הסתם על־פּי כשוף), ווייל ער האָט די קינדער ניט געזען, האָט ער נאָך די טאַטעס ניט געפרעגט.

„שטאַמביימער״ אין דער פּאָעזיע

אָבער אויך אין די גרויסע ליטעראַרישע צענטערס, אין דער סאַמע מיט פון אַ רייכן משפּחה־געזינדל, האָט ניגער אין זיין ענציקלאָפּעדיע־אַרבעט ניט אַרויסגעוויזן פיל פאַרשטענדעניש פאַר שעפערישער גענעאַלאָגיע. וואָרום עס איז ניט נויטיק קיין איבעריק אָנגעשטרענגט קלעטערן (און פאַר ניגערן אודאי ניט) איבער די „שטאַמביימער״ פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע כדי אויסצוגעפינען, אַז עס צווייגן זיך אין איר אָפּ צוויי עיקרדיקע ליניעס פון דיכטערישע מאָטיוון: היסטאָריש־נאַציאָנאַלע גייסטיקייט און יידישע פאָלקסטימלעכקייט. אויףביידע גענעאַלאָגישע שליאַכן סטאַרטשען ראשונדיק אַרויס פון ווייט אַנזעעוודיקע דיכטער־געשטאַלטן, וואָס דינען ווי אָריענטיר־צייכנט פאַרן קריטיקער, פאַרן פאָרשער, רופן אים צוריק פון בלאָנדזשענישן צווישן די געדיכטענישן פון נעמען און ווערק־צופעליקייטן, צוריק אויף די הויפּט־וועגן, וועלכע האָבן זייער געזעצלעכן שעפערישן פון וואַנעט און וואוהין, און וועלכע גיבן די פּערספּעקטיוון איבער דער גאַנצקייט פון שלשלת היוחסין. יעדער עכטער יידישער דיכטער, ניט קיין חילוק צי אין איינעם פון די דריי אַזוי גערופענע צענטערס, צי ערגעץ אויף דער קולטור־פעריפעריע פון אייראָפּע און אַמעריקע איז ערגעץ וואו קינסטלעריש פאַרוואָרצלט אין איינעם פון די דערמאַנטע צוויי שאַפונגס־תחומים. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער וויכטיקער דיכטער וועט האָבן זיין אייגענעם איכיסטישן צוגאַנג צו זיין „מיר״־פּראָבלעמאַטיק און אויך זיין אייגענעם אינדיווידועלן געשטאַלטונגס־טעמפּעראַמענט. און די דאָזיקע איכיסטישע קינסטלערישע וואָפן וועלן

אויף די וועגן פון דער יידיש־ליטעראַטור

אַלע מאָל מן הסתם זיין אַ רעזולטאַט, דאַכט מיר, אין ערשטער ריי פון דער נאַטור־סביבה און דערנאָך פונם גוייש־עטנישן אַרום אין וועלכן דעם יידיש־שעפער קומט אויס צו לעבן. אַן אויספאָרשונג פון דעם לאַנדשאַפט־רעגיאָנאַליזם און זיין השפעה אויף דיכטער און ווערק אין אונזער ליטעראַטור וואָלט, אגב, געווען אַ דאַנקבאַרע אַרבעט פאַר איוואַ־אַספּיראַנטן.

מיר קערן זיך אום צו די צוויי דערמאָנטע הויפּט־שליאַכן פון יידישער פּאָעזיע. די דיכטער־געשטאַלטן וועלכע, ווי איך האָב פריער געזאָגט, סטאַרטשן אַנזעעוודיק אַרויס אויף די דאָזיקע וועגן מוזן ניט דוקא זיין אויך די סאַמע גרעסטע לויט זייער שעפערישן באַדייט און פאַרנעם. זיי זיינען אָבער אַלע מאָל די וואָס אין זיי פאַרקערפּערט זיך אַמבולטסטן, אַמגעדיכטסטן דער מאָטיוון־קאָמפּלעקס פון איין שאַ־פונגס־צווייג און מען קען דערפאַר דורך זיי אַמבעסטן און אויך אַמ־לייכסטן האָבן אַן איבערבליק איבער די מחנות אין זייער גאַנג, איבער זייערע פּאַראַלעלע ליניעס און איבער זייערע קרייצפּונקטן. און זען קען מען אויך פון אַט דער גינסטיקער פּאָזיציע פון א. ליעסין (וועג פון היסטאָריש־נאַציאָנאַלער גייסטיקייט) און פון אַברהם רייזען (וועג פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט) ווי אַזוי דער וויטערער דור האָט די מאָטיוון פאַרטיפט, געשליפן, ניואַנסירט און מיט פרעמדע השפּעות געקרייצט. פון דער פלאַם־געדיכטקייט פון ליעסינס העראָאיזם־טעמאַטיק איז לייכט צו זען אפשר ניט אַזוי, אַז פון אים שטאַמען אַפּ כמה וכמה יונגערע יידישע דיכטער, נאָר אַז די יונגערע געפינען זיך אויף דעם זעלבן וועג, אָפּט מיט מער כוח פון אים, און אַז ביים סוף פון דער ליעסין־ליניע שטייט היינט־צו־טאָג ווי דער באַדייטנדסטער פון די סאַמע אינגסטע — חיים גראַדע.

און אויפן וועג פון פאָלקסטימלעכקייט איז דער סאַמע אַנזעעוו־דיקסטער צייכן — אַברהם רייזען. ווען מען איז רייזענען בלויז באַשיידן מצרף צו צייטלעך און צענטער־מעסיק באַשטימטע גרופּעס, און מען ווייזט ניט אַן אין אַ ענציקלאָפּעדישער אַרבעט, וואָס דאַרף נאָך דערצו זיין אַ סיסטעמאַטישער איבערבליק איבער דער גאַנצער יידישער לי־טעראַטור, אויף זיין באַזונדערער באַדייטונג, און מען בלייבט אַזוי אַרום געטריי דער אייגענער רעצענזיע־מיינונג, באַגייט מען מן הסתם

אדער יאָ אדער ניט אַן אומרעכט קעגן רייזענען פּערזענלעך. גיכער יאָ, ווי ניט. און ניט גיכער, נאָר טאַקע זיכער, יאָ. ווארום אברהם רייזען פאַרפּיקסירט אין זיין צייט, האָט געשאַפן די ערשטע אייזערנע בריק פון פאָלקס־ליד צו אינדיווידואַליסטישער פּאָעזיע. איך זאָג „אייזערנע בריק", ווייל נאָך רייזענס יחידיש־לירישער דערגרייכונג אויף דער קאַנווע פון פאָלקס־פּאָעזיע איז שוין דער אַריבערגאַנג פאַר אַלע דיכטער נאָך אים, געווען אַ געזיכערטער. און ערשט רייזענס ליד מיט זיין פּערז, מיט זיין שפּראַך און מיט זיין כלומרשט פּשוטן, אָבער אָפּט ראַפינירטן נוסח איז געווען די בעסטע און קלאָרסטע פאַר־מולע פון אַן אינדיווידואַליסטישער לירִיק, וואָס נוצט זיך מיט מאָטיוון, מיט וועלכע עס וואָלט זיך אויך געקענט נוצן דאָס פאָלקס־ליד. און אַ חוץ דעם לאָזט דאָך אונז עפּעס הערן די געוואַלדיקע גמזעלשאַפט־לעכע השפּעה פון רייזענס ליד אויף אַזויפיל לייענער, הערער און זינגער, וואָס, דאַכט זיך, קיין אַנדערער מאָדערנער יידישער פּאָעט האָט אין זיין צייט און אויך היפּש שפּעטער ניט געהאַט. און די ווירקונג האָט זיך דערצו אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אונזער פּלאַנעטאַרישן פּובליקום.

און אַזוי אַרום ווערט אויך די אונטערשאַצונג פון רייזענען דעם פּאָעט, דאָס פאַרפּיקסירן אים אין ערגעץ אַ רעצענזיע פון אַ קריטיקערס העכסט־פּערזענלעכן געשמאַק, אַן עוולה קעגן דעם איבערבליק איבער דער גאַנצקייט פון דער ליטעראַטור. און די עוולה ווערט פאַרטיפט, ווען איר ווייסט אַז עס איז אין דער מאָדערנער פּאָעזיע, ווי געזאָגט, ניט פאַראַן קיין מער אַנזעעוודיקער סימבאָל פאַר דעם צווייג „פאָלקס־טימלעכקייט", ווי רייזען. פון דעם זינגער פון אַ „געזינד זאַלבעאַכט" פירט אַ גלייכע ליניע צו די דיכטערישע דערגרייכונגען פון אַ קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, איציק מאַנגער, איזי כאַריק און אפשר אויך משה קולבאַק. צווישן רייזענען און די פריער דערמאָנטע מאָלאָדאָווסקי, מאַנגער און אַנדערע איז פאַראַן ערגעצוואו אַ בפירוש בולטע קרובהשאַפט. אַוודאי איז, למשל, אין מאַנגערס פאָלקלאָריזם, אין זיין וואונדערלעכן באַלאַדע־עפּילאָג צום יידישן פאָלקס־און וויג־ליד, פאַראַן מער בלוט פון גאָלדפאַדענען און פון וועלוול זבאַראַזשער איידער פון רייזענען. אָבער דאָס איז פאַר קיין שום פאַל

ניט קיין סתירה צו מיין פריערדיקן אויספיר. בלוט־דאַזירונג איז אַ פראַגע פון אויספאָרשונג, אָבער פון דער רייזען־פּאָעזיע לאָזט זיך, אַזוי צו זאָגן, פיזיאָגנאָמיש, אויפן ערשטן בליק דערקענען, אַז מאַנגער און מאָלאָדאָווסקי און אַנדערע באַלאַנגען צו איין משפּחה־צווייג אין אונזער פּאָעזיע. רייזענס יחידיש־ליריש דעראַבערונג פון דער פאָלקס־טימלעכקייט איז דער וויכטיקער קנופּ־פּונקט פון וועלכן עס איז פאַראַן אַ פרייער אויסבליק צו קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס „פרייידקע״, צו איר הומאָר פון די כאַדאַקעס און צו איר פילאָזאָפיע פון זעליק איינבינדער. און פון רייזענען ביז קאַדיע מאָלאָדאָווסקי און מאַנגערן איז אויך לייכט צו זען דעם אויפשטייג פון אונזער מאָדערנער פּאָעזיע, פון איר עגאָטישן לאַמענט און לירישן השתפכות הנפש צו כמעט עפּישער אָביעקטיווקייט. דער זעלבער גאַנג קען אויך פאַרצייכנט ווערן אויף דער אַנדערער הויפּט־ליניע, איך מיין, אויף דער ליניע פון דער „נאַציאָנאַלער גייס־טיקייט״.

מיר דאַכט דערפאַר, ניין, עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז ווען אַ קרי־טיקער קומט אונז געבן אַן איבערבליק איבער דער גאַנצקייט פון אונזער פּאָעזיע, פאַרגעסט דערביי אברהם רייזענען אין ערגעץ אַ ווינקל און שילדערט אונז ווי עפּעס אַ כאַראַקטעריסטישן מאָמענט אין דער פּויליש־יידישער דיכטונג די „לעסטער־כאַליאַסטרע״ און ראַוויטשעס „פּוי אויף דער עסטעטיק״ איז ער געגליכן צו אַ רייזע־באַשרייבער, וואָס איז געווען אין אַ שווייצאַרישער שטאָט און האָט צו דערציילן ניט אַז עס פירן פון דאָרט בכלל וועגן אָדער גוטע וועגן אויף די גראַנ־דיעזע בערג פון אַרום, נאָר אַז אין יענער עיר ואם איז אַנומלט אויסגע־בראָכן אַ זונטיק־רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך געענדיקט אינאיינעם מיטן זונטיק און קיינער האָט זי שוין מאָנטיק ניט געדענקט.

כ׳וויל דערמיט זאָגן, אַז ניגער האָט אָנשטאָט צו ווייזן אונז די געזעצלעכע אַנטוויקלונגס־ליניעס פון דער יידיש־פּאָעזיע, און די ברייטע שליאַכן אירע פון מאָטיוו און געשטאַלטיקונג — אונז געבראַכט אַ שפע פון שטאַף־דעטאַלן: סטאַטיסטיק פון טעגלעכע און וועכנטלעכע אויסגאַבעס אין די צענטערס, נעמען פון פאַרלאַגן, נעמען און שורה־דיקע כאַראַקטעריסטיקעס (אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער געלונגענע) פון עטלעכע וויכטיקע דיכטער און נעמען אין לאחדים אין פּוילן, אין

אַמעריקע און דער עיקרשט אין ראַטן־פאַרבאַנד, נעמען וואָס זיינען צופעליקע, זאָגן גאַרניט און די מייסטע פון זיי האָבן געקענט פאַר־שוויגן ווערן מיט ניט ווייניקער אכזריות ווי די באַוולהטע דיכטער אויף די „קרעסן״.

אבער לאָמיך פון מיין זייט ניט באַגיין קיין אומרעכט. און עס וואָלט בפירוש געווען אַן עוולה צו „פאַרקרעסעווען״ דעם פאַקט, אַז וואָס שייך סינטעז־פּרוּוון פון דער יידיש־אַמעריקאַנער פּאָעזיע מיט „אייראָפּעאישקייט״ האָט ניגער געגעבן, ווי מיר דאַכט, קאָרעקטע פּאָרטרעטן פון די צוויי וויכטיקע גרופּעס אירע: „יונגע״ (ז׳ 149) און „אינזיך״ (ז׳ 168). און וויכטיק איז אויך, וואָס ניגערן איז געלונגען אַרויסצואַרבעטן טיילווייז דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן הינטערגרונט פון דער ליטעראַטור אין אַלע דריי טעריטאָריעלע הויפּט־צענטערן אירע, הגם ער האָט דאָס בילד אָפּטמאָל איבערגעלאָדן מיט אַזעלכע אומנויטיקע און שוין צו מאַרקסיסטיש פּריקרע דעטאַלן ווי אַז אין אַמעריקע פון נאָך דער וועלט־מלחמה „האָט מען אָנגעהויבן לעבן ברייט, מען האָט ניט געקאַרגט קיין געלט אויף לוקסוס־זאַכן, איז מען ווילין געווען אויך אויסצוגעבן און צו קויפן ביכער״ (ז׳ 167). אַזאַ עקאָנאָמישער דעטאַל ווערט פּריקרע ווען מען ווייסט אַז יידישע שרייבער, וואָס זיינען דוקא ניט זאָט און זייער הוצאה אויף לוקסוס־זאַכן איז אַ ניש־טיקע אָדער זי עקזיסטירט בכלל ניט, גיבן פון דעסטוועגן אַרויס ביכער און רעכענען זיך ניט מיט מאַרקסיסטישע געזעצן. און די קונים האָבן זיך, דאַכט זיך, אויך איינגעשפּאַרט אַקעגנצואַרבעטן אַלע עקאָנאָמישע דינים און טוען ווי זיי אַליין געפעלט. און זיי געפעלט אַזוי: איז אַ קריזיס קויפט מען, פאַרשטייט זיך, ניט קיין ביכער. קומען אָבער די זאַטע יאָרן — האָט מען ערשט רעכט ניט קיין באַדערפעניש פאַר ספרים, לכל הפחות, ניט פאַר יידישע ספרים.

הויפּטוועגן פון דער פּראָזע

פון דעם געזעלשאַפטלעכן הינטערגרונט וועלכן ניגער מאָלט מיט געלינגגשאַפט אין אַ גרויסן טייל פון זיין אַרבעט פּראָפּיטירן ביידע הויפּט־זשאַנרען פון אונזער ליטעראַטור, איך מיין די פּאָעזיע און די בעלעטריסטיק. אבער אַז עס קומט צום קריטישן אַנאַליז פון דער

קינסטלערישער פּראָזע, צו שאַפן אַ ביסל ליכט אויף די שטעגן און וועגן פון איר אַנטוויקלונג, אַרויסצושיילן קרובהשאַפטן און אויסצו־געפינען ליניעס פון השפּעה, האָט די פּראָזע ביי ניגערן נאָך אַ סך אַן ערגערע מערכה ווי די פּאָעזיע. אין אַלע דריי צענטרען זיינען ווי באַלד מיר האָבן אַריבערגעשפּרייזט איבער אייזיק מאיר דיק און אי־בער די קלאַסיקער און זיינען אַנגעקומען צו אונזער דור, ניט צו געפינען אין דער גאַנצער אַרבעט ווי נאָר אַזעלכע פאָרמולירונגען: „אויפן געביט פון ראָמאַן האָבן זיך אויסגעצייכנט" (עס פאָלגט אַ רייע פון נעמען); „אין דער דערציילונגס־ליטעראַטור האָבן אַנטיילגענומען" (עס קומט אַן אויפשטעלונג פון נעמען) און „האָבן באַוויזן צו באַריי־כערן מיט אַזוינע דערציילונגען און ראָמאַנען, ווי די וואָס האָבן געשריבן" (עס שפּרייט זיך אַ לאַנגע שורה פון נעמען).

די טעכניק פון „אַזוינע דערציילונגען" און פון שורות נעמען, דער־מאָנט אין יענער צייט אין דער קונסט פון מאַלעריי ווען מען האָט נאָך ניט געוואוסט ווי אַזוי אַרויסצוברענגען די פּערספּעקטיווע דורך ליניעס און פאַרבן און צו געבן דאָס בילד פון דער זאַך אין רוים אין אַלע אירע דריי דימענזיעס. דעמאָלט, אין דער פאַר־רענעסאַנס־צייט, האָבן „גויים־למדנים" זיך געהאָלפן דערמיט וואָס זיי האָבן געקעסטלט דעם פלאַך, צעטיילט אים אויף קליינע און קלענערע שטחים און אַזוי אַרום געפּרואווט געבן די אילוזיע פון טיפקייט.

אויב ניגער האָט מיט דער צעברעקלונג פון דער יידיש־קינסט־לערישער פּראָזע אויף אַ סך נעמען אינזינען געהאַט דעמזעלביקן צוועק ווי יענע מיטלאַלטערלעכע מאַלערס, האָט ער אים פאַר קיין שום פאַל ניט דערגרייכט. די שפע פון נעמען גיט אונז ניט קיין שום פאַרשטעלונג ווי אַזוי די מאָדערנע פּראָזע אונזערע איז אין משך פון די לעצטע פערציק יאָר אויפגעשטיגן וואָס שייך סוזשעט פון אַן אַנאָנימען קאָלעקטיוו אין שטעטלעך מיט צונעמענישן און ביי טייכן מיט פּסעוודאָנימען צו אַ ליטעראַטור פון יחידישער קאָמפּליצירטקייט אין ראָמען פון אַ ווירקלעכער געאָגראַפיע און פון אַ רעאַלער צייט־אָט־מאָספער... און עס איז ניטאָ קיין סימן פון אַנדייט וועגן דעם ווי אַזוי אונזער פּראָזע איז דערגאַנגען פון „פישקע דעם קרומען" צו „פענעק" און צו „ברידער אשכנזי" און פון די „פאָלקסטימלעכע גע־

שיכטן״ צו די „פוילישע וועלדער״ און צום „תהלים־ייד״, הגם דאָס וואָלט דאָך בלי שום ספק געווען פון גרויס אינטערעס פאַר אַן איבער־בליק איבער דער גאַנצקייט פון אונזער ליטעראַטור אין דער פאַר־גאַנגנהייט און אין דער קעגנוואַרט. און ניט נאָר איז פאַר אַזאַ מאָנאָגראַפיש אויסשעפּנדיקער אַרבעט וויכטיק צו געבן אַ בילד פון דעם פּאַנאָנדערוואוקס פון טעמאַטיק און פון ליטעראַרישע מאָטיוון, נאָר אויך פון דער אויסברייטערונג פונם קינסטלערישן בליק אויפן לעבן און פון דער פּאַרטיפונג פונם געשטאַלטונגס־אָטעם, וועלכע אַלע אינאיינעם האָבן מיר צו פאַרדאַנקען איינע פון די סאַמע גרעסטע דער־גרייכונגען פון אונזער ליטעראַטור, איך מיין דעם ראָמאַן, דעם היס־טאָרישן און דעם רעאַליסטישן.

קען זיין, אַז ס׳איז טאַקע אמת, אַז די חסידישע מעשה איז דער אָנהויב און דער „אָנזאָג פון דער נייער דערציילערישער ליטעראַטור״, (ז׳ 70). הגם ס׳קומט דעמאָלט אויס אַ ביסל פּאַראַדאָקסאַל, וואָס דוקא די ערשטע גרויסע דערציילער אויף יידיש, ווי א. מ. דיק און מענדעלע, האָבן געשטאַמט פון דער ליטע וואו די חסידישע ליטעראַטור האָט געהאַט אַזוי ווייניק השפעה. איך עפן אַ פּאַראַנטעז. מיר דאַכט טאַקע דערפאַר און ניט נאָר דערפאַר, אַז ניגער איבערשאַצט אפשר דעם ריין דערציילערישן באַדייט פון דער חסידישער לעגענדע. דער עיקר־אויפטו פון דער חסידישער פאָלקס־ליטעראַטור, גלויב איך, איז געווען דאָס וואָס זי האָט אין דער יידישער וועלט פון רעליגיעזע אַבסטראַק־ציעס באַשאַפן אַ קאָנקרעטע גאָט־פאַרשטעלונג, עפּעס אַ יידישע מיטאָלאָגיע. זי האָט אָנגעקניפּט גוט־ברודערישע באַציאונגען צווישן ייד און רבונו של עולם, צווישן דעם צדיק און די געהיימע כוחות, וואָס רעגירן די וועלט. און גוט־ברודערשאַפט? — אַזוי הויבט זיך אָן די קעגנערשאַפט, די טענה, דער רעוואָלט, בקיצור, אַזוי ווערט געבוירן דער דראַמע־מאָטיוו. אין דער חסידישער מעשה איז בכוח און אַ סך מאָל טאַקע בפועל פאַראַן דער שטאָף פאַר העכערן דראַמאַ־טישן צונויפשטויס, איך מיין ניט דער שטאָף פאַר אַ רעאַליסטישן קאָנפליקט, נאָר פאַר אַ גערעאַנגל מיטן גורל. אָט דאָס „גריכישע״ אין חסידות קומט צום אויסדרוק אין די העראָאישע געשטאַלטן פון פּרץ׳עס דראַמעס און פון אַשס און אָפּאַטאָשוס ראָמאַנען און דערציילונגען.

און חסידות איז אין ליטעראַריש־שעפערישן זין געווען אויך אַן איבער־בעט מיטן עטנישן אַרום און אַ גרייטקייט צו אידעאישע השפּעות פונעם אַרום.

איך פאַרמאַך דעם פּאַראַנטעז. אויב פון דער חסידישער מעשה הויבט זיך טאַקע אָן, ווי ניגער מיינט, די נייע דערציילערישקייט ביי אונז, איז דאַך פאַר אַן ענציקלאָפּעדישער אַרבעט כדאי אָנצואווייזן כאָטש אין גרויסע ליניעס דעם מהלך וועלכן עס האָט דורכגעמאַכט די יידישע פאָרם, די יידישע שפּראַך און סטיל אין משך פון די הונדערט פופציק יאָר פּראָזע. איז מילא פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער ביז ר׳ מענ־דעלען, איך מיין פון דער ערשטער אָפּגעהיטער שפּראַך צו דער אויסבילדונג פון אַ קולטיווירטן יידיש־ליטעראַרישן נוסח האָט איר אין ניגערס אַרטיקל אַ סך מאַטעריאַל און הגם דער שטאָף איז דוקא אין דעם פּרט ניט תמיד איבערבליקעריש באַלויכטן, וועט עס דעם געניטן און קולטורעל אין אַ געוויסער מאָס צוגעגרייטן לייענער (און פאַר אַזאַ קורא־ותיק איז דאַך די ענציקלאָפּעדיע באַשטימט) ניט שווער אָנקומען אויסצוציען אַ מער אָדער ווייניקער פּינקטלעכע ליניע פון אויפשטייג. אָבער אַז עס קומט צום אמתן פאַנאַנדערבלי פון דער פּראָזע, צום איבערגאַנג פון נוסח צו סטיל, פון פאָלקס־שפּראַך־מאָבי־ליזאַציע און עקלעקטישן אָפּקלייב פון ווערטער און אידיאָמען צו אַלץ ניואַנסירטערן קינסטלערישן צמצום, דעמאָלט וועט אַפילו דעם בעסטן, דעם סאַמע בעסטן לייענער ניט קענען אַרויסהעלפן ניט זיין פאַנטאַזיע און ניט זיין געניטשאַפט, וואָרום עס פעלט אין ניגערס אַרבעט די מינדסטע פאָרמולע, דאָס מינדסטע וואָרט, דער מינדסטער רמז לויט וועלכן ער זאָל זיך קענען אָריענטירן, סיידן די נעמען גופא. אָבער דוקא די נעמען, צונויפגעשטעלט אַן און פאַר זיך און אַן אַ שום אָנוואונק אויף אַ סדר, פאַרפּלאָנטערן דעם לייענער און ער קען זיך קיין שום עצה ניט געבן.

פונדעסטוועגן, לאָמיר אָננעמען, אַז עס האָט זיך געטראָפן אַ לייענער, מיט אַ באַזונדער וואַכיקן אויג און ער האָט אַנטדעקט, אַז ניגער האָט אויף צוויי פון די פילע נעמען אָנגעטאָן אַ קריינדל־פאַר־מולע אַזוי אָנצוטאָן: „שלום אַש און י. י. זינגער — זיינען איבער־געזעצט און שטאַרק געלייענט געוואָרן אויף ענגליש און אויף אַנדערע

שפּראַכן״. נעמט דער לייענער באַקוקן די שטיינדלעך אין דער קרוין און ער זעט אַז עס איז אין זיי ניט פאַראַן קיין שמץ ליכט אויף צו באַלייכטן ניט נאָר ליטעראַרישע שטאָם־לייטערס, נאָר אַפילו זיי אַליין אַשן און זינגערן קען מען ביים שיין פון דער דאָזיקער קרוין־פאָרמולע אויך ניט דערקענען. ווייל וואָס האָט שוין צו דערציילן דער פאַקט פון דער איבערזעצונג וועגן דעם ווערט פון די דערמאָנטע צוויי זייער וויכטיקע יידישע פּראָזע־קינסטלער? און קען מען, למשל, פון אָט דער אַזוי צו זאָגן אויסערלעך־קאָמערציעלער כאַראַקטעריסטיק פון אַשן געוואָר ווערן, אַז ער האָט געירשנט ביי דער חסידישער לעגענדע און אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור די קינסטלערישע סאָלידאַריטעט מיטן גויאישן פּייזאַזש, איך מיין, ניט פאַריידישונג פון לאַנדשאַפט, נאָר יידישע סאָלידאַרישקייט מיט איר אַזוי ווי זי איז? (אגב, שלום־עליכם האָט, דאַכט זיך, בכלל ניט קיין פּייזאַזש־הינטערגרונט. ביי אים איז פאַראַן נאָר וואונדערלעכע בינע־דעקאָראַציע צונויפגעשטעלט און צונויפגעמייסטערט פון ווערטלעך, זאַגעכצער און אידיאָמען). דער פּייזאַזש־אויפטו שעפּט באַטירלעך ניט אויס דאָס אַשישע אין אונזער ליטעראַטור וואָס מען קען אין אַזאַ איבערבליקערישער אַרבעט ניט אָפּקומען מיט דער פאָרמולע פון איבערזעצט־זיין. און „שטאַרק געלייענט ווערן אויף ענגליש״ האָט אויך גאָר ניט וואָס צו זאָגן וועגן דעם אַז זינגער איז אַ יורש פונם מענדעלישן אויג און אַז ער האָט דעם זיידעס סאָציאַל־קריטישן מעטאָד אַנגעווענדט צו אַלץ בייע און נייערע קאַפּיטלעך יידיש לעבן און אַז ער איז רייכער פון אים אין מיטלען, פרייער און באַוועגלעכער אין דער געשטאַלטונג, אָבער דערפאַר אויך עטוואָס אינדוסטריאַליזירטער אין שפּראַך און אין אויסדרוק. אַנשטאָט אַרויסצופירן אַשן און זינגערן אויף אַ שטרויענער פאָרמולע פונם יידישן ליטעראַטור־תחום איז דאַך פאַר אַ יידישער ענציקלאָפּעדיע וויכטיקער און אינטערעסאַנטער זיי צוריקצוברענגען פונם גויאישן מאַרק און זיי אַוועקצוזעצן אויף דער ריכטיקער „שטאָט״ אין דער שאַפונגס־קלויז פון יידיש.

און ווייל עס האַנדלט זיך וועגן אַן ענציקלאָפּעדישער אַרבעט, אין וועלכער מען מוז נעמען אין אַכט קודם כל שיטות, השפעות און קרובה־שאַפטן אין דער ליטעראַטור. אָבער צום טייל אויך איינצלנע אַנזעעוו־

דיקע פּלעצער, וואָלט עס זיכער געווען כדאַי ווען ניגער נעמט אַרויס זלמן שניאורן פון זיין פּאַריזער באַהעלטעניש מיט וועלכן ער האָט זיך אַנגעקערט בלויז ריין ווילעמעסיק און דערציילט אונז לאָמיר זאָגן אַז אין די „שקלאָווער יידן״ און אַנדערע ראָמאַנען זיינע האָט שניאור אַריינגעקאַטשעט אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אַמאָל מיט באַלזאַקישער און אַמאָל מיט וויניקער גבורה, געדיכטן נאַטוראַליסטישן שטעטל־שטאָף. די שניאורשע ראָמאַן־פרעסקע איז, לויט מיין געשמאַק, ווייניק דורכגעליכטיקט פון גייסטיקער סימבאָליק און פון עטישע וועלענישן, אַז זי זאָל מיך צוציען צו זיך. אָבער אין דעם פאַל קען מען זיך זיכער ניט רעכענען ניט מיט מיין און ניט מיט ניגערס פּערזענלעכן גוסט. (מיין פּערזענלעכע פּרעפערענץ, אויב דעם לייענער איז אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָלט געגאַנגען צו י. באַשעוויסן, צו גרויסע טיילן פון זיין „שטן פון גאָריי״ און צו אַ סך פון זיינע קיר־צערע דערציילונגען). שניאורס ראָמאַנען זיינען ממש גאַנצע וואָל־קאַנען פון לעבעדיקער גשמיות און עס איז זיי שווער, כמעט אוממעגלעך ניט צו דערזען און ניט באַזונדערס צו דערפילן.

און אַ באַזונדערע „שטאָט״, ביי וועלכער ס׳איז ניט פאַרבייצוגיין אַן אַ גוטמאַרגן איז — לאַמעד שאַפּיראָ. איך רעד ניט פון שאַפּיראָ דעם בעל־הצלם, וואָס איז געווען פּאָפּולער, נאָר פון דעם נייעם שאַפּיראָ פון „ניו־יאָרקיש״ און נאָך ניו־יאָרקיש. ער האָט אַריינגעטראָגן אין יידיש גרויס וואָגעניש פון טעמאַטיק און פאָרם. ער איז, דאַכט מיר, דער אַנזעעוודיקסטער מאָדערניסט־עקספּערימענטאַטאָר אין אונזער פּראָזע. ער האָט געשטאַלטיקט מיט טרויער, וואָס איז שוין אויף דער סאַמע שאַרף פון ביטערניש, מיט ניכטערקייט וואָס נאָך איין הערעלע און זי איז טרוקנקייט, מיט איראָניע וואָס די מחיצה צווישן איר און ציניזם איז בלויז איין שטויבעלע און מיט אַ קאַפּריזנער צמצומדיקייט אין סטיל, וואָס שטעלט זיך אָפּ פּונקט אין מאָמענט, ווען עס וואָלט גע־קענט דראָען שפּראַך־שטאַמלעניש און סטיל־אַמפּוטאַציע. שאַפּיראָס ווערק — דאָס איז קינסטלערישע סאָלידקייט אויפן ראַנד פון עסטע־טישן אָפּגרונט.

אָבער קען דען זיין אַ חידוש וואָס ניגער האָט איבערגעלאָזט אין נעמען־געדרענג לאַמעד שאַפּיראָן, ווען ער האָט ניט אויסגעטיילט

אפּאַטאָשו און בערגעלסאָנען? און ביי די לעצטע צוויי האַנדלט עס זיך דאָך ניט נאָר וועגן זייערע אייגענע קינסטלערישע דערגרייכונגען, נאָר וועגן עפּעס וויכטיקערס — פאַר אַן איבערבליק איבער דער גאַנצ־קייט פון דער ליטעראַטור פונדאַמענטאַל וויכטיקערס, ווארום אַפּאַטאָשו און בערגעלסאָן — דאָס זיינען דאָך די צוויי שטראָמען וואָס צעטיילן דאָס לאַנד פון יידישער פּראָזע אויף צוויי גרויסע השפּעה־ספערעס פון סטיל און געשטאַלטונג.

צוויי וועגן אין דער יידישער פּראָזע. דער איינער, דער בערגעל־סאָנישער הויבט זיך אָן ערגעצוואו אין מענדעלעס דעסקריפּטיווער פּרטימדיקייט און געזעלשאַפטס־סאַטירע און פירט צו דין ניואַנסירטן פּסיכאָלאָגיזם און צו טרייסטלאָזער זעאונג פון יחידס נשמה. דער צווייטער, דער אַפּאַטאָשישער, פליסט אַרויס פון אונטער די שיכטן פון פּרצ׳עס יחידישער העראָאישקייט און לויפט צו רעאַליסטישן געשטאַלט־באַשאַף און צו אָפּטימיסטישער לעבנסוויזיע פום יידישן כלל.

צוויי סטילן אין דער יידישער פּראָזע. דער איינער, דער אַפּאַטאָ־שישער, איז שטורמישער ווילן צו לעבנס־שוואונג, דער צווייטער, דער בערגעלסאָנישער — דער געשוואונג פון ווילנלאָזיקייט. אַפּאַטאָשו — גייעג נאָך לעבן און נאָך דעם העכערן אין לעבן; בערגעלסאָן — געגריבל נאָך סך־הכל און נאָך דעם קנייטש פון סך־הכל.

ביידע אינאיינעם האָבן די יידישע פּראָזע כמעט ענדגילטיק באַ־פרייט פון די לעצטע נאָכקלאַנגען און נאָכווייענישן פון גערעדטן לשון און יעדער פאַר זיך האָט אין איר קאָנסאָלידירט ניט נאָר דאָס געזעץ פון שפּראַך־שפּאָרעוודיקייט, נאָר אויך פון קינסטלערישן צמצום.

בערגעלסאָן, דער פּסיכאָלאָגיסט פון יחיד, האָט געלייגט מער אַכט אויף דער מעכאַנישער פּרעציזקייט פון קאָנסטרוקציע, אויף גענויער אינטערפּרעטאַציע פון זעלישן פאַקט און אויף פּעדאַנטישער קאָנ־פּראַנטירונג פון וואָרט און אינהאַלט. אַפּאַטאָשו, דער רעאַליסטישער געשטאַלטער פון דורות, האָט אין זינען געהאַט די דינאַמיק פון קאָמ־פּאָזיציע און העלדן, די בויגעוודיקייט און עלאַסטישקייט פון זיין שפּראַך און דעם שלאָג־און דעראָבערונגס־כוח פונם ספּור המעשה.

אויף די וועגן פון דער יידיש־ליטעראטור

אויב איך זאל מיר דערלויבן צו אפערירן מיט באגריפן פון דער היינט אזוי פאפולערער קריגס־טעכניק, וואלט איך געזאגט אז בערגעלסאן רעפרעזענטירט אין זיין שאפונג דעם גייסט פון א פינקטלעד אויסגעבויטער און עקשנותדיק אנגעהאלטענער דעפענזיווע פון געשטאלטונג, בעת אפאטאשו סימבאליזירט די קאנצעפציע פון מיט פארנעם געגרייטער און מיט סאלידער דרייסטקייט אויספלאנירטער שאפונגס־אפענזיווע.

אט דער באוואוסטזיניקער צוגאנג צו דער פראבלעמאטיק פון קינסטלערישן באנעם, פון שפראך און סטיל, האט פאר אונזער פראזע פון נאך מענדעלע און פרץ אויפסניי און אויף א גאר אנדערן שטח אויפגעהויבן אין איר גאנצער שארפקייט די פראגע פון ציל און צוועק אין דער קונסט. דער דור פון שפעטער וואס איז געווען אינגער פון זיי מיט עטלעכע יאר אדער איז געקומען נאך זיי, איז צום גרויסן טייל געשטעלט געווארן פאר דער ברירה: 1) זיך פארשאנצן אין בערגעלסאנס טראנשייען פון פסיכאלאגישער סדר־הכלדיקייט און זיך אפגעבן מיט קינסטלעריש ארויספרעסן דאס סאמע עסענציעלסטע פינטעלע (און דאס סאמע תמציתדיקסטע איז ערגעצוואו קראנק) פון מענטשלעכער נשמה און פון פאסירונג וואס די צייט רוקט אונטער; ב) זיך אוועקלאזן מיט אפאטאשון אויף געשטאלטערישער וואנדריוקע איבער לענדער און גענעראציעס און אויף די קאנטורן פון עפאכעס און באוועגונגס־ליניעס פון העלדן און געשעענישן קינסטלעריש אנצוקומען צום עיקר פון נאציאנאלער געדויערדיקייט און גאנצקייט.

פאר אפאטאשון און בערגעלסאנען, פאר זיי איז עס, ווי געזאגט, געווען קודם כל אן עניין פון צוויי אויסגעשפראכן היפוכדיקע קינסטלער־פערזענלעכקייטן וואס האבן געפורעמט, האבן געמוזט פורעמען, גרופירן און איבערגרופירן די פאקטן פון לעבן, יעדער לויט זיין אייגענעם אמת־שעפערישן אינסטינקט, און געמוזט אויסגעפינען און צופאסן יעדער פאר זיך זיין אייגענעם שפראכלעכן געשטאלטונגס־אינסטרומענט. אבער פאר דעם דור, וועלכן זיי האבן אוועקגעשטעלט אויפן קרייצוועג פון דער קינסטלערישער פראבלעמאטיק, איז עס געווען און געבליבן הויפטזעכלעך א פראגע פון ריטם, פון פארב און אקצענט — די פראגע פון א העכסט־פערזענלעכן סטיל, ווארום מיט נוסח, אפילו

מיט קולטיווירטן נוסח קען מען נאָך בערגעלסאָנען און אַפּאַטאָשון נאָר זייער שווער אָדער בכלל ניט זיין קיין וויכטיקער יידישער שרייבער.

מיר דאַכט זיך, אַז עס איז גאָר ניט פאַראַן אַזאַ יונגער פּראָזע־שרייבער, וואָס זאָל ניט געווען אָנהייבן אַפּאַטאָשיש אָדער בערגעלסאָניש, זיך ניט געווען ראַנגלען מיט איינעם פון זיי אָדער מיט ביידע אין איינעם פאַר זיין אייגענעם געשטאַלטונגס־קנייטש, פאַר זיין אייגענעם סטיל־ניואַנס.

אַפּאַטאָשו און בערגעלסאָן — דאָס זיינען די הויפּט־ליניעס פון שעפערישן אָנרעג און פון סטיל־סטימולירונג אין אונזער פּראָזע פאַר די לעצטע 25 יאָר פון נאָכקלאַסישקייט. די צעטיילונג פון זייערע איינפלוס־ספערעס איז חל אויף דעם גאַנצן אויסשפּרייט פון אונזער ליטעראַרישער פלאַנעטאַרישקייט. און טאַקע נאָר כדי אָנצומערקן די ווייטקייט פון זייער השפעה אין שטח און אין צייט דערמאָן איך עטלעכע נעמען פון די יונגע און סאַמע איינגסטע דורות און פון אַלע „עקן פון אונזער וועלט". אויף דער זייט פונם בערגעלסאָניזם פאַרצייכן איך די באַגאַבטע סאַמע אינגסטע הערש לייב קאַזשבער (רומעניע) און בערל גרינבערג (אַרגענטינע) און דעם סאַמע איידלסטן, זעלבסטשטענדיקסטן און רייפסטן בערגעלסאָניאַנער ש. מילער (אַמעריקע). ווי אַפּאַטאָשיסטן רוף איך אָן ש. איזבאַן (ארץ־ישראל) און הערץ בערגנער (אויסטראַליע) און ל. טרייסטער (אַמעריקע) און מ. בורשטיין (פּוילן).

אין אַן ענציקלאָפּעדישער אַרבעט וועגן דער יידישער ליטעראַטור, האָבן, גלויב איך, ניט געטאָרט פעלן אַזעלכע צוויי אָריענטירונגס־פּיילן פון ליטעראַרישער השפעה און סטימולירונג ווי אַפּאַטאָשו און בערגעלסאָן. אַז די דאָזיקע וועג־ווייזערס מוז דער לייענער טאַפּן אין דער פינסטער און דאָס אָנוואַרפן פון נעמען העלפט אין דעם פאַל גאָר ניט. פאַרקערט. עס מאַכט נאָך פינסטערער.

און אַז ניגער האָט פאַרזען הויפּטוועגן, האָט ער, פאַרשטייט זיך, נאָך ווייניקער אין זינען געהאַט סטעזשקעס און בייוועגן. למען האמת זאָל עס געזאָגט ווערן, אַז אויף איינעם אַזאַ בייוועג האָט ער יאָ אָנגעוויזן. די דיקע ליניע פון נאַטוראַליסטישער ליטעראַטור וואָס פירט

פון איטשע מאיר ווייסענבערג צו עוזר וואַרשאַווסקי, א. מ. פוקס, ש. האַראַנטשיק און פּ. בימקאַ איז טאַקע ניט דירעקט אָנגעצייכנט געוואָרן, אָבער זי לאָזט זיך לייכט צונויפקאָמבינירן פון דער קורצער און, ווי מיר דאַכט, אַ ביסל צו קורצער און אומגערעכטער כאַראַקטעריסטיק פון ווייסענבערגן אויף ז. 145 און פון די געלונגענע פאָרמולירונגען פון פוקסעס, האַראַנטשיקס און וואַרשאַווסקיס שאַפונג אויף ז. 163. ביי דעם זיך אַליין צונויפשטוקעווען די דאָזיקע ליניע העלפט אַרויס די אַסאָציאַציע וואָס ווערט סוגעסטירט פון ניגערס, ווי מייסטנס אַזוי אויך דאָס מאָל געלונגענער שילדערונג פון דעם סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישן הינטערגרונט, פון וועלכן עס האָבן געקענט אַרויסוואַקסן אַזעלכע טונקעלע און כמעט ציניש פאַרטרעטירונגען פון לעבן.

אָבער ווען עס קומט צו אַ פּראָזע-סטעזשקע, וואָס איז ניט אויסגעטראָטן געוואָרן פון די שאַרפע פּיטקאָוועס פון דער סאָציאַל-עקאָנאָמיק און פון דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע, נאָר עס האַנדלט זיך וועגן אַן אייגענעם גאַנג, וועלכן ערגעץ אַ קינסטלער, אַ וויכטיקער קינסטלער, אויף דער פּעריפעריע האָט דורכגעשלענגלט דורך דער געדיכטעניש פון ליטעראַרישע השפּעות מיט פאַרשפּיצטער שעפערישער זוכעניש און שפּירעוודיקייט, דעמאָלט האָט ניגער ניט באַמערקט דאָס אייגנאַרטיקע, נייע און מערקווירדיקע ניט אַן און פאַר זיך און אוודאי ניט אין שייכות מיט דער גאַנצקייט. איך זאָג, אוודאי ניט אין שייכות מיט דער גאַנצקייט, ווארום אַז ניגער האָט זינט דעם פערטל-יאָרהונדערט וואָס משה אַלטמאַן פון ליפקאַן (בעסאַראַביע) און דערנאָך פון טשערנאָוויץ, בוענאָס-איירעס און בוקאַרעשט שרייבט, ניט אָוועקגעשטעלט אַ רעצענזיע-צייכן וועגן מחבר פון „בלענדעניש", „ווינער קאַרעטע", „מדרש פּנחס" און „שמעטערלינגען", האָט ער אים, פאַרשטייט זיך, פאַרזען ניט נאָר ווי אַ סטעזשקע-באַשאַפער נאָר אַפילו ווי אַ נאָמען וואָס האָט אַ רעכט פאַרצייכנט צו ווערן אין דער געדיכטעניש פון אַנדערע נעמען.

און דאָ גיי איך מיך ניט אָננעמען די קריוודע פון אַ שרייבער, וועלכער הגם ער איז ניט ווייניקער ווערט ווי די אַנדערע (דאַכט זיך אַזוי גייט דער פּסוק מיט תרעומות), איז ער פונדעסטוועגן איבערגעענטפערט געוואָרן צו דער פאַרגעסנקייט און ווער ווייס ווען עס וועט

אַרויסקומען אַ נייע ענציקלאָפּעדיע, אַז די דערמאָנערישקייט זאָל אים ווידער קענען אַריינגעמען אין אירע וואַרעמע אָרעמס (דאַכט זיך, אַז אַזוי פאַרענדיקט זיך די טענות־לאַמענטאַציע) — ניין, דאָ איז די פראַגע וועגן אַ קינסטלער, וואָס האָט געדאַרפט אויסגעטיילט און באַזונדערס כאַראַקטעריזירט ווערן, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאַר, ווי געזאָגט, אַ נייע אייגנאַרטיקע און אָריגינעלע שאַפונגס־ליניע אין אונזער פראָזע.

משה אַלטמאַן פון „ווינער קאַרעטע״־נאָוועלעס און פון „מדרש פנחס״־ראָמאַן איז עפּעס אַ מאָדנע און געראָטענע מישונג פון ווייכער שלום־עליכמשער דערציילערישקייט און פון האַרטער מאַרסעל פּרוסטישער אַנאַליטישקייט; פון יידיש־היימישער עלעגישקייט און פון יענעם מין פראַנצויזישן אַריבערשפּילן דעם אייגענעם צער, וואָס מיר רופן איראָניע און וועלכן טאַמאַס מאַן האָט, דאַכט זיך, אַמאָל אָנגערופן פּאַטאָס פון דער גילדענער מיט.

פאַראַן ביי אונז געוויסע שרייבער וואָס האָבן ליב צו ברענגען אי פראַנצויזישע פּסוקים און אי פראַנצויזישע מאָטאָס, זיי האָבן אָבער פונדעסטוועגן ווייניק וואָס צו טאָן מיט לאַטיינישקייט. אַלטמאַן איז דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט פראַנצויזישע השפּעה אין אונזער פּראָזע און וואָס האָט באַשאַפן אַ סטיל וואָס ניט נאָר ער ווימלט פון ראָמאַניזמען (דאָס איז דוקא זיין חסרון) נאָר ער פאַרמאָגט אַלע פאַרבן פון יענער לייכטער און אייביק התנצלותדיקער רעזאָנערישקייט און רעקפלעקטיוויקייט, מיט וועלכער פראַנצויזן זיינען בכוח צו צעאַקערן פּסיכאָלאָגיש די שווערסטע געמיט־צושטאַנדן און זיך דורכצופלאַנטערן ליטעראַריש דורך די סאַמע גרעסטע לעבנס־פּלאָנטערס.

די מאָדערנע יידיש־פּראָזע האָט זיך שעפעריש משדך געווען מיט די השפּעות פון אַלע גרויסע ליטעראַטורן. דעם ערשטן פידל פון איינפלוס האָט, פאַרשטייט זיך, געשפּילט די רוסישע, דערנאָך די סקאַנדינאַווישע, פּוילישע, דייטשע און לעצטנס האָבן זיך אפשר אָפּגענומען זייערס אויך די ענגליש־אַמעריקאַנישע פּראָזע־שרייבערס. אָבער פראַנצויזישקייט, איך מיין אין ערשטער ריי דאָס סוביעקטיווע זיין פונם שרייבער אין מיטן דרינען פון דער סאַמע אָביעקטיוופטער כמעט

וויסנשאַפטלעך־פּינקטלעכער צענעמעניש פונם העלד און פון זיין לעבן — דאָס האָט מען נאָך ביז איצט ניט געהאַט צונויפגעפירט מיט יידישער אייגנקייט. ערשט אַלטמאַן האָט גליקלעך באַהעפט פראַנ־צויזישע שאַפונגס־עלעמענטן (פראַנס, זשיד) מיט יידישער טעמאַטיק, מיט יידישער אַטמאָספער און מיט יידישן געשטאַלטונג־טאַלאַנט און געגעבן אין „מדרש פנחס" אַ ראָמאַן אי פון סואווערענעם אַנאַליז און אי פון טיף־לירישער ווידוי־מעסיקער השתפכות־הנפש.

און כדי צו פאַרענדיקן מיטן קאַפּיטל פּראָזע, וויל איך נאָך בלויז דערמאָנען די לעצטע עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אויף אַט דעם ליטעראַטור־געביט. עס איז בלי שום ספק אַן אומרעכט קעגן דער געפלאַנטער „איבערבליקערישקייט", קעגן דעם לעזער פון דער ענציק־לאָפּעדיע און ניט צולעצט אויך קעגן דעם שרייבער יעקב גלאַטשטיין אַליין, וואָס עס איז ניט באַזונדערס אָנגעוויזן געוואָרן אויף זיין קינסט־לערישער פּראָזע־דערשיינונג. אין זיינע צוויי ביכער „ווען יאָש איז געפאָרן" און „ווען יאָש איז געקומען" האָט גלאַטשטיין 1) אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן צונויפגעפאָרט פיר ליטעראַרישע פאָרמען (רייזע־באַשרייבונג, ראָמאַן, מעמואַריסטיק און פּובליציסטיק) און אויסגעמייסטערט אַן אייגענעם אַ פינפטן זשאַנער, וועלכער ווערט (איך בין זיכער) טאָן לאָקן צו זיך ניט איין געשטאַלטער, און שטרויכלען ניט איין נאָכגייער און שפּעריש טאָן אָנרעגן און העלפן אויפרעכטן ניט איין וואָרן פאָרם־זוכער ביי אונז; 2) ער איז וואָס איז שייך שפּראַך און סטיל אָפּגעטראָטן אַן אַ זייט פון די גרויסע קלאַסישע אָפּאַטאַשו־בערגעלסאָן־דערשיינונגען, וואָס זיינען גילטיק פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור און מיט געלינגשאַפט געפּרוּווט דורכשניידן פאַר זיך אַ נייע אייגענע סטעזשקע. זיין אויפטו באַשטייט אין דעם זיווג וועלכן ער האָט צושטאַנד געבראַכט צווישן אידיאַם און נעאָלאָ־גיזם. די אידיאָמאַטיק איז דערביי די פרוכטבאַרע מוטער און דער נעאָלאָגיזם, דער טאַטע — גייסטיקער דירעקטיוו און נאָמען. אויך פּרץ האָט, דאַכט זיך, דערצו געשטרעבט, וועגן דעם געחלומט. אָבער ביי פּרצן איז דער נעאָלאָגיזם געווען בבחינת אַן אַלטער אידעאַליס־טישער בחור, וועלכער דערוועגט זיך קוים צו נעמען אונטערן אָרעם דאָס מיידל, וואָס ער „אוכאַזשעוועט". פון אַ קוש טאָן און חתונה האָבן — איז אָפּגערעדט.

אויף די וועגן פון דער יידיש-ליטעראַטור

און ווייל גלאַטשטיין האָט פּאַר דער איינאָרדנונג פון דער שפּראַך־באַלעבאַטישקייט אָוועקגעשטעלט דעם סאַמע ניכטערסטן קריטעריום, נעמלעך, באַגריף־פּינקטלעכקייט און עסטעטישע נויטווענדיקייט, האָט דערפאַר די האַרמאָניע צווישן דעם אידיאָם און נעאָלאָגיזם־פּאַרפאַלק געקענט גליקלעך אויפגעהאַלטן ווערן איבער דער גאַנצער לענג און טיף פון זיינע „געפאַרן״ און „געקומען״. און עס מוז געזאָגט ווערן, אַז אויך אין דעם פּרט, אין פּרט פון גלאַטשטיינס סטיל־אויפטועךישקייט, איז פאַראַן דער עלעמענט פון שעפערישן ביישפּיל וואָס רופט און רעגט אָן אויך אַנדערע צו פאַרמעסטונגען.

און והשלישית, דער והשלישית אין דעם קורצן און זייער סכעמאַ־טישן אַנאַליז מיינעם פון גלאַטשטיינס פּראָזע־דערגרייכונג איז דאָס וואָס דעם מחבר פון יאָש׳ס היין און קעריק איז געלונגען צו בלייבן מיט זיינע ווערק אין דער נאַציאָנאַלער אַטמאָספער פון אונזער ליטע־ראַטור. דער דרייסטער צונויפשפּיל פון היפּוכדיקע ליטעראַרישע פאַרמען און די סכנהדיקע בריהשאָפט אין דער שפּראַך־עלעמענטיק האָבן אפשר אַ ווייניקער זעלבסטשטענדיקן און ווייניקער באַוואוסט־זיניקן קינסטלער ווי גלאַטשטיין אַטמאָספעריש, גייסטיק און אַפילו טעמאַטיש לייכט געקענט פאַרפירן און אַריבערפירן די גרענעץ. מיט אַנדערע ווערטער, עס האָט פון דעם ווערק געקענט בלייבן בלויז ראַ־פינירטע פּראָזע־ווירטואָזיטעט און יידיש־מייסטערישקייט, וואָס דאָס אַליין איז אויך ניט ווינציק, אָבער געוואָרן איז באַזונדערס „ווען יאָש איז געקומען״ מער, היפּשלעך מער — אַן עכט יידיש ווערק וואָס שטייגט אויף פון דער נאַציאָנאַלער ווירקלעכקייט און אָטעמט דורך זיינע געשטאַלטן מיטן פּאַטאָס פון יידישער געשיכטלעכקייט.

וועגן עסיי

די עסעאיסטיק פאַרטשעפּעט ניגער צום ערשטן מאָל אויף זייט 148 אין קאַפּיטל „ערב דעם ערשטן וועלט־קריג״, ווען ער גיט אונז צו וויסן, אַז „עס קומט אויף אַן עסעאיסטישע (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ש. ב.), אַ פילאָזאָפישע און אַפילו אַ וויסנשאַפטלעכע ליטע־ראַטור אויף דער שפּראַך, וואָס איר פיל־הונדערט־יעריקע ליטעראַרישע טראַדיציע איז געווען אַ טראַדיציע ניט פון „הלכה״ נאָר פון „אגדה״.

און כדי צו אילוסטרירן דעם דאָזיקן אויפקום זאָגט אונז ניגער, אַז „עס איז געגוג צו דערמאָנען די עסייען אָדער פּעליעטאָנען (אונטערגע־שטראָכן פון מיר — ש. ב.) פון דעם ווידער אַמאָל יוגנטלעך געוואָרע־נעם — י. ל. פּרץ, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, דוד פרישמאַן, נחום סאָקאָ־לאָוו, הלל צייטלין, ה. ד. נאָמבערג, בעל מחשבות, בעל־דמיון, ד״ר נ. בירנבוים, ד״ר נ. סירקין, א. ליעסין, צביון, מ. אַלגין, ד״ר איסר גינז־בורג א״אַ. אין די קאַפּיטלען פון דערנאָך „אין ראַטן־פאַרבאַנד״ און „אין דער פּוילישער רעפּובליק״ ווערט דאָס וואָרט עסעאיסטיק קאָנ־סעקווענט אויסגעמיטן. ערשט ווען עס קומט צו די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע שווימט ווידער אַרויס דער עסיי, וואָס האָט זיך „אינאיינעם מיט דער קינסטלערישער ליטעראַטור אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר אַנטוויקלט״ (ז. 170) און עס ווערן דאָס מאָל שוין אַז דעם צוגאָב „און אַנדערע״ אויפגעציילט בלויז פינף נעמען, דהיינו: ד״ר א. קאַראַלניק, א. ליעסין, משה נאַדיר, חיים גרינבערג, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

לייענט מען דורך די נאָר וואָס געבראַכטע ציטאַטן און נעמען ווערט ממש אַ פלאַנטער אין קאָפּ. מע פרעגט זיך: וואָס פאַרשטייט ניגער אונטערן באַגריף עסיי? אויף זייט 148 רעדט ער וועגן עסייען אָדער פעליעטאָנען און שליסט אין זיי איין ניט נאָר פילאָזאָפישע מאמרים (זשיטלאָווסקי), רייזע־באַשרייבונג און פּובליציסטיק (נאָמ־בערג), געזעלשאַפטס־קריטיק (בירנבוים, סירקין א״א) נאָר אויך בפירוש ליטעראַטור־קריטיק (בעל־מחשבות, בעל־דמיון, פרישמאַן א״א). אָבער אויף זייט 170 האָט זיך ניגער איבערגעלייגט דעם ענין. ער האָט דער ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיק באַווילִיקט פולע אויטאָ־נאָמיע און דעם עסיי גופא האָט ער, ווייזט אויס, געגעבן אַ מער עקסקלוזיוויסטישע קאָנסטיטוציע, וואָרום עס זיינען פון דאָרט ענד־גילטיק פאַרשוואונדן שרייבער, וועלכע זיינען אין קאַפּיטל „ערב דעם ערשטן וועלט־קריג״ געווען עסעאיסטן און פעליעטאָניסטן (סירקין, צביון, אַלגין, ד״ר א. גינזבורג א״א) און איצט אין די פאַרייניקטע שטאַטן, הגם זייער האַנטווערק איז געבליבן דער זעלבער, האָבן זיי עס פונדעסטוועגן אויפגעהערט צו זיין און, ווי געזאָגט, ענדגילטיק צו זיין, וואָרום ניגער האָט ביי זיי אַפילו צוגענומען דעם באַרימטן

„עם כל הנערים״־טלית פון „און אַנדערע״. אַבער פון נעמען אַליין ווערט סיי ווי גאַרניט קלאָר דעם לעזער און עס וואָלט דערפאַר געווען פון די קלענסטע חטאים, ווען עס ווערן אַנגערופן אַנשטאָט צען נאָר פינף, ווען . . . ווען מיר זאָלן וויסן וואָס ניגער פאַרשטייט אונטערן באַגריף עסיי און מיר זאָלן קענען דעם קריטעריום פון זיין ווערטל־היעראַרכיע. ניגער איז אונז אַבער אין דעם פּרט גאַרניט מגלה.. וואָס־זשע קען דער לעזער פאַרשטיין, ווען ער געפינט אין עסעאיסטישן נעסט צוזאַמען פרום הויערן דעם שטרענגען לאָגיקער, געזעלשאַפטס־טעאָרע־טיקער און פילאָזאָפיע־היסטאָריקער ד״ר זשיטלאָווסקי מיט דעם ברי־ליאַנטענעם פעליעטאָניסט און שפּראַך־קינסטלער משה נאַדיר ? און אַז זייביידע זיינען דאָס די עסעאיסטן, אין וואָס באַשטייט די קרובה־שאַפט צווישן זיי און חיים גרינבערג און ד״ר קאַראַלניק ?

אַוודאי איז שווער צו דעפינירן דעם באַגריף עסיי, בפרט אַז ווער עס האָט גאָט אין האַרצן האָט אים געפּרוּווט אַנדערש פאַרטייטשן. אַבער טאַקע דערפאַר קען מען מיט אים אין אַ וויסנשאַפטלעך ליטעראַ־רישער אַרבעט ניט סתם אַזוי אָפּערירן און מען מוז אויף זיך נעמען די טרחה זיך אָפּצושטעלן אויף איינעם פון זיינע אויסטייטשונגען. און אַפילו אַ לכל־הדעות פאַלשער פּשט וועט אַלץ זיין בעסער ווי סתם אַזוי אַ וואָרט מיט אַ ווייטן היקף פון מיינען און אַנוואונקעניש, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די סימבאָליסטן און ווי איך גלויב אויך פאַר די עסעאיסטן. אַבער דאָס וואָלט שוין געווען אַ קריטעריע אויף אויס־צושליסן פון דער מסבה ד״ר זשיטלאָווסקין און אפשר אויך חיים גרינבערגן, וואָס זיי טוען ביידע סטיליסטיש לעבן אויף דער קלאָרער איינדייטיקייט פון זייערע באַגריפן און ווערטער. און אויב עס זאָל זיך ווענדן אין מיר, וואָלט איך מיך געהאַלטן ביי מיין אויסטייטש פון עסעאיסט, וועלכן איך האָב געפּרוּווט אַנטוויקלען מיט אַ צוויי יאָר צוריק און דערמיט אַרויסגערופן דעם העפטיקן פּראָטעסט פון קאָלעגע א. אַלמי, נעמלעך אַז דער „האַמאַ עסעאיסטיקוס״ איז יענער שרייבער, וואָס יעדע שורה זיינע איז, אַזוי צו זאָגן, אַ רייזע־אימפּרעסיע פון זיין אייגענער נשמה־לאַנדשאַפט. ער אַנאַליזירט ניט פרעמדע און אויך ניט אייגענע געדאַנקען, נאָר ער האַלט אין איין דערציילן וועגן זיך, זיינע געדאַנקען, זיינע געפילן, זיינע שטימונגען און קאַפּריזן — און דאָס

איז זיין גרויסע זאַכלעכקייט. דער „האַמאַ עסעאיסטיקוס" איז מיט אַנדערע ווערטער, דער פּאַטעטישער עקסהיביציאָניסט אין דער פּובלי־ציסטיק.

און אַז איך האָלט שוין ביי דער פאָרמולירונג, וועלכע איך האָב געפּרוּווט געבן, זאָל דאַ דערמאָנט ווערן אַ פּיקאַנטער דעטאַל. צו מיין אַרטיקל וועגן „עסעאיסטן" אין דער „פר. אַרבעטער שטימע" בין איך אַנגערעגט געוואָרן פון ש. ניגערס אַ רעצענזיע אין „טאָג" פון אויך מיט צוויי יאָר צוריק (7טן אַפּריל, 1940) וועגן די עסייען און פעליעטאָנען פונם פאַרשטאָרבענעם זשורנאַליסט משה קאַטץ. ניגער הויבט אָן יענעם אַרטיקל זיינעם מיט אַ שטעכווערטל קעגן עסעאיסטן, אַ שטעכווערטל וואָס לייענט זיך אַזוי: „און אויך אונזערע זשורנאַ־ליסטן, פּובליציסטן אָדער „עסעאיסטן", אויב איר ווייסט וואָס דאָס איז (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ש. ב.) — ווילן ניט בלייבן אין די צייטונגס־שפּאַלטן און אויף די זשורנאַל־עמודים".

איז, לאָמיר זאָגן, אַז דער לעזער האָט אָנגענומען דאָס שטעכ־ווערטל און זיך מודה געווען אויף זיין ניט־וויסיקייט. אָבער טאַקע דערפאַר איז אים דאָך געקומען, אַז אָדער ניגער זאָל איבערהויפּט ניט נוצן דעם דאָזיקן וואַקלדיקן ליטעראַרישן באַגריף, אָדער אויב ער נעמט זיך מיט אים יאָ אָפּערירן אין אַ ענציקלאָפּעדישער אַרבעט, זאָל ער דערקלערן וואָס ער מיינט דערמיט. די אומדירעקטע פאָרמולירונג, וועלכע ער האָט געפּרוּווט געבן מיט דער הילף פון נעמען מאַכט, ווי געזאָגט, ניט נאָר גאָרניט קלאָר, נאָר פאַרקערט, פאַרפּלאָנטערט נאָך דעם ענין, ווארום די צעטלען פון פּובליציסטן, וועלכע ער ברענגט אויף זייט 148 און אויף זייט 170 קרייצן זיך צום טייל סתירהדיק און אין בעסטן פאַל מיידן זיי זיך אויס מיט פּרעמדקייט.

און אַז די ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיק איז שוין יאָ אין אַמעריקע ערב דעם צווייטן וועלט־קריג אַראָפּ פון די עסעאיסטישע קעסט און געמאַכט שבת פאַר זיך, וואָלט אוודאי געווען כדאי, אַז ניגער זאָל ווינציקסטנס אָנווינקען אויף אירע ריכטונגען און אירע דערגריי־כונגען. מיט דעם אַלגעמיינעם אויסדרוק קריטיקער ווערט דאָך אַפילו פון דער סאַמע ווייטנס ניט אָנגערירט דער תמצית פון יענעם מין שריי־בער וואָס האָט אויף זיך גענומען די עובדה ניט נאָר צו אַנאַליזירן און

קינסטלעריש אָפּצושאַצן ליטעראַרישע ווערק, נאָר קודם כל אַנצוצייכענען שאַפונגס־דירעקטיוון און צו סטימולירן דערגרייכונגען. די קריטיקער זיינען דאָך מענטשן פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע קאָנצעפּציעס, און לויט אָט דער פאַרשיידנקייט פון זייער קריטישן צוגאַנג דאַרפן לכל הפחות די וויכטיקסטע פון זיי קלאַסיפיצירט ווערן. וואָרום אַנדערש קען טאַקע דער לעזער זיך פרייען מיט דער שפע פון קריטיקער וואָס מיר פאַרמאָגן אָבער ער הויבט ניט אָן צו וויסן וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די יידישע ליטעראַטור־און טעאַטער־קריטיק.

און נאָך איין לעצטע באַמערקונג בנוגע דער פּובליציסטיק. אין אונזער פּובליציסטישער פּראָזע האָט זיך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין א געוויסער מאָס, באַפעסטיקט דער זשאַנר פון פּאָלעמיק און פּאַמפלעט. די גרויסע מייסטערס פון פּאַמפלעט (קאַריקאַטוריסטישע געשטאַלטונג) זיינען, אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, געווען דער פראַנצויז אַנאַרע דאָמיע — אין דער מאַלעריי און אין דער ליטעראַטור — די יידן היינע, בערנע, האַרדען, קראַוז און דער פראַנצויז האַנרי ראָשעפאָר. פּאַמפלעט — דאָס איז דעם פּובליציסטס דראַנג צו געשטאַלטן באַשאַף און ער ליגט דערפאַר אויף דער ליניע פון קונסט און קינסטלערישער דערגרייכונג. ביי אונז איז דער דאָזיקער צווייג נאָך גאָר אַ יונגער, סיי וואָס שייך דעם פּאַמפלעטיסט וואָס ווייסט זיך אָפט ניט באַצייטנס צו צוימען און אויך וואָס אַנבאַטרעפט דעם לעזער, וואָס נעמט זיך ניט די מי אַרויסצושיילן דעם קינסטלערישן תמצית אין דעם הויפּן איבערגעטריבענע קאַריקאַטור־ליניעס. צו דעם בינטל ראשונים אויפן געביט פון פּאָלעמיק און פּאַמפלעט וואָלט איך צוגערעכנט דוד איינהאָרן, משה נאַדיר, חיים ליבערמאַן, מלך ראַוויטש, ב. שעפנער און דעם סאַמע אינגסטן צווישן זיי שלמה גראָדזענסקי.

פאַרטיק געוואָרן מיט מיינע הערות בנוגע ניגערס מעטאָדאָלאָגיע און צום טייל מאַנגל פון מעטאָדע ביי דער באַאַרבעטונג פון די דריי הויפּט־געביטן פון אונזער ליטעראַטור (פּראָזע, בעלעטריסטיק און עסיי) קער איך זיך אום צו זיין אומרחמנותדיקער אַמפּוטאַציע פון אונזער ליטעראַרישער טעריטאָריע.

אויף די וועגן פֿון דער יידיש־ליטעראַטור

נאָך אַמאָל: פֿאַרקריפּלטע טעריטאָריע

ניגער אַנערקענט, ווי געזאָגט, אַז אַחוץ ראַטנפֿאַרבאַנד, פּוילן און אַמעריקע זיינען נאָך פֿאַראַן קלענערע ליטעראַרישע צענטערן אָבער ער דערציילט אונז גאָרניט וועגן זייער צושטייער צו דער גאַנצקייט פֿון דער יידישער ליטעראַטור. די סיבה? עס זיינען פֿאַראַן צוויי מעגלעכקייטן: אָדער ער האָט געהאַט צו ווייניק פּלאַץ פֿאַר אַזאַ אַרומנעם, אָדער ער האָט די אויפֿטוען פֿון די פּעריפֿעריעס ניט געהאַלטן פֿאַר וויכטיק.

אין ערשטן פֿאַל וואָלט מען, גלויב איך זיך לייכט געקענט העלפֿן: מען האָט געמעגט מקצר זיין דעם קאַפּיטל פֿון מיטן 18טן יאָרהונדערט ביז מיטן 19טן י״ה און עס וואָלט דערביי ניט אַרויסגעקומען קיין שום שאָדן פֿאַרן איבערבליק פֿון דער גאַנצקייט. סוף כּל סוף איז דאָך דאָ ניט די רייד פֿון אַ פּרטימדיקער ליטעראַטור־געשיכטע. האָט מען דערפֿאַר למשל זיך געקענט באַגיין אָן די לאַנגע ציטאַטעס פֿון מנשה אייליערס „לעבן־מיטל״ און מען האָט אַפֿילו געמעגט פֿאַרקירצן לכל הפּחות אויף דער העלפֿט דעם אַרטיקל וועגן ישראל אַקסנפֿעלד וואָס פֿאַרנעמט 6 און אַ האַלב זייטן. וואָרום, ווי געזאָגט, די דעטאַלן וועגן אַקסנפֿעלדן זיינען דאָ ניט וויכטיק. דאָ האָט געדאַרפֿט בלויז קומען אין באַטראַכט אַ קורצע, קאָנדענסירטע און תּמציתדיקע איינגלידערונג פֿון שרייבער און ריכטונגען אין דער גאַנצקייט. וועגן דער ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט אַקסנפֿעלד גופֿא איז אַחוץ דעם שוין גערעדט געוואָרן ביים אות אַלף אין פֿערטן באַנד (ז׳ 238) אויף צוויי זייטן. דאָס זעלבע איז מיט שלמה עטינגער און אַנדערע וואָס אַנשטאָט צו דערוויסן זיך וועגן זייער אויפֿטו פֿאַר דער תּורה כּולה, כאַפּט מען אויף איין פֿוס אַריין אַ גאַנצע היפּשלעך דעטאַלירטע אָפּהאַנדלונג וועגן זייער שאַפֿונג. עס נעמט זיך דאָס, מן הסתם, דערפֿון, וואָס ניגער איז אין יענעם שטאָף פֿאַרליבט, ער אַרבעט איבער אים און קען זיך פֿון אים שווער צעשיידן.

און ס׳איז באמת אַן עבֿירה, וואָרום אַט דעם מיט פֿאַרשווענדערישקייט אַוועקגעגעבענעם פּלאַץ וואָלט מען געקענט פֿאַרנוצן פֿאַר די פּעריפֿערישע שטיף־קינדער, פֿאַר די „אויסגוסן פֿונם צווייטן ניט סאָוועטישן שטראָם וואָס פֿאָרמירן אין א) דער ניי־געגרינדעטער

רעפּובליק פון ליטע און ב) דער לעטלענדישער רעפּובליק און ג) רו־מעניע, וואָס נאָכן קריג האָט זי געהאַט אין איר רשות אויך בעסאַראַ־ביע און בוקאָווינע, און ד) ארץ־ישראל ניט געקוקט אויף דער הער־שאַפט פון העברעאיש, און ה) דייטשלאַנד (ביז מיטן 20ער יאָרן, און ו) פראַנקרייך, און ז) אויסטראַליע און דאָן ח) און פאַרשיידענע דרום־און צענטראַל־אַמעריקאַנער רעפּובליקן, דערהויפּט אין אַרגענ־טינע" (ז׳ 154).

און פאַר די־א 10־11 לענדער פונם יידיש־ליטעראַרישן גלאָבוס ווידמעט ניגער 32 ציילן און דערפון 20 פאַר פראַנקרייך און דייטש־לאַנד. אַזוי אַרום איז פאַר די איבעריקע 8 לענדער איבערגעבליבן אין גאַנצן איינאונאיינציקער טוץ שורות. און וואָס קען מען שוין דער־ציילן אין 12 שורות וועגן די אינטערעסאַנטע צוגאָבן צום גרעסערן מזרח־אייראָפּעאישן צענטער? און די צוגאָבן זיינען באמת אינטערע־סאַנט שוין וואָס אַנבאַלאַנגט דעם ריין לאַנדשאַפטלעכן מאָטיוו אַליין. די שיינקייט און דערהויבנקייט פון די קאַרפּאַטן־בערג האָט, אויף וויפיל איך ווייס, אַחוץ דעם גאַליציאַנער בער האָראָוויץ קינסטלעריש דער־אַבערט פאַר דער יידיש־פּאָעזיע נאָר דער רומענער יעקב שטערנ־בערג. און ארץ־ישראל־מאָטיוון אין דער יידיש־פּאָעזיע איז דאָס ניט אַזאַ „אינטערעסאַנטער צוגאָב" וואָס איז מוסיף עפּעס אַן אייגענעם ניואַנס, וועלכער איז כדאַי דערמאָנט צו ווערן מיט אַ סוגעסטיוו וואָרט? און די אַרגענטינישע פּאַמפּע?

ניט דאָס איז וויכטיק וואָס אין פּאַריז און אין בערלין האָבן זיך ציימוויילִיק באַזעצט עטלעכע שרייבער און אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער אָדער געשאַפן אַן עמיגראַנטישן פאַרלאַג. (דאָס איז ניט קיין „אינטערעסאַנטער צוגאָב" צום צענטער, נאָר גיכער אַן „אָפּגאָב" פונם צענטער צו דער פּעריפעריע). און וויכטיק איז אויך ניט וואָס פון רומעניע האָט זיך באַרימט געמאַכט אליעזר שטיינבאַרג (אגב, איר וועט זוכן איבער דער גאַנצער לענג פון ניגערס אַרבעט און איר וועט ניט אויסגעפינען מיט וואָס דער גרויסער פאַבל־דיכטער האָט זיך קונה־שם געווען. סיידן, טראַכט איך, אפשר דערמיט וואָס אים, הגם אַ תושב פון דער פּעריפעריע, איז געלונגען זיך אַריינצורייסן אין רעגיסטער פון נעמען, וואָס איז רעזערווירט פאַר די צענטערס).

אויף די וועגן פון דער יידיש־ליטעראַטור

פון גרויס באַדייטונג פאַר דער גאַנצקייט איז דאָס, וואָס פון יעדן לאַנד דערטראָגט זיך אַמאָל מיט מער און אַמאָל מיט ווייניקער כוח דער אייגנאַרטיקער ריח פון זיין פּייזאַזש, דער ספּעציפישער פּחד פאַר חורבן און דער באַזונדערער זעלישער אָנשטרענג זיך צו פאַרוואָרצלען, זיך אויפצובויען און איבערצונעמען אחריותן פאַר דער גאַנצקייט. איז דאָס ניט סימבאָליש, וואָס ווען פּוילן איז חרוב און ניו־יאָרק איז אַפּ־העטיק האָט בוענאָס־איירעס, די קרוינשטאָט פון אַ לאַנד אין וועלכן מען טאָר ניט רעדן עפנטלעך יידיש, דערפילט דעם חוב צו יום־טובן מיט ערנסטע זאַמלביכער רש״ין און יהודה הלוין?

די לאַנדשאַפטלעכע כל־תפוצות־הגולהדיקייט, דער וואונדערלעכער מיט איין מינוט פריער אויפגאַנג דאָ איידער דער אונטערגאַנג דאָרט און דער היסטאָרישער פּאַטאָס פון אַ געהיימנישפולן גורלדיקן „צוליב וואָס״, וועלכער שוועבט איבער אונזער אויסשפּרייט און נסימדיקייט — דאָס אַלץ צוזאַמען איז דער סוד פון אונזער קיום און פון אונזער שאַפונג. און ניט נאָר דער דאָזיקער נסתר איז נישט געקומען צום אויסדרוק אין ניגערס לאַנגער ענציקלאָפּעדישער אַרבעט, נאָר אַפילו צום גרויסן טייל אויך נישט דער נגלה פון קריטישער אָריענטירונג אין די גאַסן און געסלעך פון שיטות, השפעות און קרובהשאַפטן אין אונזער ליטעראַטור.

(1942)

פאַרצייכענונגען

י. ל. פּרץ

(צום דיכטערס 25טן יאָרצייט)

איבער די יידישע ישובים, ישובים פון חורבן, און סכנה פון חורבן, גייט אויף מיט יום־טובדיקן פלאַטער דאָס טרייסט־וואָרט: פּרץ. דער נאָמען פון דעם גרויסן שרייבער, וואָס זיין 25טן יאָרצייט מיר געדענקען היינט, טראָגט אין זיך יום־טוב און טרייסט, ווייל ער סימבאָליזירט די פאָטערשאַפט פון אַ נייער יידיש־גייסטיקער דערגרייכונג אין די לעצטע פופציק יאָר. יידיש־ליטעראַטור הייסט די דאָזיקע דערגרייכונג, אָבער אין דער אמתן איז עס מער ווי דאָס. עס איז איבער דער ליטעראַטור אַרויס: לעבנס־ריכטונג, גייסט־ריכטונג. עס איז אַ פּרואוו פון אַ נייעם שעפערישן פלי אויף די פליגלען פון יידיש; אַ פאַרזוך (לאָמיר נוצן די היינט אַזוי עובר־לסוחרדיקע טערמינאָלאָגיע) אויסצובויען אַן אידע־איש־געזיכערטע, מאָדערנע פלי־באַזע.

מענדעלע, דער זיידע, האָט ווי אַלע זיידעס געבראַכט אַן אויסטער־לישע מתנה. די מתנה איז געווען דער ליטעראַרישער נוסך, וואָס דעם זיידנס בריהשע הענט האָבן אויסגעהאַפּטן פון דורותדיקע שטייגער־פעדעם. מענדעלע האָט דעם וואונדערלעכן פאָלקסטימלעכן בעל־פּה שטייגער־שמועס פאַרוואַנדלט אין אַ קינסטלערישן שבכתב־נוסח.

שלום־עליכם, ווי אַן אייניקל, איז אַליין געווען די מתנה. די פינקלדיקע באַרעדעוודיקייט פון שלום־עליכם, דעם וואונדערקינד, האָט באַרייכערט די יידיש־ליטעראַטור ניט נאָר מיט איינמאָליקן קינסטלע־רישן שטאָף, נאָר אויך מיט אייגענער, אוראייגענער פאָרם. אָבער זיין אייגענע פאָרם האָט שלום־עליכם, אַזוי צו זאָגן, אויסגעשעפּט ביזן דנאָ. מיטן שלום־עליכמשן ווערק האָט זיך געענדיקט שלום־עליכמס פאָרם.

י. ל. פרץ

פרץ — דער פאָטער פון דער ליטעראַטור, האָט קינסטלעריש און אידעאיש אינזינען געהאַט ניט נאָר זיך, נאָר אויך די ליטעראַטור. אפשר איז עס פאַלש געזאָגט, ער האָט אינזינען געהאַט. אפשר איז בלויז דער קאָמפּלעקס פון זיינע יחידישע שעפערישע אחריותן טונקל־גורלדיק צונויפגעפאַלן מיט דער אידעע פון אַ גאַנצער ליטעראַטור. אָבער אויב אַזוי, איז דער גלאָריע־שיין אַרום פּרצן, דעם טאַטן פון דער יידיש־ליטעראַטור, נאָך אַ ליכטיקערער. וואָרעם די פאָטער־שאַפט זיינע הערט דעמאָלט אויף צו זיין אַ יורידיש־ליטעראַרישע קאָנ־סטרוקציע, און ווערט אַ ביאָלאָגישע בלוט־קרובהשאַפט פון גרויס־יחידישער גייסטיקייט מיט אַ היסטאָרישער פאָלקס־אידעע.

מענדעלע האָט פאַר די ליטעראַרישע אייניקלעך איבערגעלאָזט ירושה — אַ נוסח. שלום־עליכם — אַן אויסטערלישע, פון אים גע־נוצטע, און פאַרנוצטע, פאָרם. פרץ, ווי אַן אמת זאָרגעוודיקער טאַטע — זיין גאַנצן וואַרשטאַט, זיין ליטעראַריש־כעמישע און צומאָל אויך אַלכעמיסטישע לאַבאָראַטאָריע. אין דער דאָזיקער לאַבאָראַטאָריע האָט פרץ פאַר די לעצטע 25 יאָר פון זיין לעבן ניט נאָר באַשאַפן די זשאַנערן פון דער חסידיש־פאָלקסטימלעכער מעשה און פונם אַפאָריסטישן גע־דאַנקען־עסיי, וואָס זיינען פאַר אים העכסט פערזענלעך אפשר מער פון אַלץ צוגעפּאַסט, נייערט ער האָט דאָרט אויך אָנגעפּרעטעט אַלע ליטע־ראַרישע השפעות און שעפעריש אָנגערעגט אַלע פאָרם־פאָרמולעס — פון באַלאַדע און געדיכט אין פּראָזע איבער לירישן גראָטעסק צו סימבאָליסטישער דערציילונג און דראַמאַטישער מיסטעריע.

אַזוי אַרום איז פּרצעס ווערק ניט בלויז צום טייל ענדגילטיקער און שלימותדיקער פאָרם־נצחון אין דער געשטאַלטיקונג פונם פאָלקס מידות־טובות צו נאַציאָנאַלער העראָאיק, ווי אין די חסידישע מעשיות און פאָלקסטימלעכע געשיכטן, נאָר אויך אַ שלאַכטפעלד פון שעפערישע פאַרמעסטן צו אַנדערע גרויסע קינסטלערישע נצחונות, ווי אין זיינע דראַמעס און אין זיין ליריק.

אַרום דעם פרצ׳שן ווערק פלאַטערט דערפאַר, און וועט פון היינט אָן און ווייטער ניט איינע 25 יאָר נאָך פלאַטערן, יידישער טאַלאַנט און פלייס, געטריבן פון אַ טיפער בענקשאַפט צו נאַציאָנאַלער ווערזנטלעכ־קייט און פאָרם־אינספּיראַציע.

י. ל. פרץ

פרצן קאָן מען ניט צעברעקלען אויף טיילן. רעדן, למשל, וועגן פרצן דעם ליריקער, וואָלט געהייסן דערמאָנען בלויז אַ ליטעראַרישן פּאַרמעסט, בלויז אַן אָנגעשטרענגטן פּרוּוו צו באַשאַפן אַ יידישן היינעאיזם אויף די וואָגלפעלדער פון „על־פּי היינע" און „בעקבות היינע" אויף יידיש. עס וואָלט געהייסן בלייבן הענגען מיט די אויגן אויף איין פּאַרב פונם רעגנבויגן און בכן פאַרזען דאָס וועזנטלעכע. און דאָס וועזנטלעכע איז ניט קיין צונויפשטעל פון וועזנטלעכקייטן, נייערט דער תמצית אַליין.

איך זאָג דאָס, הגם פון פּרצס לידער פון הומאָר און ביטערקייט פירט אפשר אַ דירעקטער וועג צו משה לייב דעם פּאָעטס צעבונטעוועטער הפקרות און צו זיין סאָציאַלן גראָטעסק, און הגם מעטריק, וואָרט און מעטאַפער פון „מאָניש" און אַנד. לידער, דערעיקרשט צעזייטע אין זיינע דראַמעס, ניט נאָר וואָס זיי האַלטן אויס דעם געוועט מיט פופציק יאָר איגנערער פּאָעזיע, נייערט זיי בלייבן נאָך עד־היום מוסטערן מיט דער טיפקייט פון זייער איבערלעבעניש און פאַרטראַכטונג און צומאָל אויך מיט דער גאַנצקייט פון זייער פאָרם.

איך זאָג דאָס, כאָטש עס איז פון ליטעראַריש־קריטישן און ליטעראַריש־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט זיכער זייער אינטערעסאַנט נאָכצוקלערן דעם באַרג־אַרויף פון פּרץ — דעם ליריקער. אָנהויבן הויבט זיך אָן די ליריק זיינע מיט צעפּיעשטשעטע צער־חנען אין באַגרינטן טאָל פון הייניסטישע פערזן:

אַמאָל איז געווען אַ מיידל,
האָט זי אַ אינגל געליבט.
עס ליבט אויך דאָס אינגל דאָס מיידל,
זיינען זיי ביידע באַטריבט.

און שפּאַנען שפּאַנט זי אָוועק, די ליריק זיינע, ביז צו די מיט גאָט־בענקשאַפט און אויסלייז־פּאַטאָס דורכגעגליטע שורות פון דער „גאָלדענער קייט":

און — דאָ צווישן טויט און לעבן
וואַקלט זיך אַ וועלט!
אַ וועלט זינקט אין מרה־שחורה אַריין,

י. ל. פרץ

א וועלט!
אויסגעלייזט פון פיין און שרעק
מוז ווערן — —
די וועלט!

אָנהויבן הויבט זיך אָן פּרצס לּיריק מיט דער אַביסל אַמאַטאָרישער מאַנדל־אין־מויל־ביטערקייט פון

ניט קיין בלימל איז מיין מוזע,
אויף דער וויזע וואַקסט זי ניט;

און דערגייען, דערגייט זי אין תהומיקן פּיין פון קינסטלערישן גע־ראַנגל צו

עס איז דאָך פאַרט
פאַראַן אַזאַ וואָרט
אַלץ איבערצומאַכן, איבערצוקערן...

איך מיין צו יענע רייד פונם בדחן צום פּרוש אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", לּירישע רייד, וואָס באַוועגן זיך מיט זייער פלאַמענדיקער אמונה אין וואָרט און לּיידנשאַפטלעכן באַגער צו געשטאַלטונג אויף דער ליניע פון די אייביקע לּיידן פון עכטער גייסטיקייט.

מיט איין וואָרט — עס קאָן אין פּרצס לּיריק קריטיש נאָכגעפאָלגט ווערן זיין שעפערישער וועג פון ווערטערישער געפיל־אומרואיקייט צו פּאָוסטישער געדאַנק־ראַנגלעניש.

אָבער דאָס תמציתדיקע פון דער פּרץ־געשטאַלט וועלן מיר דער־מיט ניט האָבן אַפילו אָנגעדייט. וואָרעם פּרץ איז ניט צו זוכן אין איינצלנע שאַפונג־זשאַנערן פון זיין גרויסן ליטעראַרישן ווערק. ער איז צו געפינען אין דער פאָטערשאַפט פון אַן אַלט־נייער און דערפאַר טאַקע אויך מאָדערנער לּיטעראַטור־אויפפאַסונג.

לּיטעראַטור דינט ביי אַלע פעלקער און אויך ביי יידן דער אַנט־פּלעקונג פון יחיד און כּלל פאַרהוילענע גורל־וועגן. יידיש, סאַמאָ־ראַדנע יידיש, איך מיין אויף דער ליניע פון יידישער געשיכטלעכקייט, ווערט די אַנטפּלעקונג ערשט דעמאָלט, ווען זי באַנוגנט זיך ניט מיטן דערזען און דערקענען די וועגן. כּדי צו זיין יידיש, מוז די דאָזיקע התגלות זיין אָנגעלאָדן מיט דעם מאָראַלישן געבאָט צו גיין מיטן גאַנצן

הארץ און מיטן גאַנצן באַגער אויף די סטעזשקעס פון שיקזאַל און צו באַהעפטן דאָס לעבן מיט זיין באַשייד.

אין צייכן פון אַזאַ ליטעראַטור־קאָנצעפּט הערט אויף דאָס גע־שריבענע וואָרט צו זיין אַ רעזולטאַט פון בלויז געטלעכן טאַלאַנט און ווערט הייליקע מענטשלעכע שליחות. אין צייכן פון אַזאַ ליטעראַ־טור הויבט מען אפשר אָן צו פאַרשטיין דאָס קראַוז׳שע וואָרט, אַז עס איז אַ בושה צו זיין אַ שרייבער, ביז וואַנעט עס ווערט ניט קיין כבוד צו זיין אַ שרייבער. אַ בושה דערפאַר, ווייל עס פאָדערט זיך מער כאַראַקטער ניט צו שרייבן ,ווי יאָ צו שרייבן. אַ כבוד דעמאָלט, ווען טאַלאַנט גלידערט זיך איין און וואַקסט אַריין אין דעם אידעאישן גרויס־תכלית פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור; ערשט דעמאָלט ווען די טאַלאַנטירטע אַרביטראַרישקייט נעמט אויף זיך פרום דעם געזעצלעכן עול פון דער נאַציאָנאַלער שאַפונגס־אידעע. די דאָזיקע אידעע, איך שטרייך עס אונטער, האָט גאַרניט צו טאָן מיט טענדענץ אין דער קונסט. זי איז אַזוי ווייט דערפון, ווי עס איז ווייט דער באַגריף צו זיין אַ גליק־לעכער קנעכט פון גאָטס ווילן — פונם באַגריף צו זיין אַן אומגליקלע־כער שקלאַף צו אַ מענטשנס באַפעל.

עס זיינען אויך פאַר פרצן געווען שרייבער אויף יידיש, עס האָבן אויך פאַר פרצן געלעבט און געשאַפן גרויסע יידישע וואָרט־קינסטלער (מענדעלע, לינעצקי), אָבער ערשט פרץ האָט ביי די ברעגעס פון דער ווייסל געגרינדעט דאָס קעמערל פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אויף יידיש מיט דער בפירושער כונה ניט בלויז צו גיין אין שפּאַן מיטן יידישן לעבן, נאָר אויך מיט דער יידישער געשיכטע. מיט אַנדערע ווערטער: ער איז געוואָרן דער פאָטער פון אַ ליטעראַטור, וואָס האָט זיך ניט באַנוגנט צו זיין דער עפּיזאָד פון אַ דור, נאָר האָט זיך אַריינ־געגאָסן אין יענעם עפּאָס פון דורות, וואָס זיינע קאַפּיטלעך זיינען ארץ־ישראל, בבל, שפּאַניע און פוילן פונם רמ״א.

דעם עיקר שבעיקרים פון דער דאָזיקער איבער יאָרטויזנטער אויסגעשפּרייטער יידישער ליטעראַטור האָט, מיר דאַכט, אַמקלאָרסטן פאָרמולירט משה העס אין צווייטן בריוו פון זיין „רוים און ירושלים״.

„דאָס יידנטום — זאָגט דער באַגרינדער פונם יידישן סאָציאַליזם — שיידט אין ערגעץ ניט אָפּ דעם יחיד פון דער פאַמיליע, די פאַמיליע

פון דער נאַציע, די נאַציע פון דער מענטשהייט, די מענטשהייט פון דעם אָרגאַנישן און קאָסמישן באַשאַף און דעם באַשאַף פונם באַשעפער״.

דער דאָזיקער מאָניזם פון יחיד, נאַציע, מענטשהייט און קאָסמאָס, אַט דער געשיכטלעך פּערמאַנענטער אינהאַלט — דאָס איז דאָס די יידישקייט, פון וועלכער פּרץ האָט געוואוסט, אַז זי ״טאָר ניט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש, אין דער אַנטוויקלונג, דאָס הייסט: איבער־ראַל אויף דער גאַנצער יידישער וועלט און אין אַלע צייטן״.

ווען דבורה אין דריטן אַקט פון דער ״גאָלדענער קייט״ פאַרגייט זיך אין דבקות און מורמלט פרום:

אַ הויז מיט ניסים; ווייטער אַ נס!

ענטפערט איר ישראל גבאי מיט אַ כמעט ראַציאָנאַליסטישער פאָרמולע אויף צו פאַרטייטשן דעם נס:

דער קבוץ!
רביצין, דער כוח פון קבוץ איז עס!
צוזאַמענגערופן האָב איך אים
פון אַלע עקן וועלט...

זייט מוסיף צו די פיר פערזן אַ פינפטן, וואָס זאָל זיך לייענען: ״און פון אַלע ווינקלען צייט״, און די פינף שורות זיינען, אָדער וואָלטן גע־דאַרפט זיין, דער מאָטאָ פון דער יידיש־ליטעראַטור.

איין טויזנטער יאָרן אַלטע ליטעראַטור און אומצאָליקע שאַפונגס־פאָרמען, אָפּהענגיקע פון צייט, — אין וועלכער, און פון פעלקער, צווישן וועלכע מען לעבט.

איין אייביקע ליטעראַטור פונקט ווי איין אייביקע געשיכטע און אַזויפיל אומצאָליקע עפּאָכעס, פונקט ווי איין פאָלק, איין ״עם־נצח״ און אַזויפיל פנימער פון דורות.

אַזאַ קאָנצעפּט פון יידיש־ליטעראַטור איז ניט בלויז שאַפונגס־דירעקטיוו אויף נאַציאָנאַלער ליניע, נאָר עפנט אויך אַ פענצטערל, וואָס זאָג איך אַ פענצטערל, פראַלט אויף טיר און טויער פאַר אַלע השפעות און שלאָגווינטן פון אוניוועסאַליזם. אַ ליטעראַטור, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענע אידעאישע טעריטאָריע, האָט ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר פרעמדס. אַזאַ ליטעראַטור ווייסט ניט פון שמד־מעלאָ־דראַמע. זי קען נאָר די פאַטעטיק פון מגייר זיין.

(1940)

אליעזר שטיינבאַרג

(אַ דערמאָנונג צו זיין צענטן יאָרצייט)

אין יאָר 1919, אַן ערך עטלעכע חדשים נאָכדעם ווי בעסאַראַביע און בוקאָווינע זיינען געוואָרן פּראָווינצן פון איין און דערזעלביקער מלוכה, איז קיין טשערנאָוויץ געקומען דער דיכטער יעקב שטערנבערג און מיטגעבראַכט מיט זיך משלים פון זיין עלטערן חבר אליעזר שטיינבאַרג. די פאַבלען, וועלכע שטערנבערג האָט פאַרגעלייענט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן (בעסער פון אים לייענט די משלים נאָר דער באַרימטער רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרד — היינט אין בוענאָס־איירעס) האָבן אונז אַלעמען ממש פאַרכשופט. דער עפּיגראַמאַטישער מוסר־השכל האָט זיך איינגעגראָבן אין געמיט ווי אַ גוט־אַריינגעשלאָגענער צוואָק אין וואַנט. די סענטענץ האָט זיך פאַרגעדענקט, מען האָט זי ניט געקענט פאַרגעסן. מען איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ ניי פאָלקס־ווערטל, מיט אַ נייער לעבנס־חכמה, וואָס האָט אַריינגעלויכטן אין כמה וכמה גרעסערע און קלענערע פאַקטן פון טאָג. און דער פאַבוליסטישער „צאַ ולמד" האָט געוואָרעמט אי מיט זיין קלאָרער פשטות, און אי גייסטיק אָנגערעגט מיט דער איבערגעשפּיצטער שאַרפזיניקייט פון לומדישן זאָג.

אַ יאָר שפּעטער איז דער פאַבוליסט אַליין, ביז דעמאָלט אַ לערער פון דער יידישער שול אין ליפּקאַן, געקומען צו פאָרן און זיך באַזעצט אויף שטענדיק אין טשערנאָוויץ. געקומען און דעראָבערט אין שטורעם די ליבשאַפט און די פאַרערונג פון אַלעמען. די אינטעליגענטן, און צווישן זיי די עטלעכע יונגע לייט, וואָס האָבן זיך געשניטן אויף שרייבער, האָבן דערזען אין שטיינבאַרג׳ן אַ גייסטיקן פירער, אַ מדריך. ס׳האָט אימפּאָנירט זיין ברייט יידיש וויסן, וואָס איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט א גרינטלעכער קענטעניש פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע און מיט א חידושלעכער באַהאַוונטקייט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. און אַלץ וואָס ער ווייס — האָט מען באַלד דערפילט — איז ניט סתם עפּעס צופעליקס און אָפּגעריסנס, נאָר עס גלידערט זיך איין אין דער ראַם פון אַ פעסטער און גוט־דורכגעטראַכטער

וועלט־אַנשויאונג. און פאַרכאַפּט האָט אויך תיכף זיין אופן שמועסן. ער הערט זיך קודם צו מיט אַ שטילער באַשיידנקייט: ער איז גרייט פון יעדן צו לערנען, אָבער ווי באַלד עס ווערט עפּעס אַרויסגעזאָגט וואָס קרייצט זיך ערגעצוואו פיינטלעך מיט זיין געדאַנקען־בנין, שפּרינגט ער אויף פונם בענקל, רייסט אייך איבער די רייד און נעמט פאַרטיידיקן זיין שטאַנדפּונקט. ער רעדט ניט, נאָר ער דערציילט גלייכענישן, וואָס ווערן באותו רגע באַשאַפן, און די גלייכענישן האָבן דעם כוח צו צע־ברעכן יעדע לאָגיק, צו צעקלאַפּן יעדן אַרגומענט. און איין משל איז איבעראַשנדער פונם אַנדערן, איינס טרעפלעכער פונם אַנדערן...

שטיינבאַרג איז שווער אויף לשונות. ער קען בלויז דריי שפּראַכן און רעדט אייגנטלעך בלויז צוויי פון זיי. און די צוויי זיינען יידיש און העברעאיש. איך אַלע מיינע באַגעגענישן מיט יידישע שרייבער און רעדנער, האָב איך באמת געזוכט, אַז עמיצער זאָל אויף מיר אַ פּאַכע טאָן מיט מער קענטשאַפט פון די צוויי לשונות ווי שטיינבאַרג. איך האָט געזוכט, ווייל איך האָב אַלעמאָל געהאַט דאָס באַדערפעניש זיך ווי עפּעס צו באַפרייען פון יענער שטיינבאַרגישער שפּראַך־משא. איך האָב אינדערווייל ביז איצט ניט געטראָפן קיינעם וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט דעם יידישן און העברעאישן שפּראַך־עשירות פון יענע מאָמענטן, ווען שטיינבאַרג האָט אימפּראָוויזירט זיינע גלייכענישן־אַרגומענטן אָדער ווען ער איז געשטאַנען אויף אַ באַלעמער און גע־שפּונען אַ מעשהלע וועגן וועלט־באַשאַף, וועגן שטערן, וואָס בלאָנדזשען פאַרטריבענע איבער וועלטן, וועגן וואָרעמע נעכט, וואָס שלאָפן איב־דרויסן אָדער גאָר וועגן נשמות, וואָס זיינען אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער ערד מיט געהיימע און גרויסע שליחותן.

און דאָס וואונדערלעכע דערביי איז געווען ניט דאָס, וואָס דער געוויינטלעך־אומבאַהאָלפענער רעדנער שטיינבאַרג האָט גענומען רעדן מיט גלאַטיקע, ווי צום דרוק־פאַרטיקע זאַצן, נאָר די שפע פון עפּעס אַלטע קיינמאָל־ניט־געהערטע אויסדרוקן, צוויבער־שפּרוכן, צונעמענישן, שפּיל־גראַמען, פּיעשטשע־ווערטער און קללות, וואָס האָט זיך פלוצים אַ גאָס געטאָן אין זיין שפּראַך אַריין. איין אַזאַ אימפּראָוויזאַציע האָט צענער פאָלקלאָר־זאַמלערס געקאָנט פאַרשפּאָרן אַרבעט. אָט שטייט ער פאַר מיינע אויגן גלייך נעכטן אויף דער טריבונע פונם רוסיש־

אליעזר שטיינבארג

יידישן קלוב אין בוקארעשט. זיין לעגענדאריש־קליינע געשטאלט איז פלוצים א סך העכער געווארן. דער ברייטער און טיפער שטערן, וואס פארנעמט, דאכט זיך, דריי פערטל פון זיין — לויט דעם קערפער — צו גרויסן קאפ סטארטשעט אריין אין זאל מיט א אויסטערלישער ליכ־טיקייט. שטיינבארג ציט מיט דער לינקער האנט, ווי זיין געוואוינהייט איז ביים רעדן, די שיטערע, בלאנדע האר פונם שארבן, און עס דאכט זיך, אז מיט זיי אינאיינעם שלעפט ער פון דארט ארויס גאנצע זשמוטעס מעשהלעך־פעדים און מיט דער רעכטער דערלאנגט ער דערנאך דעם עולם דעם פרעכטיקן צויבער־געשפין. אויך פון די דאזיקע אימפרא־וויזאציעס זיינען, ווי איך ווייס, א סך ניט פארשריבן געווארן און אריין אין דער פארגעסנקייט אויף אייביק.

דאס וואס האט צוגעגעבן עפעס א באזונדערס פיקאנטן חן דער שטיינבארגישער פערזענלעכקייט און אים, דעם פאבוליסט, דעם פרוש פונעם טשערנאוויצער בוידעם־שטיבל, געמאכט פאר א פאפולערער פער־זאן אין שטאט ארום וועלכער עס האבן זיך, אזוי ווי עפעס ווי פון זיך, גענומען וועבן לעגענדעס, איז געווען די אויסטערלישע קאמבינאציע פון נאאיווקייט און וועלט־פרעמדקייט אין שטיינבארגן מיט א פיקחות, וואס האט דערשטוינלעך קריטיש אריינגעקוקט אין מענטשן און זאכן. אויפן באדן פון דער נאאיווקייט זיינען געוואקסן און האבן זיך געמערט אנעקדאטן ווי שוועמלעך נאך א רעגן. די חריפותן און קלוגשאפטן ווידער, וואס מען האט אין זיין נאמען נאכדערציילט — קודם פינטקלעך און דערנאך, ווי געוויינלעך, לויטן קאפריזענעם פארלאנג פון לעגענדע, מיט אלץ מערער און מערער גוזמא — האבן מאגנעטיש צו זיך געצויגן דעם אפשיי און רעספעקט פון אלץ ווייטערע און ווייטערע קרייזן.

און ווען מיר — די נאענטסטע פריינט און חברים פון אליעזר שטיינבארג — האבן אים דינסטיק, דעם 29טן מערץ, 1932, געטראגן צו קבורה האבן מיר מיטאמאל מיט גרויס חידוש דערזען דעם גרא־טעסקן אמת אז טויזנטער יידן, וואס האבן שטיינבארגן ניט געקענט, האבן פונדעסטוועגן פארמאגט זיין נאמען מיט ליבשאפט אין הארצן. ס׳גאנצע יידישע טשערנאוויץ איז געווען אויף די פיס. א פיפטל פון דער יידישער באפעלקערונג — לויט אפיציעלער שאצונג אן ערך צען

אליעזר שטיינבאַרג

טויזנט מענטשן — האָבן דעם גרויסן, אומבאַקאַנטן דיכטער באַגלייט אויף זיין לעצטן וועג. די קהלה־פּאַרוואַלטונג האָט זיך פּלוצים געכומען גרויסן מיט דעם „גרויסן ייד" און האָט זיך ביי אונז געבעטן, אַז מיר זאָלן איינווילּיקן צו לייגן שטיינבאַרגן אין אַן „ערן־קבר" אין דער פאָר־דערשטער ריי צווישן די, וואָס זיינען ביים לעבן געווען רייך און זאַט. מיר האָבן ניט איינגעווילּיקט און האָבן באַהאַלטן דעם מעשה׳לע־דער־ציילער צווישן די קברים פון קינדער, וואָס דער טויט האָט פאַר דער צייט דערשטיקט זייער גלוסט צו מעשהלעך.

אויף שטיינבאַרג׳ס מצבה, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף זיין קבר לויט דער צייכענונג פון דעם מאָלער אַרטור קאָלניק, האָט מען אויסגעקריצט די ערשטע צוויי שורות פון זיינס א משל:

טרויעריק, קינדער, אויף דער וועלט דער ברייטער, גראַמער,
ביטער! מיט אַ משל זיך כאַטש קוויקן לאָמיר.

דאָס איז דער טרייסט־לאָזונג, וועלכן אליעזר שטיינבאַרג האָט געלאָזט בצוואה זיין שטאָט און זיין פאָלק — אַ יאָר ערב מלכות היט־לער, אַכט יאָר פאַר געטאָ־וואַרשע און ניין יאָר פאַר גירוש טשערנאָוויץ.

(1942)

יידישער אומרו, פּאַדוּאַ — ניו־יאָרק

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך, אין אַ הייסן זומער־טאָג, געוואַנדערט איבער דער וונדערלעכער וואַסער־שטאָט ווענעציע. לעבן קויטיקע מויערן, מיט עפּעס ווי צעיאָטערטע העסלעכע לישייעס אויף די פּנימער, ציען זיך שמאָלע טראָטואַרן, וואָס ענדיקן זיך און הייבן זיך אָן מיט טרעפּ צו הויכע, שטיינערנע בריקן. איך האָב געשפּאַנט פון בריק צו בריק, זיך געהאַלטן פּאַזע דעם „גרויסן קאַנאַל", און בין אָנגעקומען צו יענע מיטלאַלטערלעכע גאַסן, וואָס ווערן אָפּיציעל באַ־צייכנט אַלס די „געטאָ וועקיאָ" (אַלטע געטאָ) און „געטאָ נואָוואָ" (נייע געטאָ). מיין באַגלייטער, אַ יונגער כלי־קודש, וואָס האָט דעם טיטל געהילפס־ראַבינער און איז אין דער אמתן עפּעס אַ חצי־חזן און אַ חצי־שמש, ווערט ניט מיד צו דערציילן מיר אין זיין געבראָכענעם

לשון־קודש די יידישע געשיכטע פון די איינצלנע געסלעך, און ער האָט שוין אַפילו ביי די איינצלנע הייזער.

— די געשיכטעס וואָס איר דערציילט — פאַל איך דעם געהילפס־ראַבינער אַריין אין זיינע היסטאָרישע רייד — זיינען זייער אינטערע־סאַנט, אָבער איך וואָלט וועלן זען ניט נאָר יידישע געשיכטע, נאָר טאַקע ממש איטאַליעניש־ע יידן. עס מוזן דאָך נאָך דאָ לעבן די אוראייניק־לעך פון יענע יידן, וואָס זיינען געווען די העלדן פון אייערע וונדער־באַרע מעשיות.

דער געהילפס־ראַבינער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט יידישע איינוווינער פון די צוויי געטאָס. די אוראייניקלעך פון די רייכע ווענע־צישע סוחרים און באַנקירן, דעם אַלטן שיילאָקס אוראייניקלעך זיינען געווען דורכויס אָרעמע, פאַרהאָרעוועטע בעל־מלאָכה׳ס. פון יידיש־קייט האָבן זיי גאָרניט, אָבער לחלוטין גאָרניט, געוווסט. אַפילו אַ קליין ביסעלע עברי איז געווען אַ זעלטנקייט צווישן די דאָזיקע „עברע־אָס״, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ צורה פון אַ הונדערט־פּראָצענ־טיקן ראַסאָווען איטאַליענער. ווען איך האָב איינעם פון זיי געפרעגט מיט וואָס ער איז אַ ייד, האָט ער אויפן איטאַליענישן שטייגער אָוועק־געלייגט טעאַטראַליש די האַנט אויפן האַרצן און זיך געעדותט מיטן געהילפס־ראַבינער, אַז דאָס וואָס ער גייט מיר דערציילן איז אמת ויציב. ער איז ווייט פון עשירות, ער אַרבעט אויפן טאָג אין אַ צוקער־בעקעריי און האָט אייגענע פיר קינדער, זאָלן געזונט זיין. פונדעסטוועגן האָט ער אַריינגענומען צו זיך אַ שכנס אַ קינד, וואָס איז געבליבן אַ קיילעכ־דיקער יתום. ער דערציט דאָס ייִנגל צוגלייך מיט זיינע אייגענע קינדער. פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? ווייל ער איז אַ ייד! — האָט ער מיט באַגייסטערונג מיר אַריינגעלאָכט אין פנים אַריין דעם בעסטן באַווייז פון זיין יידישקייט.

אין דער נאָענט האָבן זיך געשפּילט קינדער, „מלכות־שיין, גע־קליידט אין דלות״. זיי זיינען אויפמערקזאַם געוואָרן אויף אונזער געשפּרעך. אַז איך מיט מיין באַגלייטער האָבן שוין געהאַלטן ביים אָוועקגיין, איז אָנגעלאָפן אַ גאַנצע טשאַטע קליינוואַרג און געשריגן אין כאָר: „עברעאָ, עברעאָ״. איך האָב קודם געמיינט, אַז דאָס טוט מען מיר אָן כבוד און מען מאַכט מיר אַ שטיקל אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציע.

יידישער אומרו, פּאַדוא — ניו־יאָרק

מיין באַגלייטער האָט מיר אָבער געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם אמתן מיין פון דער דעמאָנסטראַציע, דאָס בעטן אָרעמע קינדער אַ נדבה און ווילן מיר, מיר דעם פרעמדן, וואָס איך פֿאַרשטיי ניט די שפּראַך, מיט דעם וואָרט „עברעאָ" זאָגן צוויי זאַכן: ראשית, אַז זיי אַלע, ווי איך קוק זיי אָן, זײַנען יידן און עס קומט זיי שוין דערפֿאַר אַליין אַ גראָשן; און והשנית, אַזוי ווי איך אַליין בין אַ ייד, בין איך פּשוט מחויב זיי צו געבן.

הייסט עס: ביי די טאַטעס איז יידישקייט — אַריינגעמען אַ יתום אין שטוב אַריין, ביי די קינדער — אַ נדבה.

אַרויסגעשטעלט האָט זיך דערנאָך, אַז אַ גרויסער טייל פון די בעטל־קינדער זײַנען געווען סאַמאַראַדנע עטנישע איטאַליענער, וואָס זײַנען אויך געווויר געוואָרן דעם סוד, אַז „עברעאָ" גיט לײַכט אַ נדבה, און אַז „עברעאָ" איז אַ סגולה צו באַקומען אַ נדבה.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן: צי ווייסן זיי אַלע די טאַטעס, און צי אָנען זיי אַלע די יידיש־איטאַליענישע און גוייש־איטאַליענישע קינדער, אַז צוריק מיט איבער הונדערט יאָר האָט אַ גרויסער איטאַליענישער ייד געטייטשט יידישקייט ניט אַנדערש ווי זיי פֿאַרשטייען עס איצט? און אפשר איז דער פּראָפעסאָר ביים „קאָלעדזשיאָ ראַביניקאָ" אין פּאַדואַ, שמואל דוד לוצאַטאָ, טאַקע נאָר דערפֿאַר דערגאַנגען דערצו, אַז דער עיקר תמצית פון יידישקייט איז רחמנות, ווייל פֿאַר זײַנע אויגן זײַנען געשטאַנען אָט די דאָזיקע אידישע לאַנדסלייט זײַנע פון ווענעציע, פּאַדואַ, סאַן דאַניעלע און טריעסט? דער שטורעמדיקער ליבעראַליזם פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט אַזוי גרינטלעך פֿאַרווישט אַלע שפּורן פון יידישער גייסטיקייט און יידישן לעבנס־שטייגער אין איטאַליע, אַז דאָס „גוטע יידישע האַרץ" איז פֿאַרבליבן דער איינציקער פעסטער סימן און אָנשפּאַר־פּונקט אויפן חורבה־פעלד פון יידישקייט.

אין גאַליציע איז פֿאַראַן געווען אַ געדיכט און שפּעדיק יידיש לעבן פון טראַדיציע און ריטואַל. האָבן זיך דאָרט די משכילים (לעפין, פּערל, קראָכמאַל און ראַפּאָפּאָרט) געיאָגט נאָך די „העכסטע אינטעלעקטועלע ווערטן", ווייל דאָס איז פֿאַר זיי געווען דער וועג צו אייראָפּעאיזירן די שטאַרקע יידישע געדיכטקייט. אין איטאַליע איז עס שוין געווען כמעט נאָכן אַסימילאַציע־מבול, און די בלייטן פון יידישקייט

יידישער אומרו, פּאַדוּאַ — ניו־יאָרק

האָבן זיך ניט אָנגעזעגן אין לאַנד. האָט דערפאַר לוּצאַטאָ דערהויבן די „זיטלעכע ווערטן" (רחמנות, מענטשן־ליבע און גערעכטיקייט) צו דער וועזנטלעכקייט פון דער יידישער רעליגיע. לעבן אָט דער תמציתדיקייט האָט ער אָוועקגעשטעלט ווי אַ געטרייען היסטאָרישן שומר דעם אַלטן, אומפאַרענדערלעכן רעליגיעזן ריטואַל, ווייל דאָ אין איטאַליע האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן רעפאָרמירן אַ פאַרעלטערטן לעבנס־שטייגער, נאָר וועגן דערהאַלטן אַ שוין צו שטאַרק פאַראייראָפּע־איזירטע, שיטערע, קוים־וואָס־זי־לעבט־יידישקייט.

דער שד״ל האָט אפשר אין 1840 אין פּאַדוּאַ איבערגעלעבט דאָס זעלביקע געפיל פון מורא פאַר אונטערגאַנג, און איז פאַרצערט געוואָרן פון אַן ענלעכער, ברענענדיקער בענקשאַפט נאָך אַ יידיש לעבן, נאָך אַ תוכיק יידיש לעבן, ווי אַ גרויסער טייל פון דער יידיש־אינטעליגענץ אין 1940 אין ניו־יאָרק.

וואָס איז יידישקייט? — פרעגט זיך די יידישע אינטעליגענץ אין אַמעריקע מיט מורא און צווייפל. איז זי בלויז רעליגיע, וואָס קאָן ניט געבראַכט ווערן אין הסכם מיט דער וועלטלעכקייט פון דעם מאָ־דערנעם יידן? אָדער איז זי גאָר נאַציאָנאַלער לעבנס־שטייגער און קאָן זיך אויסגעצייכנט פאַרטראָגן מיט דער פּראַגמאַטישקייט פון דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט? אויב דאָס ערשטע, דאַן לויערט אויף אונז אומברחמנותדיק דאָס געשפּענסט פון אומקום; און אויב דאָס צווייטע, קאָן אפשר אונזער בענקשאַפט צו יידיש לעבן אויסטראָגן דעם ווילן צו רענעסאַנס, צו נייעם נאַציאָנאַלן אויפקום?

מיט הונדערט יאָר צוריק, אין פּאַדוּאַ, האָט אַ גרויסער יידי־שער אינטעליגענט, וואָס האָט זיך געפונען פּנים אל פּנים מיטן גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן חורבן פון יידישן קיבוץ אין איטאַליע, געפירט פון דעם זעלביקן געפיל פון שרעק און בענקשאַפט, זיך אויך געשטעלט די פראַגע: וואָס איז יידישקייט? איז דער עיקר פון יידישקייט די דערקענטעניש פונעם עכסטן וועזן, פון גאָט־ברוך־הוא? צי קאָן מען גאָר זיין אַ ייד אָן חכמות בלויז דערמיט, וואָס מען היט אָפּ דעם ריטואַל מיט זיינע געבאָטן פון באַרעמהאַרציקייט, גערעכטיקייט און מענטשן־ליבע? אין ערשטן פאַל איז יידישקייט צוגעגנלעך בלויז פאַר גע־ציילטע און איז אומאָפּהענגיק פון אַ וואָסאַרא ס׳איז נאַציאָנאַלן לעבנס־

שטייגער. אין צווייטן פּאַל זיינען אַפילו די אָרעמע בעל־מלאָכה׳ס פון ווענעציע און פּאַדואַ אויך יידן, און עס איז באַרעכטיקט די בענק־שאַפט נאָך זייער נאַציאָנאַלן קיום און עס באַשטייט די האָפענונג אים צו דערהאַלטן.

דער יידישער אינטעליגענט אין איטאַליע פון 1840 און דער יידי־שער אינטעליגענט אין אַמעריקע פון אַ יאָרהונדערט שפּעטער — ביידע זוכן, און אַ יעדער אויף זיין אופן, דאָס פינטעלע פון קיום אין יידישן לעבן. אין זייער זוכעניש ברענט דער צווייפל, גליט דער צער, און עס פלאַטערט מיט די לעצטע כוחות — די האָפענונג.

אפרים אויערבאַך: „לויטער איז דער אַלטער קוואַל״

אַז איך האָב פאַרענדיקט לייענען אויערבאַכ׳ס „לויטער איז דער אַלטער קוואַל״ זיינען מיר ניט נאָר געבליבן האַפטן אין זכרון איינצעלנע באַזונדערס געלונגענע שורות, סטראָפעס און לידער, נאָר ס׳האָט זיך פאַרקליבן אין מיין געמיט און ניט אָפּגעלאָזט מיין פאַנטאַזיע די לעבע־דיקע דיכטער־געשטאַלט, וואָס שטייט הינטער די מיט פערזן באַ־דרוקטע בוך־זייטן.

ווי אַלע מאָל איז פאַר מיר, אויך דאָס מאָל, דער פאַקט, וואָס די באַשאַפענע לידער פאַראינטריגירן מיט דער פערזענלעכקייט פון זייער באַשאַפער, געווען דער סימן מובהק, אַז איך האָב אין „לויטער איז דער אַלטער קוואַל״ ניט געוואַנדערט איבער שאָסעען פון פערזנ־מאַכעריי, נייערט איבער די סטעזשקעס פון עכטער פּאָעזיע.

וואָס־זשע דערציילן דאָס מאָל די לידער וועגן זייער באַשאַפער? וועלכע שטריכן פון זיין גייסטיקן פּאָרטרעט ברענגען זיי אַרויס?

זיי דערציילן קודם־כל וועגן אַ מענטשן — אַ דיכטער, וואָס באַוועגט זיך זעליש אין די ראַמען פון פּראַקטישער יידישער רעלי־גיאָזיטעט. דער עול פון מצוות, דער סדר פון תפלות און די מסורה פון מנהגים האָבן ניט בלויז איינגעשטעלט אַ מאָראַלישן לעבנס־קאָ־דעקס, נאָר אויך דאָס מענטשלעכע געמיט צוגעפּאַסט צום געזעץ. דאָס געזעץ האָט אַזוי אַרום אויפגעהערט צו זיין אַרויפגעצוואונגענע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־נאָרמע. עס איז געוואָרן פּריוויליקע מאָ־

אפרים אויערבאַך: „לויטער איז דער אַלטער קוואַל״

ראַלישע לעבנס־ריכטונג. תרי״ג מצוות איז געוואָרן בלויז אַן אויסערער דערקענונגס־צייכן פאַר אַ וועלט־געפיל, וואָס זיין עיקר־עלעמענט איז די דורות׳דיקע טראַדיציע פון אמונה אין גאָט, בטחון אין גוטס און הכנעה פאַרן שלעכטס.

דאָס וועלט־געפיל פון תרי״ג מצוות האָט אין אפרים אויערבאַך געפונען זיין אייגענעם, געטרייען און גוטן דיכטער:

„איך גלייב מיט מיינע אבות אין אמונה
מיט ריינקייט פון מיין טאַטע־מאַמע,
אַז ס׳וועט דאָס שלעכטס פון דר׳ערד פאַרגיין,
אַז קומען וועט דער קץ מיט קלאָרע זונען
און אויפדעקן דאָס גוטס אַליין —
אַני מאמין.

עס איז כדאי דאָ אונטערצושטרייכן, אַז די וואָס ווילן פונם נאָמען „לויטער איז דער אַלטער קוואַל״ און פון די אויבן ציטירטע שורות חושד זיין אויערבאַכ׳ן אין ראָמאַנטיזם, וועלן מאַכן אַ טעות. אויערבאַך איז ווייט פון ראָמאַנטיזם, וואָס איז כולל אין זיך אומצופרידנקייט מיטן היינט און בענקשאַפט נאָכן אַמאָל, וואָס איז פאַרגאַנגען. סיי דער היסטאָרישער אַמאָל פון אידישקייט און סיי דער נעכטן פון דער „אַלטער היים״ זיינען ניט קיין אָביעקט פון ראָמאַנטישער בענקשאַפט פאַר אויערבאַכ׳ן, שוין צוליב דעם פשוט׳ן מאָטיוו, וואָס זיי זיינען תמיד אַנוועזנד אין זיין געמיט, אָדער בעסער געזאָגט, אין זיין געמיט געוואָרענער תרי״ג׳ישקייט. „שטעלט מיך אַוועק אין גשן — האָט מאיר׳ל פרעמישליאַנער, דער רבי פון עמך׳דיקן מצוות־שטייגער געזאָגט — און איך אייך וועל איך דערקענען די לאָפּעטע מיט וועלכער איך האָב געאַרבעט״. דאָס איז ניט געווען סתם אַ גייסטרייכער זאָג פון ר׳ מאיר׳ן. דער חסיד׳ישער רבי האָט דערמיט אויסגעדריקט זיין ממש פיזישע אויסגעמישטקייט מיט היסטאָרישע לאַנדשאַפטן און מענטשן, אויף וויפיל זיי גייען אַריין אין גייסטיקן האָב און גוטס פונם אידישן היינט און זיינען געוואָרן באַשטאַנד־טיילן פונם דאָזיקן היינט.

אפרים אויערבאַך: „לויטער איז דער אַלטער קוואַל״

אַזוי ניט נאָר דער וואונדער־רבי, נאָר אויך דער וואונדערלעכער דיכטער פון יענער תרי״ג׳ישער פאָלקישקייט:

ס׳איז פון מלאָווע ביז הויר נאָר אַ שפּאַן,
ס׳ליגט דער ים־סוף ביי אונזערע שוועלן,
ס׳גייט דאָס פאָלק נאָך דעם וועג צו כנען
איבער זאַמד, איבער מדבר און עלנט, —
ס׳איז מיין קאָפּ, — האָב איך היינט ערשט דערפילט, —
מיטן שטויב פון דער מדבר באַגילדט.

פון דער זעלביקער פאָלקישער אויסגעמישטקייט מיט די העלדן פון חומש, וואָס זיינען אַזוי היימיש אין אידישן לעבן, אַז זיי שטייען נאָך עד היום אונטער דער וואָך פון דער לעבעדיק־גילטיקער מאָראַל, שטאַמען אויך אויערבאַכס ביבלישע מאָטיוון.

אויערבאַך האָט זיך דערפאַר ניט געגויטיקט אַזוי ווי מאַנגער אין גראָטעסקער קאָסטיומירונג פון די ביבל־געשטאַלטן כדי זיי צו דערנענטערן צום היינטצייטיקן לעבנס־שטייגער. ער וויקלט ניט שטי־פעריש זיינע העלדן אין דער בעסאַראַבער לאַנדשאַפט ווי מאַנגער אין דער מזרח־גאַליצישער, ווייל ער איז מיט זיי ניט אויסן קיין באַוואוסטזיניק־קינסטלערישן אויפטו. ער פירט אַרויס עשו׳ן, יעקב׳ן און יוסף׳ן און זיינע ברידער אַן שום בינע־דעקאָראַציע, אַזוי ניט פאַרגרימירט, ווי זיי האָבן געלעבט און לעבן נאָך אין פרומען יידישן געמיט און אַן געוואָלטער אילוזיע באַקומט זיך, אַז דותן ליגט ערגעץ אויפן האַלבן וועג פון בעלץ קיין פאַלעשט און אַז עשו איז אַ רייכער „פּאַמעשטשיק״ אויף בעסאַראַבער שוואַרץ־ערד. דער דיכטער אַליין — ער איז אַן עלטערער חבר פון דעם יונגן ביבלישן בעל־חלומות און רעזומירט פאַר יוסף׳ן זיין לעבנס־דערפאַרונג פאָעטיש אַזוי צו זאָגן:

יונגער יוסף, דיר איז באַשערט
ס׳געשריי דיינס זאָל קלינגען אין הערצער און לידער,
ווײַנען זאָל תמיד דער מענטש אויף דער ערד:
ברודער זוך איך, מיינע ברידער.

דעם דיכטער׳ס ווי דעם פאָלק׳ס לעבנס־דערפאַרונג פירט ניט צו

אפרים אויערבאך: „לויטער איז דער אַלטער קוואַל״

רעבעלישקייט, נאָר צו יענעם הכנעה׳דיקן יידישן „באַשערט״, וואָס אין אים איז ניט פאַראַן אַפילו ניט איין מעסטל פון דער פעסימיס־טישער גורל־פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז די מאַמע פון טראַגיק, נאָר אַלע צען מאָסן פון גלויבן, אַז דאָס שלעכטס איז דערווייליק און בלויז אַ נסיון פאַרן מענטשן.

דאָס פעלן פון רעבעלישקייט אין אויערבאַכ׳ס שאַפונג נעמט זיך ניט דערפון, וואָס דעם דיכטער געפעלט אַלץ אינם וועלט־סדר. זי איז אַ רעזולטאַט פון אויערבאַכ׳ס געפּאַנצערטקייט מיטן אַלטן אידישן כלי־זין אויף צו באַגעגענען דאָס שלעכטס: גלויבן אין ענדלעכן נצחון פון גוטס.

> נאָר ס׳ווייסט דער איד, און קלוגשאַפט ווייסט
> אַז פויער און האָק זיינען צייכנס,
> אַז ס׳ווערט אויף דער פשיטיקער בריק אויסגעלייזט
> דאָס גוטס, וואָס דער מענטש וויל דערגרייכן.

פּאָגראָם אין שטעטל פשיטיק. אויף דער פשיטיקער בריק באַגעגנט זיך דער בחור, וואָס

> „אַזוי פיל געזאַנג אויף דער אָרעמער שוועל
> — — — געשיקט אין די וויטן.

מיטן שנאה־פאַר׳שיכור׳טן פויער. ביי אַט דער באַגעגעניש אויף דער בריק וואָלט משה לייב האַלפּערן, אַן איראָניש צעפּייניקטער זיכער פאַרפירט אַן אמת׳ע פּאָעטישע שלאַכט; לעיעלעס וואָלט עטיש גע־שטורעמט און לייוויק וואָלט אויפגעברויזט זיך און אונז אין תהום׳דיקן מענטשלעכן צער. אפרים אויערבאַכ׳ס זעלישע אויסגעגליכנקייט, וואָס איז ניט נאָר זיין יחיד׳ישער שאַפונגס־וועג, נאָר קודם כל אַ דורות׳דיקע, קאָלעקטיווע לעבנס־און ליידנס־שטה געפינט אַפילו אויף דער „פשיטיקער בריק״ דעם שטילן טאָן פון בטחון און פרייד. ס׳איז דאָס אַ בטחון, וועלכן ער האָט גע׳ירשנ׳ט ביי זיין פעטער אהרן בער, דעם רעפּרעזענטאַנט פון אַלע אהרן בערס, וואָס

> „אויף דער גאַנצער גובערניע גע׳שמ׳ט
> האָט זיין חסיד׳ישער ברען

אפרים אויערבאַך: „לויטער איז דער אַלטער קוואַל״

און האָט

..ליב געהאַט אַ האַרץ, וואָס רעדט
העכער פון צער, וואָס שרייט

פרייד איז דאָס וואָרט וואָס קומט צום אָפטסטן פאָר אין אויער־באַכ׳ס לידער. ס׳איז דאָס וואָרט, וואָס באַצייכנט אויך אַמריכטיקסטן דעם דיכטער׳ס געמיטצושטאַנד. פרייד בינדט זיך ביי אויערבאַכ׳ן כעמיש מיט אַזעלכע פסיכישע עלעמענטן, וואָס געוויינטלעך אָדער זיי באַהעפטן זיך פון לכתחילה ניט מיט פרייד, אָדער זיי שלינגען זי איין אין זייער פינצטערקייט און לאָזן ניט איבער קיין סימן פון איר. ביי אויערבאַכן קומט אויף און לויכט מיט עקשנות דאָס פינטעלע פרייד אויך אין פיינלעכסטן צער און אין טרויער. ער זעט ווי

..„דער לאָם איז געשטאַנען מיט פאַרכט
און מיט פרייד

און ער דערקענט פרייד

— — — אין צעצונדענעם צער
ווי פרייד אינם בלי אויף צעשניטענעם שטאָם.

איבערן גאַנצן בוך איז צעגאָסן אַזאַ העל־גלויבישקייט, אַז וויפיל מאָל אויערבאַכ׳ן פאַרווילט זיך לשם „ליטעראַרישער מצווה״ אַ שפּיל טאָן זיך אין באַלאַדע, קען דער דאָזיקער זשאַנר ביי אים ניט באַשטיין. אונטער די הענט צעלייטערט זיך די באַלאַדע אין לעגענדע. אַזוי אין „די באַלאַדע פון וואונדער״, אַזוי אין „די באַלאַדע פון פוסי וואַסער־פירער״, אַזוי אַפילו אין „די באַלאַדע פון שוועסטער שאַפּ״. וואָרום דאָרט וואו אַפילו דער טרויער איז ניט מער

— — — ווי אַן אַנדערע מדרגה
פרייד וואָס פאַרטייעט זיך אַזש ווי אַ קינד

דאָרט וועבט אויך פוסי וואַסערפירערס טויט, ווי דער טויט פון דער שוועבעלעך־פאַרקויפערין ביי אַנדערסענען, ניט פינצטערע באַלאַדע, נאָר ליכטיקע לעגענדע.

אויערבאַך קען אַליין זייער גוט די וועגן און שטעגן פון זיין שאַפונגס־לאַנדשאַפט. ער האָט אָפט זייער געלונגענע אויטאָ־קריטישע

אפרים אויערבאַך: „לויטער איז דער אַלטער קוואַל"

באַמערקונגען וועגן זיך און זיינע לידער. איינע אַזאַ ריכטיקע הערה איז נוגע זיין שפּראַך:

אמת וואָרט מיינס ווי אַקאַציע בליט,
פאַלשעס, ווי קראָפּעווע, די פינגער בריט, —
היט מיך, וואָרט מיינס, אויף ניו יאָרקער סקווערן.

און ס'היט אים געטריי זיין וואָרט איבער אַלע זייטן פון זיין בוך. ס'ווייסט דאָס וואָרט זיינס, אַז ס'דאַרף העלפן אַרויסברענגען דעם דיכטער זיין קאָנקרעטן, ערדישן אימאַזש, וואָס פאַרלירט זיך קיינמאָל ניט אין אַבסטראַקציעס. איז דערפאַר טאַקע אויערבאַך'ס שפּראַך אַזעלכע, וואָס רייסט זיך ניט אָפּ פון די שפּראַך־וואָרצלען. זי איז, ווי מ'זאָגט דאָס ביי אונז אַזוי אָפּט (צו אָפּט!) אַ יאָדערדיקע, אָן אָנגעטרונקענע מיט אַלע ערדישע זאַפטן. נאָר איינמאָל האָט עס מיך אַ „ברי געטאָן ווי קראָפּעווע" ווען עשו נעמט זיך זינגען „צו זיך, צו זיי" און ער פאַרגלייכט די זון מיט אַ גאַזעל. עשו, וואָס הגם אַ גוי גייט ער נאָך אַלץ אין אַ אידישן חדר, האָט ביי קיין שום בעסאַראַבער מלמד ניט געקענט הערן אַזאַ אינטעליגענטיש וואָרט.

אָבער ווייל דערמאָנט שפּראַך־ברי זאָל אויך פאַרצייכנט ווערן מיין אמת'ע הנאה פונם דיכטער'ס פאָרטרעטירונגס־קראַפט אין זיין ציקל „געשטאַלטן". באַקענט אייך מיט פּוסי וואַסערפירער:

פּוסיס באָרד איז אַ גאָלדן קריינדל
צו אַ פּנים אַ צעקאָרבטס,
פּוסי פירט וואַסער פונם „שטיינדעל"
מיט אַ קוק פון שפּעטן האַרבסט.

וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער צוקלייב פון פאַרבן אין אָט דעם בילד! און וויפיל קראַפט פון לעבן ליגט אין דעם קאָליר פון וויאָנע־געל מיט וועלכער פּוסי'ס פּנים איז געמאָלן.

„לויטער איז דער אַלטער קוואַל" איז די דיכטונג פונם איד־וואַנדערער, ניט ווען ער שפּאַנט, נייערט ווען ער רוט און איז איינגע־וואָרצעלט אין זיין לעבנס־שטייגער. אויערבאַך'ס פּאָעזיע טראָגט ניט אין זיך דעם ברויז פון פאַרשפּיצטער אידישער פּראָבלעמאַטיק, אָבער דערפאַר פאַרקערפּערט זי די סטאַטישע אידישקייט אין וועלכער אַלע חשבונות פון לעבן און גייסט ווערן אויפגעלעזט אין געלייטערטער רו און אין הכנעה'דיקן בטחון. (1940)

יוסף חיים ברענער*

דער מענטש אָן חכמות — אַזוי באַצייכנט ברענערן זיין יוגנט־פריינט הלל צייטלין, און מיר דאַכט אַז אָט די באַצייכענונג איז אפשר די טרעפלעכסטע סינטעטישע פאָרמולע פון ברענערס פערזענלעכקייט.

דער מענטש אָן חכמות איז קודם כל אַ בן־אָדם וואָס לאָזט זיך ניט אָוועקפלייצן פון זיך אַליין מיט רייד און מיט סענטימענטן און זיצט קיינמאָל ניט אויף קעסט ביי כללישע אידעעס און אידעאָלאָגיעס. אַז מען איז אַ מענטש מיט „חכמה" קען מען זיך עס צומאָל מאַכן באַקוועם. מען קען זיך אויב מען איז אַליין שטאַרק פאַרנומען ליטעראַריש און געזעלשאַפטלעך לאָזן פאַרטרעטן פון אַנדערע אין די פערזענלעכע איבערלעבענישן. און אַליין זיין יענעמ׳ס אַ „במקום" איז אויך אַלעמאָל לייכטער, „קליגער", וואָרום עס קאָסט וויניקער נשמה־פיין און אָנשטרענגונג.

ברענער האָט ניט פאַרמאָגט גאָרניט פון אָט דער קלוגשאַפט וואָס שאַפט זעלישן קאָמפאָרט אין לעבן. ער איז געווען פון יענע שווערבלוטיקע וואָס ווייסן אַז איבעראַל — ווי זאָגט מאָנטען — אַפילו אויפן טראָן מוז מען זיצן מיטן אייגענעם געזעס. איבעראַל אַליין זיין — אויך אין די דערמאָנונגען פון דער יוגנט און אויך אין דער וויזיע פון רייפן עלטער. און די דערמאָנונג פונם שטעטל איז ביי אים געווען אַזוי גרויזאַם רעאַליסטיש, ניט ווייל דאָס לעבן אין זיין היים נאָוויע מליני (טשערניגאָווער גובערניע) האָט טאָקע אַזוי אויסגעזען על פי אָביעקטיוויטעט. ניין, זיין שטעטל־איבערלעבניש איז געבליבן בייז און פאַרביטערט דערפאַר, ווייל ער האָט צו איר ניט צוגעלאָזט ניט נאָר קיין שום פּאָעטישן הויך פון פרעמדער זעאונג נאָר אַפילו אויך ניט פון אייגענער, וואָס האָט זיך ניט אָנגעקערט מיט דער איבערלעבונג אין צייט. אַ דאַנק דעם שאַרפן און שטענדיק וואַכן קאָנטראָל פון הונדערט פּראָצענטיקער עכטקייט האָט ער אויפגעהיט דעם אכזריות׳דיקן רעאַליזם פון אידיש־שטעטלשן לעבן.

---

* זאַמלבוך רעדאַקטירט פון שלמה גראָדזענסקי.

יוסף חיים ברענער

מיט רעכט זאָגט דערפאַר שלמה גראָדזענסקי אין זיין קריטישן אַריינפיר צום זאַמלבוך, אַז „ברענערס רעאַליזם איז ניט קיין קינסט־לערישער מעטאָד; עס איז דאָס העכסטע מאָראַלישע געבאָט". איך בין מוסיף: אויב ברענער האָט פון זיין רעאַליזם אפשר יאָ געוואָלט מאַכן אַ קינסטלערישן געצייג איז דאָס אים ניט תמיד געלונגען. ווייל זיין רעאַליזם איז איבערלעבונגס־אַנאַליז און ניט סינטעטישע זעאונג, האָט דערפאַר געמוזט לײַדן אויך די קינסטלערישע געשטאַלטונג. וויפיל מאָל ברענער זאָל זיך ניט מיען צו בלייבן אויף דער הויך פון עפּישער רעאַליזירונג מוז ער אָפּט אַראָפּפאַלן (פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט) צו פּובליציסטישער וידוי און צו אַנאַליז פון פּרטים, ווייל . . . ער האָט שטענדיק אינזינען צי ער האָט ניט געפעלשט קעגן דעם אמת פון דער דערמאָנונג, וואָס איז ביי אים תמיד אידענטיש מיט פּערזענלעכער עכטקייט.

ברענערס רעאַליזם איז מיר ניט צום האַרצן. איך בין מודה אַז פאַר מיר איז נאָך עד היום אַפילו שלום אַש'ס שטעטל־ראָמאַנטיק אַ סך רעאַליסטישער ווי דעם זיידע מענדעלי'ס און יוסף חיים ברע־נערס קפּדנישע פּראָזע. אָבער וויבאַלד איך פאַרלאָז דעם גדר פון זיין בעלעטריסטיק, איבערוועלטיקט מיך ברענערס קדושה אין זיין פּובליציסטיק און . . . אין זיין לעבן. וואָרום ברענער באַלאַנגט צו יענע זעלטן גרויסע פּערזענלעכקייטן פון אונזער נאַציאָנאַלן רענע־סאַנס פון וועלכע איר קענט זעליש ניט פּטור ווערן דורך סתם ליטע־ראַרישער קעגנערשאַפט. אויב עס איז אייך געלונגען בשלום און מיט אַ ביסל עסטעטישער גאוה אַריבערצושפּרינגען איבער די פּאַר־קאַנעס פון ברענערס ליטעראַטור, וועט אייך פּאַקן ביים לאַץ און אייך אָפּשטעלן אויף אַלע וועגן פון אידישקייט און מענטשלעכקייט די בלוטיקע עכטקייט פון זיין פּובליציסטישן וואָרט און די וואונדיקע עכטקייט פון זיין לעבן. זי וועט אייך אָפּשטעלן און אייך נעמען אויפן קרייצפאַרהער און איר וועט מוזן ענטפערן. פאַר דער זינד פון יעדן וואָרט וואָס האָט ניט קיין פולע דעקונג פון ווילן צו מעשים און פאַר יעדן זאָג וואָס הינטער אים שטייט ניט די גרייטקייט צו מסירת־נפש.

איר וועט אייך ניט קענען אַרויסדרייען ניט מיט לאָגישע חריפותן און ניט מיט פּסיכאָלאָגישע הסברות. לייענט וואָס ברענער אַליין אין

זיינע פובליציסטישע אַרטיקלען און וואָס זיינע העלדן האָבן פובלי־ציסטיש צו זאָגן וועגן ציוניזם און וועגן סאָציאַליזם, וועגן דער און יענער אידעע און וועגן דעם און יענעם „איזם", און פאַר אייך וועט זיך ניט איינמאָל עפענען אַ תהום ווי פאַר יענעם פועלי־ציוניסט אין די נאָטיצן „מעשים". „און יענער פאַרביטערטער און דערשלאָגענער מענטש — גיט אונז איבער ברענער — איז אַריין אין זיין איינזאַמען צימער, און אַ ביטערער, אימהדיקער געשריי האָט זיך פון זיין מויל געריסן אַ גאַנצע נאַכט: ציגיינער זיינען מיר, ציגיינער, און ניט קיין גלות־מענטשן, פאַרשאָלטענע ציגיינער . . ."

איר לייענט ברענערס ווערטער און איר האָט דאָס פעסטע געפיל אַז איר שטייט פאַר אַ שטרענגן אומרחמנותדיקן אויספאָרש־ריכטער פון אַלע אייערע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן און פון אייער גאַנצן לעבן אויף וויפיל דאָס לעבן שטייט באמת אונטער די אידעאַלן וואָס נעסטן אין ווערטער און וואוינען אין אָרגאַניזאַציעס.

אָבער דער זעלביקער דערבאַרמונגסלאָזער מוסרניק צו זיך און צו אַנדערע ווערט אויפגעלויכטן פון פרייד ווען עס שטראָמט אים אַנט־קעגן עכטקייט אין דער ליטעראַטור אָדער גאָר ווען ער דערזעט דעם דאָרנבוש פון נאַציאָנאַלן אידעאַל אין וועלכן עס ברענען הייליק אָרומ־גענומען וואָרט און טאָט. מיט וויפיל צאַרטקייט און ליבשאַפט רעדט ער דאָס וועגן דיכטער אברהם רייזען, וואָס „פאַנגט די נשמה (אונזער אַלעמענס נשמה — ש. ב.) מיט זיין האַרציקייט, מיט זיין פשטות און מיט זיין אומיטלבאַרקייט". דער אויספאָרש־ריכטער האָט דערקענט אַ צדיק, טאַנצט ער אַרום אים מיט חסידישן ברען און פליעסקעט זיך אַליין צו מיט די הענט כדי די שמחה זאָל וואַקסן: „און אַז איך וועל אייך ציטירן אַ העלפט פון בוך — וועט איר זיין צופרידן? און אַז דריי פערטל, און אַז ניין און ניינציק פראָצענט — וועט זיין גענוג? מ'דאַרף לייענען יעדע שורה — און ניט ווי מען לייענט ביי אונז!"

און צום דאָרנבוש פון מסירת נפש גייט דער פאַרביסענער קרייצ־פאַרהערער צו מיט מער ווי ליבשאַפט און מיט מער ווי צאַרטקייט. אין יעדער שורה וואָס ברענער האָט געשריבן איינגאַנצן דאַכט זיך אַ יאָר פאַר זיין אייגענעם קידוש־השם־טויט, וועגן יוסף טרומפלדאָר פילט זיך דער פלאַטער פון טיפן יראת־הכבוד און דער ציטער פון

הײליקײט. ברענערס פּאָרטרעט װעגן העלד פון תל־חי איז מער װי אַ נעקראָלאָג געשריבן מיט גרויס צניעות און אָפּגעהיטקײט אין אינהאַלט און שלימות אין פאָרם. דאָס ליטעראַרישע בילד פון טרומפּעלדאָרן װאַקסט אויס צו דעם אידעאַל פון דעם ײדישן מענטש װי ברענער האָט אים געזען און װי ער האָט פון אים געחלומט. „ער האָט ליב געהאַט — זאָגט ברענער װעגן טרומפּעלדאָרן — דעם מענטשן־מיסט און גלײכצײטיק האָט ער ניט מורא געהאַט אים צו קנעטן, אים צו פורעמען אין אַ הויכן באַרג. זיך אַלײן האָט ער געזען, װי ער שטײט באחרית הימים אויף דעמדאָזיקן באַרג און איז אויך דעמאָלט אַ סאָלדאַט, ניט מער װי אַ סאָלדאַט״.

אין אָט־די װערטער באַקומט זיך מיטאַמאָל די גאַנצע פּערספּעקטיװע פון ברענערס סאַטירע. מען דערזעט פון אונטער װעלכן באַרג עס פליסט זײן מוסר און צו װעלכן ים ער פאַרנעמט זיך. און עס גײט אויף פאַר אײך אײנע פון יענע הײסע מוכיחים־געשטאַלטן װאָס האָבן געשטראָפט זײער פאָלק מיט צאָרן און זײנען אַלײן פאַרצערט געװאָרן פון ליבשאַפט צו אים.

(1941)

פּרץ הירשבײן

ליפּע מילנער׳ס אינגסטער זון — און דער עלטסטער װעלט־רײזנדער פונם מאָדערנעם אידישן לעבן; װילנער קעלער־פאַרשװינען פון אָנהויב יאָר־הונדערט —און באַרג־אַרויף העלדן אינם „בבל״־געפילדער פון װעלט־שטאָט ערב צװײטער װעלט־מלחמה. צװישן די דאָזיקע צװײ קאָנטראַסטן — האָט דער לוח אויסגעמאָסטן — ליגט אַ צײט פון בלויז זעקס צענדליק יאָרן.

דאָס לעבן, װאָס פּרץ הירשבײן האָט געלעבט, איז, הײסט עס, אַלט געװאָרן זעכציק יאָר. אָבער אָט־דער סימן פון יונגשאַפט איז בלויז אַן אויסערער. אויב מען זאָל דאָס דאָזיקע לעבן שאַצן, לויט זײנע פּסיכישע שפּאַנונגען און לויט זײנע דראַמאַטישע אינטענסיװקײטן, איז עס ניט אַלט געװאָרן זעכציק יאָר נאָר אפשר צװײ מאָל אַזױפיל. װײל װאָס פאַר אַ װײטן מהלך — אין דערפאַרונג, אין שטרע־

פרץ הירשביין

בונג און איבעראַריענטירונג — איז דאָס לעבן פון הירשביינ׳ס דור ניט דורכגעלאָפן אין — ווי זאָגט דער קאַלענדאַר — בלויז זעכציק יאָר?

די טרויעריקע איינוואוינער פון די ווילנער קעלער־שטיבער האָבן זיך פאַר דער צייט צעשמיכלט מיט סאָציאַלע האָפנונגען אויף די פּנים׳ער, זיינען אָפּגעזעסן דערנאָך זייער שטראָף דערפאַר אין פינסטערע צאַרישע טורמעס, האָבן איבערגעלעבט אַ מלחמה־קאַטאַסטראָפע, האָבן זיך געפּאָרעט ארום דער פּראַקטיק פון געזעלשאַפט־עקספּערימענטן אין סאָוועט־רוסלאַנד און אַרום דער פּראַקטיק פון פאַרווירקלעכן אַ נאַציאָנאַלן חלום ביי די אור־אַלטע ברעגעס פונם מיטללענדישן ים, האָבן אויך אַריבערגעשפּרייזט דעם אָקעאַן, פאַרפליצט די שעפּער, ווי הילפלאָזע אָפּערייטאָרס און די גאַסן ווי טומלדיקע פּעדלערס, און... אויפגעבויט אַ פינף־מיליאָניקן הילף־רייכן ישוב. איז דאָס אַן אַרבעט פאַר בלויז זעכציק יאָר? און ניט צו פאַרגעסן, וואָס דאָ, אין דער נייער היים, האָבן זיי נאָך דערצו באַוויזן אָפּצויאָגן פון זיך מיט קאַריערע־חלומות זייערע קינדער און קינדס־קינדער, כדי דערנאָך זיך אונטער־צונעמען די ביטערע האַרעוואַניע פון ברענגען זיי צוריק.

דער געשיכטע איז, ווי איר זעט, וואוילגעפּעלן, אַנצוזאַמלען אין איינע זעכציק יאָר אַ קאָלאָסאַלן שטאָף פון כל־ערליי נייע סאָציאַלע אויפטרייסלונגען, פון נאַציאָנאַלע און יחיד׳ישע איבערלעבונגען און פון אומצאָליקע אַלץ נייע געזעלשאַפטלעכע און משפּחה קאָנפליקטן —מיט איין וואָרט, אַ שפע פון געשטאַלטונגס־מאַטעריאַל, וואָס האָט פאַרן יידישן קינסטלער, אמת, געקאָנט זיין — און איז אויך געווען — אַ קוואַל פון הונדערטערליי אינספּיראַציעס, אָבער אויך אַ דזשאָנגעל פאַר טויזנטערליי בלאָנדזשענישן און שטרויכלונגען.

הירשביין איז אַרויס אויפן ליטעראַטור־האָריזאָנט און זיך גענומען גיין בנעימות׳דיק, געפירט פון אַ זעלטענער לעבנס־נייגעריקייט און אַ נאָך זעלטענערן חוש פאַר לעבנס־טאַקט; איך מיין דאָס זעלטענע געפיל פון באַלאַנס, וואָס איז אַן און פאַר זיך שוין אַ וויכטיק מיטל פון געשטאַלטונג. אַ זעליש פאַרוואַקסענער מיט פעלד, וואַלד און וואַסער, אַ פּריציייטיק געלייטערטער דורך זייערע שיינקייטן און אַן איינגעשטילטער דורך זייערע אומדורכדרינגלעכע סודות, האָט הירש־ביין, ווי אַ מענטש, וואָס האָט גענאָסן פון דער נאַטור׳ס אמת׳ן, ניט

פרץ הירשביין

געהאַט קיין באַדערפעניש פאַר די דריבנע איינצעלהייטן פון לעבן, און אויך ניט פאַר קינסטלערישע עקספּעדיציעס אין די מיסטישע הינטערקוליסן פון געשיכטע.

אויב ס'האָט אים יאָ אַמאָל געצויגן זיך שעפעריש אַ באַרע צו טאָן מיט די עקסטראַוואַגאַנטקייטן פון אַן „אינטעליגענטישן" אָדער אַ „מטורף'שן" פּרט, איז דאָס געווען, ווי ער וואָלט פאַר אַ מאָמענט אַרויסגעשאַפּט פון זיך אַליין.

איך ווייס בלויז פון ווייניקע שרייבער, אַ חוץ הירשביינ'ען, פאַר וועמען דאָס לעבן האָט זיך געשפּרייט אַזוי עכט און אומפאַרשלייערט אין תוך. הירשביינ'ס צניעות האָט זיך צומאָל דערשראָקן פאַר דער עכטקייט און די שעמעוודיקייט פאַרשטעלט מיט ווערטער, אָבער זי איז אַלעמאָל צוריק אַרויסגעקוואָלן פון אים און שטיל דורכגעשטראָמט די בעסטע פון זיינע ווערק. הירשביין האָט די דאָזיקע לעבנס־עכטקייט און לעבנס־תוכ'יקייט ניט נאָר קינסטלעריש, נאָר אויך, אַזוי צו זאָגן, קריטיש באַנומען. ער האָט זי טרעפלעך כאַראַקטעריזירט אינם סוף־קאַפּיטל פון „מיינע קינדעריאָרן" מיט אָט די ווערטער:

„אָבער וועמען גייען איצטער אָן די נעמען פון די מאַמעס,
ווען אַ לעבן, גאָר אָן אַ נאָמען, האָט מיטאַמאָל אויפגעציטערט
און איז געבוירן געוואָרן. . ."

אַ לעבן אָן אַ נאָמען — ווי אָן אַ נאָמען עס איז דער ברייטער ים מיט זיינע כוואַליעס, וואָס נאָר מענטשן, וואָס פילן אים ניט און לעבן אים ניט, — געאָגראַפן און שול־קינדער און זייערגלייכן — דאַרפן האָבן אַ קאָנווענציאָנעלן צייכן פאַר אים. און הירשביין שפּאַנט פון כוואַליע צו כוואַליע, און אויף יעדער דערזעט ער אַ באַזונדערע פאַרב, עפּעס אַ באַזונדער באַשעפעניש. און ער שטעלט זיך אָפּ און הערט זיך צו צו זייערע איבערשמועסן, צו זייערע דיאַלאָגן. אַמאָל האָט ער, ווי געזאָגט, אויך געקאָנט האָבן אַ טעות, געקאָנט מיינען, אַז עפּעס אַ מענטש, וואָס באָדט זיך ביים ברעג און מאַכט יחידישע שטיק, איז עפּעס אַ באַזונדער שיינדל פונם „לעבן אָן אַ נאָמען". איז דאָס געווען בלויז אַ פרעמדער טאָן אין דער אייגענער נשמה־מוזיק.

דער אייגענער, אור־אייגענער גאַנג פון הירשביינס שאַפונג איז געווען ניט פאַרכאַפּט צו ווערן פון, אַזוי צו זאָגן, פּריוואַטע מענאַריעס

פרץ הירשביין

און אויך ... ניט צו מאַכן סך־הכּלען. די דראַמאַטיזאַציעס פון איינצל־נע שטיקער לעבן, צו וועלכע ער איז גראַד צוגעשוואוימען, שטעלן ממילא צונויף דאָס גאַנצע. איך האָב געזאָגט „דראַמאַטיזאַציעס", ווייל דאָס איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר: הירשביין און דראַמע.

און הירשביין איז דער דראַמאַטיקער, ווי מיר דאַכט זיך, ניט דערפאַר ווייל ער גאַרט נאָך זעלישע קאָנפליקטן, נאָך געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענשטויסן. ניין, דער דיאַלאָג, ווי אַ געשטאַלטונג־אינסטרומענט, קומט צו אים פון זיין נאָענטקייט מיט דער נאַטור. אין די קילע זו־מערדיקע פרימאָרגנסריידן זיך איבער די ביימער פאַר ליפּעס מיל, אין די פאַרנאַכטן שושקען זיך די שאָטנס מיטן וואַסער — און וואו און ווען איז דען ניט פאַראַן קיין דיאַלאָג אין גאָטס דרויסן?

גיט נאָר אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ טעם וואָלט עס געהאַט, ווען די נאַטור זאָל אונז באַשרייבן דעם בוים, אַנשטאָט אים צו לאָזן ריידן פאַר אונז. די דראַמאַטישע פאָרעם פאַרשטאַנען אין זינען פון לאָזן די העלדן אַליין ריידן, אַנשטאָט צו דערציילן וועגן זיי, איז אפשר דערפאַר דער ליטעראַרישער זשאַנר, וואָס איז אַמנאָענטסטן צום תוך פון קרעאַ־ציע.

און אויך זיין וואונדערלעכע טעאַטראַליק, די טעאַטראַליק, וואָס האָט געהאָלפן זיינע פאָלקסטימלעכע פיעסעס ווערן פאַר דער יידישער בינע דאָס, וואָס זיי זיינען געוואָרן — פּיאָנערן פון לעבנס־עכטקייט און פון קולטור־אידעאַליזם און שפּרייטערס פון יום־טוב און פרייד — אויך זי האָט הירשביין צו פאַרדאַנקען דער נאַטור און איר 24 שעה אין מעת־לעת שפּיל פון חי, צומח און דומם.

עס איז שווער צוצוקלעפּן הירשביינען אַ ליטעראַטור־קריטישן צעטל און אים צו געבן אַ סטאַבילן נאָמען. וועט מען אים אָנרופן דער דראַמאַטיקער, וועט מען מוזן אינזינען האָבן, אַז דאָס באַציט זיך בלויז צו דער, אַזוי צו זאָגן, טעכנישער זייט פון זיין שאַפונג. וועט מען אים באַצייכענען ווי אַן אידיליקער, וועט מען מוזן געדענקען, אַז דאָס פאַרגלעט אָפּט, זייער אָפּט נאָר זיין בנעימותדיקער טעמפּעראַמענט אויף זער אויבערפלאַך דעם אינערלעכן נשמה־ברויז פון זיינע העלדן און דער עיקר פון זיין הויפּט־העלד: פּרץ הירשביין. און ווייל הירש־

פרץ הירשביין

ביין איז שטענדיק דאָ און זעליש אָנגעזונד אויף די זאַכטע כוואַליעס פון זיינע דראַמעס, אידיליעס און ראָמאַנען, דערפאַר איז אויך זיין רעאַליזם — אַ ספּעציפישער. אַ ספּעציפישער ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער נעמט אין זיך אַריין אויך די איראַציאָנעלע, די אירעאַליסטישע מאָמענטן פון לעבן, נאָר קודם־כל דערפאַר, וואָס די ווירקלעכקייט זיינע ווערט באַהויכט פון הירשביינס אַן אוראייגענעם סענטימענט פון טרויער און האַרציקייט, וואָס פירט אַריבער די רעאַליסטישע געשטאַלטן און דעם רעאַליסטישן ספּור־המעשה אין דער, דאַכט זיך, גאַרניט רעאַליסטישער וועלט פון פּאָעטישע שאַטנס.

(1940)

עסעאיסטן

דער עסעאיסט האָט ניט קיין באַציאונג צו זאַכן. ער האָט נאָר אַ באַציאונג צו זיך אויך אין שייכות מיט אידעען און זאַכן.

דער עסעאיסט איז דער אינדיווידואַליסטישער טשודאַק אין דער פּראָזע. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט ניט צו גענים פון דער אידעען־און זאַכן־ציוויליזאַציע, ער מיידט אויס די ברייטע אַריינפאַר־טויערן פון דער מענטשלעכער געדאַנקען־וועלט מיט די, דאָרט פון דענקערס צעהאַנגענע, עלעקטרישע לעמפּעלעך. ער גייט אויך אין אַ זייט פון די וועגן, אויף וועלכע ס׳יאָגן זיך אַהין אויטאָמאָבילן מיט זעקס און באַנען מיט הונדערטער ציצפלעצער. דער עסעאיסט איז פאַרבליבן אַ פּאַרצייטישער פוסגייער (ער גייט, אַזוי צו זאָגן, אויפן אייגענעם קאָפּ צו־פוס) מיט אַ מאָדנער געוווינהייט אַריינצודרינגען אין געדאַנק, געפיל און זאַך פון הונטן אַרומעט — דורכן אַלקער פון דער אייגענער נשמה.

לויטן ליטעראַרישן זשאַנר איז דער עסעאיסט אַמנאָענטסטן צום רייזע־באַשרייבער. באַגלייך מיט אים איז דער עסעאיסט אַן אומרו־איקער אַרומוואַנדערער. צום אונטערשייד פון אים וואַגלט ער אַרום בלויז אויף די אייגענע זעלישע לאַנדשאַפטן.

דער עסעאיסט איז דערפאַר זאַכלעך און אינטערעסאַנט, ווען ער

עסעאיסטן

רעדט וועגן זיך אַליין. אַזוי זאַכלעך און אינטערעסאַנט ווי דער רייזע־באַשרייבער, ווען ער דערציילט וועגן לאַנדשאַפטן און מענטשן.

דער בעלעטריסט האָט זיינע באַגעגענישן מיט מענטשן און נאַטור מחוץ פון די זעלישע ד׳ אַמות, אויפן ברייטן שטח פון וועלט און צייט. ער קען דערפאַר זיין אַ צד אין דער קינסטלערישער געשטאַלטונג. דעם עסעאיסטס קינסטלערישע צונויפטרעפענישן קומען פאָר אין דער גרויסער ענגשאַפט פון זיין זעלישן איך. עס פעלט אים דערפאַר דיסטאַנץ און אָטעם צו דער קינסטלערישער רעאַליזירונג פון מענטשן און נאַטור. זיין פּראָזע איז, אַזוי אַרום, אויטאָ־ביאָגראַפיש און אַלע מאָל אויטאָ־פּאָרטרעטיסטיש, זעלבסט־געשטאַלטעריש. זי איז מעמואַריסטיש און — דערפאַר — מערסטנס עפּיזאָדיש, פראַגמענטאַריש.

דער עסעאיסט איז טיפער אין דער אינספּיראַציע, שפּיציקער אין געדאַנק און פּיקאַנטער אין געפיל. דער בעלעטריסט — מעכטיקער אין דער געשטאַלטונג, קיילעכדיקער און שלימותדיקער אין קינסטלערישן באַנעם.

(ס׳קען זיין, אַז טייל קריטיקער אונזערע האָבן זיך געריסן און רייסן זיך נאָך עד־היום צו אַ רעוויזיע פון פּרצס קינסטלערישער פּראָזע, ווייל זיי האָבן אין איר ניט געפונען די אויבנאויפיקע סימנים פון בעלעטריסטיק און האָבן אין איר ניט געזוכט די טיפערע עלעמענטן פון עסעאיסטיק).

* * *

דער קאָמפּאַראַטיווער מעטאָד וועט אונז העלפן אַנטפּלעקן נאָך אַנדערע שטריכן פונעם „האָמאָ עסעאיסטיקוס". מיר האָבן אים פריער פאַרגליכן מיט דעם בעלעטריסט — דעם שאַפער פון „אייביקייטס־פּראָזע". לאָמיר אים איצט אַנטקעגנשטעלן דעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן פּובליציסט.

טעג פון אַנאָנימע לייטאַרטיקלען, חדשים פון אונטערגעשריבענע געדאַנקען־דיאַלעקטראַטאַטן און יאָרן עברי־טייטש פון נייעס־קאָמבינאַטן האָבן, סוף־כל־סוף, פאַרנמאַסט דעם לייענער די ליכטיקע אויפגעפלאַנטערטקייט פון פאַקטן און אידעען. עס האָט זיך אים אין דעם דאָזיקן אייביקן מיטנטאָג פון אַלערליי אידעאָלאָגישע געפלעכטן און דיאַלעקטן פאַרבענקט נאָך דער טונקלקייט און וואַרעמקייט פון מענטש־

לעכן געמיט. אַט די בענקשאַפט האָט געעפנט אַ צייטונג־טיר פאַרן „עסעאיסטישן מענטש". אין אַמעריקע האָט מען אים אַ נאָמען גע־געבן „קאָלומניסט". דער באַשיידענער נאָמען איז, מן הסתם, אַן אָנצו־הערעניש, אַז די צייטונגס־קאָלאָנעס זיינען געבליבן דאָס גייסטיקע אייגנטום פון די אַלטע בעלי־בתים, און אַז ער, דער גאַסט, זאָל אינזינען האָבן צמצום אין פּלאַץ.

דער זשורנאַליסט און דער עסעאיסט אין דער צייטונג:

דער ערשטער יאָגט זיך נאָך די געשעענישן, פרעגט זיי אויס און פאַרטייטשט זיי. דער צווייטער איז אַ שטענדיקער דעלינקווענט ביי די פּאַסירונגען. ער לאָזט זיך פון זיי אויספרעגן און ראַנגלט זיך מיט זיינע ענטפערס נאָך פאָרם פון איבערלעבעניש.

עס איז דערפאַר פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס דער עסעאיסט רעדט תמיד אין דער ערשטער פּערזאָן. ער זיצט אויף דער באַשולדיקונג־באַנק און רעדט וועגן זיך און ניט וועגן די אַנאָנימע געשעענישן.

און דאָ קומט צו פליען אַן אָבער: אָבער דער עסעאיסט הייבט זיך ניט אָן פון דער ערשטער פּערזאָן פונקט ווי דער אָנהייב פונעם ווילנער גאון איז ניט זיין לאַנגע, ווייסע באָרד. וועזנטלעך איז ביי דער ערשטער פּערזאָן ניט אַזוי די פּערזאָן, ווי די פּערזענלעכקייט.

עס איז דערפאַר פאַר קיין שום פאַל ניט עסעאיסטיש, ווען דער זשורנאַליסט ב. צ. גאָלדבערג דערציילט אונז אין זיין „קאָלום", אַז —

איך דערוואַרט ניט, אַז די פראַנצויזן זאָלן לאַנג קענען אָנ־האַלטן די ליניע, וו זיי שטייען איצט. איך דערוואַרט אָבער אויך ניט, אַז פראַנקרייך זאָל פאַלן ווי האָלאַנד און בעלגיע. *)

דער „איך" דאָ, אומאָפּהענגיק, צי ער האָט געטראָפן מיט זיין האַלטעכץ צי ניט, זיצט ניט אין זעלישער תפיסה ביי געשעענישן. ער און די פּאַסירונגען זיינעןביידע פריי און יאָגן זיך חבריש אַרום אויף גאַטס ברייטער צייטונג־וועלט און... זיינען זיך איינס ס׳אַנדערע מכבד מיט אַ ביסל באַרימעריי. דער „איך" דאָ איז געגליכן צום אַמעריקאַ־נישן טוריסט, וואָס האָט זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירן לעבן די פּיראַ־מידן. דורך דער פאָטאָגראַפיע איז דער פאָטאָגראַפירטער ניט נעענטער

*) „אין גאַנג פון טאָג", טאָג פון 7טן יוני 1940.

עסעאיסטן

געוואָרן צו פּרעה'ס ווערק און די גרויס־פּאַטעטיק פון דער אָקומוליר־טער יידישער עבודת־פּרך אין מצרים האָט דאָ אָרומעט ניט אַראָפּ־גענידערט אין זיין געמיט. עס איז געבליבן בלויז אַ גוט־ברודערישער פּאַטאָגראַפּישער קאָנטאַקט פון „איך און די פּיראַמידן — געוועז אינ־איינעם אין די וואַרעמבעדער".

אַ קלאַסישער ביישפּיל פון אַ מענטשן, וואָס שטייט אַלע מאָל מיט זיין איך אין פאָדערגרונד פון זיין געשריבענער שורה און פילט זיך פונדעסטוועגן כמעט אין גאַנצן ניט אין זיין פּראָזע, איז מלך ראַוויטש. ווען דער דיכטער פון אַ היפּש ביסל גערעטענע לידער דערציילט אונז, אַז —

איך האָב פיינט איבערזיכטיקע מענטשן. איך טו זיי אָפּ דאָס ערגסטע, וואָס איין מענטש קען דעם אַנדערן אָפּטאָן. איך נאָר זיי אָפּ. איך זאָג ליגן צו זיי. *)

— איז, קודם דערשרעקן מיר זיך ניט, ווייל מיר ווייסן, אַז קיינעם וועט ניט איינפאַלן צו גלייבן ראַוויטשן, אויב אים וועט איינפאַלן צו זאָגן אַ ליגן. און, צווייטנס, ווייסן מיר אויף זיכער, אַז דאָס זיינען פאַר קיין שום פאַל ניט קיין עסעאיסטישע שורות.

דער „איך" דאָ — איך בין מודה — איז מן־הסתם אי ביי ראַוויטשן און אי ביי גאָלדבערגן אַ סימן פון עטישער אָפּגעהיטקייט. וואָרעם איידער צו באַרעדן אַנדערע, באַרעדן די נאָר וואָס דערמאָנטע חשובע שרייבער בלויז זיך אַליין.

זיך אַליין באַרעדן איז אפשר אויך אַ ליטעראַרישער זשאַנר. קען זיין. און זיין שלשלת היוחסין ציט זיך אפשר ביז צו היינריך היינע, וואָס איז געווען דער גרויסער ניט־לעגיטימער טאַטע פון קליינע ליטעראַרישע זשאַנערלעך.

אָבער ניט זיך אַליין באַרעדן, נאָר זיך אַליין עקספּלאָרירן איז ערשט עסעאיסטיק. און איר לעגיטימער פאָטער אין דער מאָדערנער אייראָפּעאישער פּובליציסטיק איז געווען לודוויג בערנע.

אין דער אידיש־פּראָזע איז דער ערשטער „האָמאָ עסעאיסטיקוס" בלי־שום־ספק געווען י. ל. פּרץ. (1940)

*) „אינטעלעקטועלער אויסדויער און נאָנטער זיג", אינזיך, דעצעמבער 1939.

ה. ד. נאָמבערג

געבליבן איז פאַר אַלעמען דער פובליציסט. פּרצס פּאַרסאָפּעטער געדאַנקען־סטיל האָט זיך ווי אויסגעדעכעט און אָפּגערוט אין דער לאַגישער דורכזיכטיקייט און קריטישער קילקייט פון נאָמבערגס רייזע־רעפּאָרטאַזשן. נאָמבערגן איז געלונגען אָפּצוהיטן זיין סטיל פון גייסטיקן פיבער, פון יענעם פיבער, וועגן וועלכן ער האָט געוווסט, אַז —

„אַ רייזנדער מיט אַ קריטיש אויג מוז דערויף קרענקען ביז... ער געוויינט זיך צו".

ער האָט אַזוי אַרום מיט דער צייט באַוויזן אויפצונעמען אידעען און סיטואַציעס ווי אַ צוגעווויגטער: אָן צעיאַכמערטער התפעלות און אָן ווערעמדיקן ביטול, אָן שרייבערישער ווילייונגשאַפט און אָן לייכט־זיניקן פעסימיזם. עס איז אים דערפאַר געלונגען צו געבן זיין פובליציסטישן סטיל אַ גלייכמעסיקן, לאַנגן אָטעם. נאָך מער: עס איז אים געלונגען איינצושטעלן דאָס גלייכגעוויכט צווישן וועלן זיין אייראָפּעאיש און מוזן זיין יידיש.

די גייסטיקע עקספּלאָזיעס פונעם פּרצ׳שן עסיי און פעליעטאָן בריען מיט שאַפערישן אַנרעג. נאָמבערגס פובליציסטיק טראָגט אין זיך די ליכט־באַשטענדיקייט פון רעאַליזירטן מוסטער.

די פון פּרצן מיט אַזוי פיל גלויבן און כוח אַנגעצונדענע פובליציסטישע פייערן זאָגן אָן ווי אַרום און וווהין דער וועג מוז פירן, כדי צו בלייבן ביי די אייגענע קוואַלן און דערביי ניט צו פאַרלירן דעם וויטן האָריזאָנט פון די אויגן. נאָמבערגס גרויסע דערגרייכונגען רעדן שוין צו אונז מיט פעסט־אָנגעצייכנטע ליניעס, מיט אַ צום טייל אויסגעבויטן טראַקט, און וואָרענען אַלע קאַליקעס און אַלע פסעוודאָ־אָריגינאַליטעטן פאַר צוועקלאָזע און אומשאַפערישע עקסטראַוואַגאַנצן.

פּרץ — דער פאַנטאַזיע־ און גייסט־פולער אַרכיטעקט; נאָמבערג — דער סאָלידער און באַטראַכטער אינזשעניר. דער שליאַך אויסגעמאָסטן און מיט פונדאַמענטן פאַרלייגט. וואָס בלייבט איבער פאַר די יורשים? דער עיקר: ניט אָפּגיין פונעם פּרצ׳שן וועג, אָפּהיטן נאָמבערגס ווערטפולע דערגרייכונגען.

(1937)

פשטות

וועלכער אויסדרוק איז דער אמת יידישער: „איך בין פאַראינטערעסירט", צי „כ'האָב אינטערעס"? אַלמי האַלט דאָס ערשטע, ד"ר ראַבאַק שטייט שטאָל און אייזן פאַרן צווייטן. *) ד"ר ראַבאַק, ווי אַ וויסנשאַפטלער, ברענגט אויך ראַיות, דאָס מאָל פעלקער־פּסיכאָלאָגישע, פאַר זיין „אינטערעס", דהיינו: „דער אַמעריקאַנער איז מער דירעקט, זוכט ניט דעם לינקן אויער הינטן אַרום מיט דער רעכטער האַנט".

איז דאָך דאָס ממש אַ באַליידיקונג פאַר „יוראָפּ". איז אָבער ראַבאַק געגנוג דזשענטלמען צו פאַרזיסן די באַליידיקונג מיט אַ קאָמפּלימענט פאַר אייראָפּע: „אין אייראָפּע — זאָגט ער — איז מען נאָך אַלץ געוווינט צו דער רחבותדיקייט פון וואָרט און דער געדאַנק מוז זיין אָפּגעהיט בכל פרטים ודקדוקים".

אַזוי ווי מיינע אָבות־אבותינו האָבן געלעבט פון דער זייט אוקינוס און איך בין נאָך כמעט אַן אייראָפּעער, האָב איך ניט קיין אינטערעס, נייערט איך בין פאַראינטערעסירט. און פאַראינטערעסירט בין איך צו וויסן, וואָס ס'איז דער מיין פון טייל פּובליציסטן אונזערע און קריטיקער, ווען זיי האַלטן אין איין פּאָדערן: פשטות.

„עס איז געוואָרן — שרייבט דער זעלביקער ד"ר ראַבאַק — אַזאַ געיעג אויף פּשוטקייט, קלאָרקייט, דייטלעכקייט, אַז פון אַזאַ פּשוטקייט איז מען עלול צו פאַרבייטן די יוצרות".

די שפּראַך און דער סטיל פון דעם גרעסטן טייל פּובליציסטן אונזערע זאָגן עדות, אַז די יוצרות זיינען פאַרביטן געוואָרן נאָך העט ביים סאַמע אָנהייב, ווען דער פשטות־לאָזונג איז אויפגעקומען. וואָס איז אויסן די פשטות־פּאָדערונג? נאָך פראָסטער, נאָך איינפאַכער צו מאַכן די פּובליציסטישע שפּראַך אונזערע, וואָס איז אַזוי אָרנאַמענטלאָז, אַז זי קען היינט שוין קוים באַצירן די גייסטיק אָרעמסטע שטוב? נאָך לויזער, נאָך שיטערער צו מאַכן דעם יידיש־סטיל, וואָס איז אַזוי אויסגעליידיקט פון אייגענער בילדערישקייט און ווערטער־שפּיל און אַזוי איבערגעלאָדן מיט פאַרטיקן שפּראַך־רעקוויזיט און באַנאַלע

*) יובל־אויסגאַבע פון קענעדער אָדלער, יאַנואַר 1938.

ליטעראַטור־דערמאָנונגען, **) אַזש דאָס ביסל אינפאָרמאַציע און גע־דאַנקלעכקייט פון אונזער פּובליציסטיק קומט אויס ווי אונטערגעטראָגן צום עסן קמצניש מיט הילצערנע לעפל און ערדענע טעפּ?

יאָ, נאָר אָט די פּשוטקייט קענען זיי אויסן זיין, די פּשטות־באַשטע־לער, וואָרעם די העכערע, געלייטערטע פּשטות פון

איבער אַללען גיפּפעלן
איזט רו

קאָן דאָך ניט געפאָדערט ווערן. צו אָט דער שפּיצבאַרג־איינפאַכקייט דערגייט דאָך אַ ליטעראַטור ערשט דווקא דורך טויזנטער געדרייטע, אָבן־נגפדיקע סטעזשקעס פון סטיל־קאָמפּליצירטקייט. דורות און אָבער־דורות פון שרייבער מוזן צונויפטראָגן די שפּראַך־קאָמפּליצירט־קייטן, מוזן אַריינטראָגן אין לשון יעדער זיין פּעקל וויזיעס און פּלאָנ־טערס, מוזן צוטראָגן אַיעדער דעם געאָגראַפישן קאָלאָריט פון זיין געגנט, אַיעדער די פאַרב פון זיין ירושה־בלוט, אַיעדער דאָס האַרבע שטיקל מהרשא פון זיין שפּראַך־לאָגיק, דאָס אַלץ, כדי דער געטע, דער טאָלסטאָי פון יידיש זאָל האָבן פון וואַנען צו נעמען, וואָס אָפּצוקלייבן, וואָס צוצוטוליען און וואָס אָפּצושטויסן, ווען ער וועט שאַפן דעם שפּראַך־סינטעז פון גענעראַציעס. ניט פון די שיטערע „פּשוטקייטן" און „פאַרשטענדלעכקייטן", נאָר פון דעם קאָמפּליצירטן „טערקיש" און „תרגום־לשון", ניט פון דער אויסגעגליכענער שפּראַך־מיטלמעסיקייט, נייערט פון די דיסהאַרמאָנישע אָנשטרענגונגען צו אַלץ העכערע און שווערערע סטיל־פאָרמען, ווערט געבוירן דער חלום און ס'ווערט אויך געשמידט די פאַרווירקלעכונג פון שפּראַך־לויטערקייט און פּשטות.

זעלטן אַ שפּראַך, אין וועלכער דער פּובליציסטישער סטיל זאָל זיין אַזוי אָן טראַדיציע, ווי אין יידיש. דאָס בעלעטריסטישע לשון אונזערס האָט זיינע וואָרצלען אין דער פאָלקס־מעשה, אין די חומש־טייטשן, אין די בעל־בית'ישע און חסידישע שמועסן ביים טיש, אין דעם פּלי פון דיאַלאָגן אין ווערק־שטוב, אין די רייד־כוואַליעס פון מאַרק,

**) אין איין אַרטיקל פון אַ באַקאַנטן יידישן שרייבער האָב איך אָנגעציילט אַ צענדליק מאָל די באַנאַליטעט: פּעריציק מאָל פּעריציק באַגלעקערטע מאָסקווע.

פשטות

אין די פֿאַנטאַזיעפֿולע דערציילונגען פֿון שקרנים, אין האַרץ־אָפּרעדע־נישן פֿון פֿאַראומערטע שכנות אויף דער פּריספּע, אין רכילות פֿון פֿאַר־ביטערטע עגונות. פֿון אַט די אַלע אין יידישן שטייגער מיט טויזנטער פּעדעם פֿאַרוועבטע קאַרעניעס איז אַרויסגעוואַקסן די סטיל־פֿאַרשידנ־אַרטיקייט פֿון אונזערע בעלעטריסטן: מענדעלעס פֿאַרפֿונדעוועטע בעל־בית׳ישקייט פֿון צונויפֿגעקליבענע ווערטער־פּערל; שלום־עליכמס אַנדנאַאישקייט פֿון עמך־רייד און זאָגעכצער; פּרצס קורצאָטעמדיקער לשון־קודש־יידיש מיט פֿינטעלעך; בערגעלסאָנס פּסיכאָלאָגיש־ניואַנסיר־טער צמצום פֿון זאַץ; אָפּאַטאָשוס געזונטע שפּראַך־פֿלייש, למדניש גע־טרייבערט.

אין אונזער פּובליציסטיק אָבער זיינען ניט פֿאַראַן קיין פֿאַרטיקע שפּראַך־מוסטערן און דער שרייבער איז דערפֿאַר מער ווי אויף אַלע אַנדערע סטיל־געביטן אָנגעוויזן קודם־כל אויף זיך. איז, אויב דער פּובליציסט וויל ניט לעבן פֿון שטענדיקע גמילת־חסדים ביי דער פֿעליע־טאָניסטישער קיי־און־שפּאַר־קאַסע און באַנוגנט זיך ניט מיט דער השגהלאָזער טרייסט, אַז לייכטקייט איז אַ סחורה, אויב ער האָט ווייני־קער רחמנות מיט זיך און מיט דעם לייענער־יחיד און מער אַחריות פֿאַר דער קולטור־ווירטשאַפֿט פֿון זיין פֿאָלק, וועלן אים אַראָפּרייסערישע רעצענזיעס פֿון פּשטות־מאַנער ניט אָפּהאַלטן פֿון דער עבודת־פּרך אויפֿצושטעלן זיינע אייגענע פֿעלזן פֿון שפּראַכשוועריקייט. נאָר דורך די דאָזיקע פֿעלזן ווערט געלייגט דער שליאַך צו אמתער שפּראַך־פּשטות, צו דער פּשטות, וואָס קאָן קיין מאָל ניט זיין דער פּרעלודיום, נייערט דער פֿינאַל פֿון קאָמפּליצירטקייטן, וועלכע מען האָט צונויפֿגע־טראָגן און גובר געווען.

ווי לאַנג איז דען, אַז די קריטיקער מיט הרמנא האָבן געפּסלט די שפּראַך־קאָמפּליצירטקייטן אין דער יונגער יידישער פּאָעזיע? און נאָך ביז היינט זיינען, דאַכט זיך, ניט אַרויס פֿון דער אָפֿיציעלער קריטיק־קאַראַנטינע די שפּראַך־שוועריקייטן ניט פֿון „יידיש־טייטשן", ניט פֿון „פֿאַביוס לינד" און ניט פֿון „שטאָט אין פּראָפֿיל". ביי דער פּאָעזיע אָבער, וואָס האָט אין די לעצטע צוואַנציק יאָר דרייסט אַ שפּאַן געטאָן אין באַרג־אַרייִן, איז דער קריטיק־קאַנטשיק געבליבן הענגען אין דער לופֿט, גראַטעסק־מלמדיש פֿאַרגליווערט, העט ווייט פֿון דער פֿלייצע.

פשטות

פאַר די שפּראַכוועריקייטן פון דער פּובליציסטיק שטייען דערוויייל די פּשטות־זשאַנדאַרן, הענט אויף באַקעס און מיט פּיס ווי גרענעץ־סלופּעס, און פאַרשטעלן דעם וועג. אָנבייגן דעם קאָפּ און דורכלויפן איז ניט אַזוי אוממעגלעך, ווי אומוועדיק. וואָס זשע בלייבט איבער צו טון? שטייט מען און מען הערט זיך צו, ווי די פּשטנים כאַפּן איינער דעם אַנדערן ביי זאַצן, וואָס זיינען ניט גענוג פּשוט.

זאָגט ש. ניגער: „וואָלט געשריבן בעסער, ווען ער זאָל זיך ניט קאָכן אַזוי צו שרייבן גוט". קען מען צופרידן זיין. אַ פּשוטער זאַץ און דערביי אַ פעסטער. די זאַוויסעס הוידן זיך ניט. געפעלט ער ערשט ניט אַן אַנדערן קריטיקער און יענער פרעגט מיט פאַרדראָס: „וואָס פאַר אַ לשון?" *) און עס פאַרריכט תיכף דער איבערפּשטן אַזוי: „ווען ער זאָל זיך ניט רייסן צו שרייבן שיין". פון שיין איז, דוכט זיך, דער קאָמפּאַראַטיוו ניט „בעסער", נאָר „שענער". ווייזט אָבער אויס, אַז אַ פּאָזיטיוו מיט זיין אייגענעם קאָמפּאַראַטיוו איז צו קאָמפּליצירט. און נאָך ווייזט אויס ,אַז דאָס בילדערישע וואָרט „זיך קאָכן" איז שווער ,ווייל יענער האָט עס געשריבן, און דאָס אויך ניט ווייניקער בילדערישע „זיך רייסן" איז פּשוט, ווייל יאָך האָב עס געזאָגט.

צום סוף נאָך אַ באַמערקונג. טייל מאָל כאַפּט זיך אַ פּשטות־באַשטעלער אויך אַרויס מיט אַ באַגרינדונג, פאַרוואָס די פּובליציסטישע שפּראַך אונזערע מוז זיין אַזוי, אַז מ'זאָל זיך צו איר ווי צו אַ כזית ניט דאַרפן וואַשן. אַדרבא, פאַרוואָס? ווייל „יידיש איז קום־כל אַ פאָלקס־שפּראַך". פראַנצויזיש רעדן, ווי איר ווייסט, נאָר דיפּלאָמאַטן. איר האָט שוין אַ מאָל געהערט אַ בעל־עגלה רעדן פראַנצויזיש? סיידן אין פּאַריז.

אָבער שפּאַס אין אַ זייט. אַלע מאָל, ווען מיר קומט אויס צו זען, ווי אַ יידישער שרייבער קאַרטשעט זיך אַרעמאַנסקע אין דרייען, ווייל ס'איז אים באַפאָלן די מידה פון עניוות אויפן חשבון פון אונזער שפּראַך, בין איך חושד, ניין — איך ווייס אויף זיכער, אַז דער דאָזיקער שרייבער מיט סטאַזש, מיט הרמנא און מיט פאַרדינסטן, האָט אין תוך

*) יובל־אויסגאַבע פון קענעדער אַדלער, יאַנואַר 1938, ז' 16.

אַריין ניט קיין זעלישע באַציאונג צו יידיש. ער האָט אין דער טיף פון זיין האַרצן ניט קיין אמונה אין קיום פון אונזער שפּראַך. דער דאָזיקער שרייבער איז אפשר פאַר יידיש דער טרייער היטער פון איר שטאַרביקייט, אָבער פאַר קיין שום פאַל ניט דער עקסטאַטישער טרוימער פון איר אומשטאַרבלעכקייט.

(1938)

נפתלי גראָם

פון דער היפשער פלעיאַדע יידיש־גאַליצישע דיכטער איז נפתלי גראָס אפשר דער איינציקער, וואָס זיין ראָמאַנטיזם איז עד־היום קלאַסיש און גאַנץ און האָט ניט אויפצואווייזן גאַרניט פון די אַלע ריסן און שפּאַלטן פון טראַגישן חוזק און גראָטעסק, וועלכע זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די יידיש־זינגערס פון גאַליציע. גראָס איז אויך, ווי מיר דאַכט זיך, דער זעלטענער פויגל אין דער יידיש־פּאָעטישער גאַליציע, אויב ניט דער איינציקער, וואָס אין זיין דיכטערישן געפּעדער וועט איר ניט געפינען אַפילו איין פּעדערל אויסגעצופּט לשם באָהעמיענישער אָדער מאָדערניסטישער בראַוואַדע.

דער דיכטער גראָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער מיושבדיקער גאַליציאַנער אין אונזער ליטעראַטור, וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאָט קיין אומפריינטלעכן איבעררעד מיט די געשטאַלטן און זעאונגען, וואָס באַגלייטן אים פון זיין אַלטער היים; דער „תמים עם אלוהיו״, וואָס האָט זיך אַלעמאָל מיט פרומקייט געחברט מיט דער דיכטערישער גאָב, מיט וועלכער ער איז באַשאָנקען געוואָרן; דער פּאָעט, וואָס טוט דעם וואונדער פון געשטאַלטונג, ד״ה פון קינסטלערישן ראַטונעק מיט דער־זעלבער זעלישער געלאַסנקייט און זיכערקייט, מיט וועלכער זיין שענסטער העלד (און אפשר זיין אַלטער־עגאָ?) יאָסל קלעזמער האָט פאַרנאַרט אויף די סטרונעס פון זיין פידל דאָס פייער אינמיטן מאַרק און אָפּגעראַטעוועט קאַלאָמיי פון אַ שרפה.

איינס נאָך איינס האָט גראָס אָפּגעראַטעוועט פון אונטערגאַנג די געשטאַלטן פון דעם ראָמאַנטישן אַמאָל: דעם רב און דעם מגיד, דעם פרומען ייד און דעם ייד־אַ־סוחר, דעם שיינעם בעל־הבית און דעם אַלטן

שניידער, דאָס כּלה־מיידל און די דערוואַקסענע און אַלע זיינע „נאָענטע פון קאַלאָמיי" און זיי אַלעמען פאַרטרעטיסטיש פאַרפיקסירט. דער גרונט־טאָן פון זיין פאַרטרעטיסטיק איז רעזיגנאַציע, און אַלס רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן פרידן, וואָס גראַס' פאַרשוינען שליסן מיט זייער גורל, שפּרייט זיך איבער זיי אַן אינערלעכע און אויסערלעכע שלווה.

גראַס' געשטאַלטן זיינען, פאַרשטייט זיך, ניט פריי פון ליידן, פון צער און פון אינערן געראַנגל, אָבער דאָס אַלץ געהערט בלויז צו זייער פּרע־געשטאַלטערישן עבר. אין דעם מאָמענט, ווען דער דיכטער האָט מיט זיין אויג אויפגעכאַפּט זייער אינערן מהות, איז ביי זיי אַלעמאָל שוין געווען נאָך חשבון־הנפש, נאָך חשבון־הלעבן, און אויף דער לאַנדשאַפט פון זייער זעל האָט זיך שוין געצייטיקט די האַרבסטיקייט און רעזיגנירטקייט פון געדאַנק און געפיל. זיי זיינען שוין געווען ראוי, אַז דער דיכטער זאָל זיי טאָן זייער קינסטלערישן רעכט. וואָרעם קינסטלעריש פאַרטרעטירן הייסט לויט גראַס' קאָנצעפּציע — אַרויסרייסן די געשטאַלטן פון דעם סביבהדיקן רעש, פאַרגלעטן זייער אייגענע זעלישע צערודערונג און זיי פאַרוואַנדלען אין מאָנומענטן פון רו און שיינקייט. כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט זיכער יענער פאַרטרעט, אין וועלכן דער דיכטער לאָזט דעם אַלטן שניידער פאַרשטאַרט ווערן מיט דער נאָדל אין האַנט אינאיינעם מיט די איינגעזאַמלטע זעאונגען פון די טעג פון זיין לעבן.

און טאָמער ברויזט אויף אַמאָל אין גראַס' פּאָעטישע געשטאַלטן די דינאַמישקייט פון גורל און עס ווערט קענטיק ביי זיי דער ווילן איבערצוואַנדערשן דאָס באַשערטע, דאַן... דאַן קאָן עס נאָר געשען אויפן וועג פון וואונדער. וואָרעם וואונדער איז דער איינציקער לעבנס־כּוח, וואָס איז ניט צעקריגט מיט שיינקייט און רו און קער זיך ניט אָן מיטן מענטשנס ווילן, האָפן און שמייען. דער נס וואַקסט פון יענער זייט מענטשלעכן רצון אויף די סודותדיקע פעלדער פון קונסט און שיקזאַל.

יאָסל קלעזמער טוט וואונדער מיט זיין קונסט. די פריילעכע שניידער־געזעלן טוען כּישוף מיט די געהיימנישן פון זייערע קונצן און מיט דעם משולח טוט אַ נס דער גורל אַליין פון אונטער זיין שלייער. און דאָ, ווען וואונדער געשעען און דאָס לעבן איז ניט אין שיינקייט

פּריוואַט־שפּראַך

פֿאַרגליווערט, נייערט עס וויברירט נאָך פֿון באַוועגונג און געשען, דערגרייכט גראָס צו די קוואַלן פֿון עכטער פֿאָלקסטימלעכקייט. און זיין ליד, וואָס איז אַלעמאָל גאַנץ, שלימותדיק און קלאָר, ווערט דאָ ביי די פֿאָלקסליד־מאָטיוון, אויך וואַרעם און שפּרודלדיק.

אויף דעם מקור פֿון דער קלאָרקייט, פֿון דער אָפּטמאָל בלענדנדיק־ווייסער קלאָרקייט אין זיינע פּאָרטרעט־לידער האָט גראָס אפשר אַליין אָנגעוואונקען, ווען ער האָט די קלאָרקייט אין בליק פֿון זיין „דערוואַקסענע״ געלאָזט אויפֿגיין אינאיינעם מיט דער שעמעוודיקייט אין איר. עפּעס אַ פֿרומע שעמעוודיקייט ווייעט פֿון גראָס׳ פּערזן און שפּראַך. די שעמעוודיקייט האַלט צוריק די געאיילציקייט פֿון אויסדרוק און גיט די נויטיקע צייט ביי זיך אין זעלישן ווינקל קלאָרער צו מאַכן דאָס בילד, צו שלייפֿן די שורה און צוצופּאַסן דאָס וואָרט.

און עס קאָן זיין, אַז דאָ ליגט אויך ערגעצוואו דער סוד פֿון נפֿתּלי גראָס׳ טיפֿער דיכטערישער פֿאַרבונדנקייט מיט דער גרויסער שליף־ און צופּאַסונגס־אַרבעט, וואָס הייסט: די איבערזעצונג פֿונם בוך פֿון אַלע ביכער.

(1941)

פּ ר י וו אַ ט ־ ש פּ ר אַ ך

נאָך דער גרויסער שלום־עליכמשער שפּראַך־מאָביליזאַציע זיינען געקומען נאַדירס וווּנדערלעכע וואָרט־סטראַטעגיע און אליעזר שטיינבאַרגס מיסטישער טאַנץ פֿון קאָנסאָנאַנט, וואָקאַל און גראַם. און דערנאָך? אָדער צום טייל גלייכצייטיק? דערנאָך — די עפּיגאָנען פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט. די עפּיגאָנען פּראָוון פֿאָלקסטימלעכקייט צעראַבירנדיק מיט דער הילף פֿונעם אייזערנעם זכרון דעם פֿאָלקס־אוצר פֿון ווערטער און ווערטלעך פֿון „מיין שטעטל״ אין גאַליציע, ליטע, אָדער אוקראַינע.

די מייסטערס האָבן אויפֿגעדעקט די טיפֿסטע שיכטן פֿונעם לשון און פֿריי געמאַכט דעם באָדן פֿאַר נייע וואָרט־ און זאַץ־געוויקסן. די עפּיגאָנען האָבן מיט זייער פּיעטעטפֿולער רויבווירטשאַפֿט פֿון פֿאַרטיקע זאָגעכצער און רעדעכצער דערפֿירט די שפּראַך צו פֿלאַטשיקער

פריוואַט־שפּראַך

וואָרט־ און בילד־קאָמפּילאַציע און דערנידעריקט די קלוגע שפּראַך פון אונזערע זיידעס צו חכמהדיקן לשונעכץ פון אייניקלעך, וואָס טראָגן קורצע רעקלעך און ווילן מיט זיי דווקא פּאָכן ווי מיט לאַנגע זשופּיצעס. די מייסטערס זיינען געווען רעוואָלוציאָנער, די עפּיגאָנען זיינען קאָנסער־וואַטיוו און מאַנאָפּאָליזירן, ווי אַלע קאָנסערוואַטאָרן, — דעם פּאַט־ריאַטיזם, דעם ווויל פון דער עפּנטלעכקייט. יעדע נייע וואָרט־פאָרם איז טריפה, יעדע נייע ענדונג — אַ קאַפּריז פון דעם אָדער יענעם שריי־בער, אַזוי צו זאָגן, זיין „פּריוואַט־שפּראַך". דעם באַגריף „פּריוואַט־שפּראַך" נוצט חיים ליבערמאַן אויף אָפּצולאַכן פון זשיטלאָווסקיס נייע וואָרט־פאָרמען. מיט אָריגינעלקייט זינדיקט דערביי ליבערמאַן ניט. וואָרעם אַ סך פּאַר אים האָט דאָך שוין שלום־עליכם, אין אַ מאָמענט, ווען זיין שפּראַך־סטיכיע האָט אים פאַרלאָזן און ער איז געווען אָנגע־וויזן בלויז אויף אינטעלעקטועלער אינטואיציע, זיך געהאַלטן אין איין חידושן און ניט אויפגעהערט צו לאַכן: ס'טייטש, פּרץ זאָגט גאָר „עמעץ", אַנשטאָט „עמעצער"! ווער זאָגט דאָס „עמעץ", אַחוץ פּרצן, וואָס האָט זיך צוליב אַ קאַפּריז איינגעשאַפּט אַ „פּריוואַטע שפּראַך"? און ניט געפילט האָט שלום־עליכם, אַז דורך דעם, וואָס עס פאַלט אַוועק דער באַשטימטער „ער" פון „עמעצער", האָט דאָס וואָרט ערשט גע־קאָנט געשטאַלטן דעם גאַנצן מיסטישן גרויל און די גאָרע סימבאָלישע קראַפט פון יענעם פרעמד־נאָענטן, וואָס איז ניט געזען, נאָר בלויז געאָנט. אָוודאי זיינען ביי פּרצן פאַראַן ניט־געלונגענע עקספּערימענטן פון וואָרט־פאָרמען. די שלום־עליכמשע „אייניקלעך" האָבן זיי מיט זייער „פאָלקסטימלעך" אויג באַלד דערזען און געקרימט מיט דער טאַבעקע־נאָז פון שטייגערישן קאָנסערוואַטיזם. אָבער פאַרזען האָט מען, כמעט אין גאַנצן פאַרזען פּרצס אומגעהאַמעוועטן קינסטלערישן ווילן אַרויסצובאַקומען פון יידיש־ווערטער נייע געדאַנקען־ניואַנסן און נייע סענסיביליטעט־אַקאָרדן מיט דער הילף פון קלענערע און גרע־סערע הויט־ און מוסקל־אָפּעראַציעס. און אַז שלום־עליכם האָט גע־לאַכט פון „עמעץ", פאַרוואָס זאָל מען ניט מעגן שפּאָטן איבער דעם פּרוּוו צו פאַרברייטערן אין יידיש די שליטה פון דער מענלעכער סובסטאַנטיוו־פאָרם, אַ פּרוּוו, וואָס קומט אָפּט אַזוי געלונגען צום אויסדרוק אין דער שפּראַך פון זשיטלאָווסקין?

פריוואַט-שפּראַך

אפשר איז עס נאַר, ווי ליבערמאַן וואָלט געזאָגט, אַ „פּריוואַט־געפיל", אָבער מיר דאַכט, אַז דער בעסערער סטיל איז דער, וואָס נוצט וואָס מער סובסטאַנטיוון. ביים גרויסן סטיליסט האָט דער שם־עצם אַליין כוח און פאַרב. ער נויטיקט זיך זעלטן אין דער הילף פונעם שם־התארס שמינקע און גרים. פון צווישן די סובסטאַנטיוון (אפשר אויך דאָ בלויז „פּריוואַט־געפיל") איז דער סובסטאַנטיוו מיט דער האַרטער מענלעכער קאָנסאָנאַנטן־ענדונג דער, וואָס גיט דער שפּראַך ווערדיקע רואיקייט און באַהיט זי פון זיסלעכן סענטימענטאַליזם און חניפהדיקער פּיעשטשעריי מצד היסטערישע ליובאָוניקעס, וואָס ווען ניט די שאַרפע אָפּווער־עלנבויגנס פון קאָנסאָנאַנטן־ווערטער, וואָלטן זיי ניט איין מאָל דערגאַנגען ביז עפנטלעכער פּריוואַליטעט.

און בפרט אין יידיש, ווו דאָס ליטעראַרישע וואָרט האָט לכתחילה געלעבט אין לוי־וואָרעמען קלימאַט פון פרום־ווייבערישקייט און זיך דערפאַר געשנעבלט צו זיינע לייענערינס מיט ווייכער פעמינינער ענדונג, זאָגט מיר אונטער מיין „פּריוואַט־געפיל", אַז די טענדענץ צו דער מענלעכער קאָנסאָנאַנטן־ענדונג פונעם סובסטאַנטיוו איז אידענטיש מיט דער שטרעבונג אַרויסצופירן דעם יידיש־סטיל פונעם אַלקער אויף דער ברייטער אַרענע פון עפנטלעכקייט.

פאַר אונזערע פאַלקסטימלעכקייט־עפּיגאָנען איז דער צאינה־וראינהשער קאָנסאָנאַנטן־ און וואָקאַלן־צונויפשטעל געוואָרן ניט אַ וואָרט־פאָרם פון אַ פאַריבערגייענדיקער אָדער פאַריבערגעגאַנגענער גייסטיקער אַטמאָספערע, נייערט די וואָרט־פאָרם פון אַן אויף דער גיך קאָנסטרואירטן יידיש־באַרג־סיני.

דערפאַר זיינען זיי פאַרליבט אין „אָפּנייגונג" און פסלען „אָפּנייג", הגם די אָפּגעהאַקטע קאָנסאָנאַנטן־ענדונג גיט ערשט דעם וואָרט די פּלאַסטישע פאַרשטעלונג פון זיך אַוועקדרייען אין דער ווייטקייט פון רוים פון אַן אָנגענומענעם געדאַנק אָדער אידעע. זיי געפעלט „אויס־שפּרייטונג" אָדער „אויסשפּרייטעניש", וואָס בלייבט הענגען ביי די פאַלעס פון ענדלעכקייט און ס'איז זיי ניט צום האַרצן דער „אויס־שפּרייט", וואָס לאָזט אויפשטייגן אין אונזער פאַנטאַזיע די אומבאַגרע־נעצטקייט פון האָריזאָנטן.

פריוואַט־שפּראַך

און דער אָפּגעהוזקטער „אויפקלער" וואָלט ליבערמאַנען געקאָנט שטויסן צום קלער, אַז די „אויפקלערונג" איז שוין געוואָרן אַ פאַר־גליווערטער סינאָנים פאַר השכלה, און אַז „אויפקלער" טראָגט אין זיך געזונטן כוח פון אַנאַליז, וואָס וואָלט באמת ניט פאַרשאַדט ניט די פּריוואַטע מיינונגען און ניט דעם „עפנטלעכן יידיש" פון אַ סך פון אונ־זערע שרייבער.

(1938)

נ. ב. מינקאָוו

„באַרד, — אין יידיש־לאַנד, וואו איז דיין זונדערלינג?" — פרעגט נ. ב. מינקאָוו אין איינעם פון זיינע לידער. און מיר דאַכט, אַז עס איז לייכט דערויף צו ענטפערן אַזוי: ער אַליין דער דיכטער פון „אונזער פּיעראָ" און פון „מסעות פּונם לעצטן שאָטן" איז בלי ספק איינער פון די סאַמע „זונדערלינגען" אין אונזער פּאָעזיע.

אין וואָס באַשטייט דאָס מאָדנע און זעלטענע אין מינקוואָס'ס דיכ־טונג? מינקאָוו איז אַ פּאָעט, וואָס אַיעדע סטרונע פון זיין האַרץ וויב־רירט מיט יענער אַלטער און גוטער עמאָציאָנעלישקייט, פון וועלכער קיין שום עכטער דיכטער איז, דאַכט זיך, עד היום ניט געוואָרן צו שאַנד. ער איז אַ דיכטער, וועלכער באַגעגנט זעליש דעם באַשאַף מיט יענער היפּער־סענסיטיווער לירישער ליבשאַפט, וואָס ווערט צומאָל, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, ממש „היסטעריש, אייגענליביג, קראַנק". ער איז אַ געשטאַלטער, וואָס די אוראייגנסטע פאָרם פון זיין אויס־טענה'ן זיך מיט דער וועלט און מיט איר „שטומען גזר": טויט — איז עלעגיע און תפילה.

און אָט דער פּאָעט פון אַלטער גוטער עמאָציאָנעלישקייט, פון עלע־גיע און תפילה, האַלט זיך איבער די צענדליקער זייטן פון זיינע לידער־ביכער אין איין אַרויסציען פון דער „עמאָציאָנעלער קאָמעדיע". און נעמען נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס עס איז ניט פאַראַן, ווי מיר דאַכט זיך, קיין שלום־בית צווישן מינקאָוו'ס דיכטערישער קאָנצעפּציע און זיין אייגענער זעלישער פאָרמאַציע. מינקאָוו'ס אינטעלעקטועלע איינ־שטעלונג איז, אַז עמאָציאָנעלע באַנעמונג פון דער ווירקלעכקייט פירט

צו פאַרקרימונג, צו „קאָמעדיע" און אַז די געשטאַלטונג פון פּאָעטישן שטאָף טאָר ניט איבערגעלאָזט ווערן אויפן באַראָט פון געפילס־דירעקט־קייט. און ס'קען זיין, אַז ער איז גערעכט, אָבער מיט איין קליינער און תמציתדיקער באַוואָרעניש, דהיינו: יעדע דיכטערישע טעאָריע ווערט באַוויזן דורך אַן אַנטשפּרעכנדער פּאָעטישער לאַנדשאַפט און ניט פאַרקערט.

מינקאָוו באַמיט זיך צו עלימינירן פון זיין שאַפונג דעם ודוי־מעסיקן ליריזם, וואָס וואָלט זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין דעם פּייזאַזש פון דיטכערישער געפילס־סוביעקטיווקייט און ער פאַרוואַנדלט זיינע לידער אין אָביעקטיווע שילדערונגען פון אינטעלעקטואַליזירטע שטי־מונגען.

וועלכע זיינען דאָס די כלי־זין פון דער אָביעקטיוויזירונג אָדער, אין זיין פאַל, בעסער געזאָגט, פון דער פאַרפרעמדונג פון זיינע סאַמע אייגנסטע לירישע סענטימענטן? מינקאָוו'ס עיקר־וואָפן איז זיין פּאָע־טישער סטיל. דער שפּראַך־נוסח פון זיינע פערזן איז אויסן צו באַשאַפן דעם איינדרוק, און באַשאַפט אים צום גרויסן טייל, אַז דאָס וואָרט, וואָס ברענט אין זיין ליד, האָט זיך ניט אָנגעצונדן ביים פלאָם פון דיכטער'ס פאַרמלאָזער לירישקייט, נאָר עס האָט ערשט אויפגעלויכטן אונטערן פורעם־האַמער פון זיין אינטעלעקטועלער באַוואוסטזיניקייט.

עס גייט אַן אַ שווערער געראַנגל צווישן פּאָעטישער סובסטאַנץ און שפּראַך־נוסח ביי מינקאָוו'ן. און עס איז פּאַראַדאָקסאַל, אָבער פּאַרט אמת: וואָס ווייניקער קאַפּריזנע, אייגנווייליק און, אַזוי צו זאָגן, העכסט־פּער־זענלעך עס איז מינקאָוו'ס פּאָעטיש לשון, אַלץ טיפער און אַלץ מיט מער אייגענעם נערוו קומט אַרויס זיין דיכטערישער געדאַנק און געפיל.

צומאָל קומט פאַר אַ פשרה. דאָס עלעגישע און תפלה־געפיל גיט נאָך און פּרוּווט זיך צוצופּאַסן צו די טונקלקייטן פון מינקאָוו'ס אָביעק־טיווע שפּראַך־דעפיניציעס און צווייפגעפרעסטקייטן. דעמאָלט פאַרציט זיך דער קאָנקרעטער סענטימענט פון קלאָג און געבעט אין דער אַב־סטראַקציע פון שרעק־זעאונגען און קאָשמאַרן. די פּאָעטישע סובסטאַנץ ברענגט קרבנות אויפן מזבח פון שפּראַך־פורעם. אָבער דערפאַר ווערט מיט דער הילף פון שרעק־זעאונג און קאָשמאַר־חלום מינקאָוו'ס פּאָעטישע

שורה געפירט אויף די פעלדער פון רשות־הרבים־לשון און... פון לייטערונג.

אָן אַנדערש מאָל אָבער איז דער קוואַל פון מינקאָוו׳ס דיכטערישער אינספּיראַציע גובר אָן שום פשרות. עס טרעפט, אַז מינקאָוו׳ס אַזאַ אייגענער פּאָעטישער מאָטיוו, ווי דאָס גבורהדיקע אַקעגנשטעלן זיך און צו דערזעלבער צייט הכנעהדיק אַקצעפּטירן דעם גרויסן אמת: טויט, רייסט איין אַלע צוימען פון דיכטער׳ס בכיונדיקער עמאָציאָנעלער איינגעהאַלטנקייט און ברעכט דורך אַלע פּאַרקאַנעס פון אויסגעמייסטערטער און אָפּגעקילטער דעפיניציע, און שאַפט אַ קאָנטאַקט פון מחיהדיקער דירעקטקייט צווישן פּאָעט און לייענער.

איןביידע פאַלן, פון פשרה מיטן שפּראַך־נוסח און פון גובר זיין אים, צעפלאַקערט זיך אין מינקאָוו׳ס דעפיניציע־שורות ס׳פייער פון פּאָעטישן אימאַזש. זיינע מעטאַפערן, הגם מייסטנס אַבסטראַקטע, ווערן נאָענט און וואַרעם און די וויזיע, הגם באַלאָדן מיט „זונדערלינגישע״ דיכטערישע אַסאָציאַציעס, ווערט צוגענגלעך און סוגעסטיוו. מען ווייסט דעמאָלט אויף זיכער, אַז מינקאָוו, וואָס איז לויט זיין אייגענעם קינסטלערישן רצון אַ דיכטער פאַר געציילטע, איז לויט זיינע פּאָעטישע מעגלעכקייטן און סובסטאַנצן אַ דיכטער פאַר אַ סך.

(1941)

די שעפערישע גאַליציע

דאָס וואָרט גאַליציע האָט עטלעכערליי טייטשן.

קודם איז עס על־פי געאָגראַפיע אַ שטח ערד וואָס ציט זיך אַזוי לאַנג ווי פון קראָקע ביז סניטין און אַזוי ברייט ווי פון בראָד אָדער יאַראָסלאַוו ביז קיטעוו.

דערנאָך מעלדעט זיך די עקאָנאָמיע צום וואָרט. און אויפן עקאָנאָמישן לשון איז גאַליציע די טייטש: דלות, אַן אָרעמער אוקראַאינישער פויער (דעם פוילישן פון מערב־גאַליציע קען איך ווייניקער) אין אַ קלאַפּאַניע און אין פּאָסטאָלעס, וואָס באַאַרבעט זיין שטיקל פעלד מיט מכשירים פון דער באָבע טאָלצעס מיידלשע יאָרן און האָרעוועט צו

די שעפערישע גאַליציע

ביים פריץ אויפן טאָג פאַר אַ לוין פונם זיידע מתושלחס צייטן; אַן אויסגעדיייווערטער יידישער געוועלבער פון שפּעצעריי, פון צעלניק אָדער פון „געמישטע וואַרן", וואָס נאָר צוויי טעג אין דער וואָך טריקנט אים ניט דער קאָפּ וועגן פּרנסה. יריד־טאָג האָט ער ניט קיין צייט זיך צו זאָרגן און דאָנערשטאָג זאָרגט ער זיך וועגן עפּעס העכערס ווי פּרנסה, וועגן „וואו נעמט מען אויף שבת?"

און אין פּסיכאָלאָגישן זינען? אין פּסיכאָלאָגישן זינען איז דאָ אַ סך צו זאָגן.

אַ גאַליציישער ייד איז אָדער אַ טאַטע אָדער אַ זון. איז ער אַ זון, גייט ער אין דער „לאַטיין" און ווערט איה"ש מאַכן מאַטורע. איז ער אַ טאַטע, לויפט ער זיך אָפּ די פיס, אַז דער זון זאָל ניט שרייבן אום שבת.

סיי דער טאַטע און סיי דער זון האָבן איבער הונדערט יאָר גע־לעבט אונטער קירהן אַ סך בעסער ווי די רוסישע יידן אונטער פאָניע חזיר, און זיי זיינען דערפאַר ביידע ניט פּאַרקאַכט אין פּאָליטיק. דער טאַטע געטרויט דעם סטאַראָסטע, אַז ער פאַרשטייט אויך עפּעס און ס'אַרט אים ניט, טאָמער פאַרשרייבט מען אים מיט די פאות און מיט דער באָרד און מיט דער ראַדזיוואולקע פאַר אַ פּאָליאַק, דער עיקר מען זאָל אים מטיב זיין מיט די שטייערן און מיטן „געווערבע־שיין"; דער זון געטרויט ווייניקער דעם סטאַראָסטע, אָבער ער וויל מאַכן קאַריערע און האַלט, אַז מען דאַרף זען דורכקומען מיט אים.

אַז די דאָזיקע זין, וואָס זיינען דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשע־ניערן און וואָס ניט, באַווייזן זיך דערנאָך אין דער פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעפּובליק, מאַכן זיי אַ טראַגישן טעות. זיי פאַרבייטן גראַב־סקין מיט קירהן און מיינען, אַז אויך איצט קען „אוגאָדאַ" זיין אַ לעבנס־סיסטעם ווי אַמאָל אונטער קירהן.

דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענט איז אַסימילירט, אָבער ער קען זיין אַסימילאַציע דורכפירן נאָר ביי זיך אין דער היים און ביי אַ פּרעפערענס מיטן פּוילישן פּאַן מעצענאַס. אין זיין אָפיס מיט די קליי־ענטן, אין גאַס און אין קאַפעהויז און ביי דער פּאָליטישער פאַרזאַמלונג ציט אים דאָס קאָכעדיקע יידישע לעבן צוריק אין ברויזנדיקן קעסל פון

פאָלקסשאַפונג. ער שאַפט מיט אַ גאַנצן טאָג אויף דער שפּראַך, אויפן וויץ, אויפן מעשהלע און אויפן גלייכווערטל און אויפדערנאַכט ווערט ער קריטיש צום טאָג, וואָס נעמט אים אַוועק פון זיין אידעאישן ציל: אַסימילאַציע. דער יידיש־גאַליצישער אינטעליגענט ליידט פון אַ הייניסטישן קאָמפּלעקס; ער איז ליריש מיט ציניש באַמערקונגען צו זיין ליריק. ער איז עקספּאַנסיוו־שאַפעריש און וואָלט גערן צונישט געמאַכט די שאַפונג מיטן אייגענעם קריטישן ביטול. ער האָט הייס־פּאַטעטישע מאָמענטן און וויל זיי אָפּווישן מיטן שפּאָט פון זיין שמייכל.

אפשר האָט מען טאַקע דערפאַר די דאָזיקע קאָנטראַסט־עלעמענטן אַ נאָמען געגעבן אין דער מאָדערנער יידיש־שאַפונג: גאַליציע?

די פאָלקס־שאַפונג אין גאַליציע איז די פאַרביקסטע און די רירעוו־דיקסטע. (ערשט דאָ אין ניו־יאָרק אין דעם קיבוץ גליות פון יידן פון אַלע עקן וועלט בין איך ביי זיך געוואָרן זיכער, אַז איך בין ניט מגזם.) און ס'איז דאָך אויך געאָגראַפיש פאַרשטענדלעך, דער גאַליצישער ייד איז דאָך כמעט דער דרומדיקסטער טיפּ אין דער יידיש־אימפּעריע. אַחוץ דעם באַגלייטן אים איבער דער גאַנצער לענג פון גאַליציע די קאַרפּאַטן־בערג און באַפעלקערן זיין פאַנטאַזיע מיט די וואונדערלעכע געהיימנישן, וואָס וואוינען אונטן אין די היילן און איבן צווישן די סכנהדיקע פעלז־שפּיצן. הונדערטער יידישע שטעטלעך ליגן אין די טאָלן פון די קאַרפּאַטן־בערג און טונקען זיך, אַזוי צו זאָגן, אין דער פּאַעטישער לופט. צענער שטעט ווידער פון ניי־סאָנץ איבער סטרי און סטאַניסלאַוו און דאָלינע און זשידעטשויוו ביז קאָלאָמיי שפּרייטן זיך ביי די פיס פון די בערג און האָבן ניט נאָר אויסערלעך דעם מייסט פּיטאָרעסקן יריד־טאָג אין גאָר דער יידיש־וועלט, נאָר אויך דער גאַנצער אינערלעכער נשמה־טראַנספּאָרט פון נסימדיקע געשעענישן און סתם בבא־מעשיות, וואָס ווערט אויסגעלאָדן אין אַזאַ טאָג, איז בלי שום ספק דער אינטערעסאַנטסטער און פאַרכאַפּנדיקסטער.

אויף יענע וועגן און סטעזשקעס פון גאַליציע האָט דער בעל־שם אויסגעטראָגן זעליש די גאַנצע ליידנשאַפט און די גאַנצע פרייד פון זיין נייער תורה.

די שאַפונג פון צפונדיקן ליטווישן עמך האָט זיך פיינט צו פאַרטשע־פען מיט גראַמאַטיק און האָט ניט ליב אַנטקעגנצוריידן דעם בידנע ביסל

שכל. דער גאַליצישער פאָלקסמענטש, אַבי דער סטאַראָסטע שטייט ניט אין וועג און מען דאַרף ניט קיין „געווערבע־שיין״, איז ער אן איינשטעלער. ער האָט ניט מורא פאַר די דרייסטעסטע וואָרט־קאָמבינאַציעס און גיט צו פאַרשטיין דער גראַמאַטיק, אַז זי דאַרף זיך ביי אים לערנען. קיין שום מעשה איז ניט צו פאַנטאַסטיש, ער זאָל זיך ניט אַוועקלאָזן מיט איר אין די סאַמע ווייטסטע ווייטענישן, וואו דער רוח זאָגט אַ גוטן טאָג. און אַז דער שכל נעמט זיך שמייכלען איבער זיינע יאַזדעס, שמייכלט ער צוריק, ווי איינער זאָגט: ר׳ שכל, זייט ניט צו קלוג! אַלץ קען פּאַסירן!

פון דאַנען נעמט זיך טאַקע, וואָס גאַליציע פאַרמאָגט די רייכסטע יידיש־שפּראַך־אוצרות, וואָרעם גאַליציע שאַפט און שאַפט, ציִ מען דאַרף ציִ מען דאַרף ניט, און פרעגט ניט קיין שאלות. אַ וואָרט, אַ בילד און אַ גלייכעניש קען אַלעמאָל צונוץ קומען, אויב ניט היינט, איז מאָרגן. אַזוי אַרום איז גאַליציע ווייניקער קולטור־אָרגאַניזאַטאָריש, ווי אַ שטייגער ליטע, אָבער דערפאַר מער קולטור־שאַפעריש.

און וואָס שייך דאָס, וואָס די ליטעראַטור־היסטאָריקער רופן אָן בלי־פעריאָדן, פירט זיך גאַליציע אויך אין דעם פּרט לויט איר דעזאָרגאַניזירטן שטייגער. מען פרעסעט יאָרן און יאָרן און מען פאַרקויפט ניט. זאָל עס ליגן און זאָל זיך דערווייל שאַפן און שאַפן אויפן היימישן וועבשטול.

און מיטאַמאָל, אַזוי איינמאָל אין אַ יאָרהונדערט, מאַכט מען אָן „אויספאַרקויף״.

אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט האָט גאַליציע אויסגעלייגט אַ ביסל סחורה פאַר דער וועלט: נחמן קראָכמאַל, ש. ראַפּאָפּאָרט, יוסף פּערל, יצחק ערטער און נאָך. האָט די יידישע וועלט געשטוינט און זיך ניט געקענט גענוג אָנלייענען.

כמעט שפּעטער אַ יאָרהונדערט האָט גאַליציע אויפסניי באַוויזן סחורה פונם נשמה־וואָרשטאַט. דאָסמאָל אין דער מאָדערנער יידיש־ און העברעאיש־ליטעראַטור. נעמען פאַראַ נעמען און ווערק פאַראַ ווערק. איינס גוט און דאָס אַנדערע בעסער. האָט זיך די יידישע וועלט ווידער פאַרחידושט: גאַליציע גייט!

אָבער די תמיד פאַרהאָוועטע און תמיד צו אַ גלייכוועדטל אויפ־

פאַמפלעט

געלייגטע גאַליציע שמייכלט פּיקחותדיק איבער דער נאַאיווקייט פון די רוסישע יידן.

— זיי געוויזן עפּעס וואָס פון אויבן און זיי מיינען, אַז זיי האָבן אויסגעליידיקט ס'געוועלב. ס'רעכטע אמתע ביסל סחורה איז ערשט פאַרבליבן דערוויל אין די פאָלקס־טיפענישן. נישקשה, מען שטייט דאָך אין גאַליציע ניט מיט פאַרלייגטע הענט. מען שאַפט און מען פּרעטעט טאָג איין און טאָג אויס, שעה איין און שעה אויס פאַר דורות. און מען וועט דאַרפן אויפסניי באַווייזן, אַז ס''וועט קומען די צייט, אַבי געזונט און פּרנסה און הרחבה פאַר יידן.

און אַז איך הער אַזוי רעדן מיינע גאַליצישע לאַנדסלייט, ענטפער איך פון גאַנצן האַרצן: אָמן!

(אַפּריל, 1941)

פ אַ מ פ ל ע ט

דער עצם מהות פון פאַמפלעט איז אומגערעכטיקייט. פאַמפלעט מוז זיין אַזוי אומגערעכט, ווי אומגערעכט ס'איז דער שטורעמווינט, וואָס קומט פּלוצלונג און איזדעקוועטשט זיך איבער ביימער־זקנים; ווי אומגערעכט ס'איז דער קאַפּריזנער האָגל, וואָס רייסט זיך דורך מיט זיין קאַלטן אָטעם דורך אַ וואַרעמען רעגן און מאַכט אַ תל פון יונגע תבואה־פעלדער.

די עובדה פון פאַמפלעט איז ניט אָפּצופרעגן דעם ליגן מיט גע־רעכטע טענות פון רעלאַטיוון אמת, נייערט צו פאַרסמען ביז צו שאַבלאָן איבערגעצעטיקטע אמתן מיט דער דינאַמיק פון פּאַראַדאָקס און געדאַנקלעכן קאַפּויר. דער פאַמפלעט האַלט ניט מלחמה מיט דער אויבנאויפיקייט פון שקר, כדי אויסצוקעמפן אַ ביליקן נצחון פאַרן שכלדיקן וואָרט פון וואָרהייט. ניין, ער גרייפט אָן די וואָרהייט מיט די קאַפּריזן פון זיין אומרואיקער גייסטיקייט, ווייל זי, די צייט־וואָרהייט, פאַרמעסט זיך צו ווערן מאָראַלישער פּרינציפּ, אָרגאַניזירטער שטייגער. דער פאַמפלעטיסט איז ניט דער ביבלישער פּנחס בן אלעזר, בן אַהרן הכהן, וואָס פלאַמט אויף אין צאָרן קעגן מעשה זמרי און באַקומט דערפאַר זיין לוין. ער איז גיכער אַ זמרי אין העכערן, גייסטיקן זינען,

פּאַמפֿלעטישער קוראַזש

וואָס דערקוטשעט דער רואיקייט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער עטיק פֿון זײַן צײַט מיט זײַן אייגענעם, אויסגעשפּראָכן־אייגענעם „זע איך אַזוי" און „וויל איך אַזוי" — קאַפּריזן מיט אַן אָביעקטיוון געשיכטלעכן זינען צו העלפֿן אָפּניצעווען דעם אַלטן און אויספּיקן אַ נײַעם אמת.

פּ אַ מ פֿ ל ע ט י ש ע ר ק ו ר אַ ז ש

וואָס קען זײַן מוטיקער, ווי צו אַטאַקירן דעם שטאַרקסטן, דעם מעכטיקסטן, דעם קאָנסאַקרירטסטן? אַזוי קען זיך אויסדאַכטן.

האָט אָבער דער גרעסטער סאַטיריקער און פּאַמפֿלעטיסט פֿון אונזער צײַט קאַרל קראַוז דעמאַסקירט דעם דאָזיקן מוט פֿון אַטאַקירן שטאַרקע, אַכזריותדיק דעמאַסקירט און אים אידענטיפֿיצירט מיטן קעגנזאַץ פֿון קוראַזש: מיט פּחדנות.

לאָמיר נאָר קלאָר מאַכן קראַוזס געדאַנק. אָנשטעלן דעם פּאַמפֿלעטאַרישן פֿײַל און בויגן אויף שוואַכע — דאָס הייסט פֿאַרמאָגן קוראַזש. וואָרעם הינטער דעם שוואַכן שטייט אַן אַרמיי פֿון שוואַכע, באַוואָפֿנט מיט רחמנות צום קרבן, מיט תרעומות צום אָנגרייפֿער און מיט דער אַגרעסיווער אַנגסט: מאָרגן קען מיט מיר דאָס זעלביקע פּאַסירן. דער קאָנפֿליקט מיטן שוואַכן צעוואַקסט זיך אַזוי אַרום גיכער אָדער שפּעטער צו אַ געראַנגל מיט אָרגאַניזירטער מיטלמעסיקייט, נעמט אָן די דימענסיעס פֿון גײַסטיקער שליחות און גיט דעם פּאַמפֿלעטיסט די געזעלשאַפֿטלעכע און היסטאָרישע באַרעכטיקונג פֿון זײַן — פֿון לכתחילה אפֿשר בלויז נאָר קאַפּריזנעם און שפּילעוודיקן — קאַמף.

הינטער שטאַרקע אָבער שטייט ניט קיינער. אַטאַקירן אַ שטאַרקן הייסט אויפֿוועקן די קנאה פֿון קאַרליקעס מיט גײַסטלאָזע גרימאַסן, קאַרליקעס, וואָס האָבן שוין לאַנג געוואַרט, אַז דער איבער זיי אַריבערגעוואַקסענער פּלוני „זאָל כאַפּן אַ שניט". זיי, די ליליפּוטן, סמאָטשקען מיט די ליפּן פֿאַר התפּעלות, פֿינטלען מיט די אויגן פֿאַר צופֿרידנקייט: ענדלעך האָט זיך געפֿונען דער לאַנג געגאַרטער, וואָס האָט צעבראָכן דעם שטעקן איבער אַלמוני, וועלכער איז — צוליב זײַן שטאַרקייט אַליין — פֿון תמיד אָן אַ חיבֿ מיתה.

* * *

דראַמע און ראָמאַן

דראַמע און ראָמאַן האָבן צוויי פאַרשיידענע ריטמען, צוויי פאַר־שיידענע טעמפּעראַמענטן, וואָס זיינען ווייט און פרעמד צואַנאַנד. אַ דראַמע האָט דעם טמעפּעראַמענט פון אַ לייב — דעם קיניג פון די חיות. אַ לייב דערלאַנגט איין קלאַפּ זיין קרבן. האָט ער דערהרגעט, — איז זיין געווינס און די סעודה איז גרייט. אלא ניט, שפּרינגט ער אָפּ אַ פאַרשעמטער. אַ צווייטן קלאַפּ דערלאַנגט ער ניט. אַ דראַמע איז אויך אַזוי. ערגעצוואו אין איינעם פון אירע מיטלסטע אַקטן קומט פאָר דער קלאַפּ. אַלעס איבעריקע איז ניט מער ווי דאָס אויפהייבן די לאַפּע און אַראָפּלאָזן זי. אַ ראָמאַן ווידער איז ווי אַ טיגער. ער זויגט זיך איין מיט בלוטדורשטיקייט און שפּילט זיך אַכזריותדיק מיטן לייענערס געדולד.

נאָך דעם פילם געלינגט עס ערגעצוואו און ערגעצאַמאָל אַרויס־צוטרייבן פונם ראָמאַן און פון דער דראַמע זייערע ווילדע אינסטינקטן און צו מאַכן פון זיי קינעמאַטאָגראַפישע שטוב־חיות.

*

דער, אַזוי צו זאָגן, אומפּשרהדיקער אידעאַליקער קער זיך גאָרניט אָן מיט דעם פאַנאַטיקער. פאַרקערט, זיי זיינען זיך איינס ס׳אַנדערע סותר. דער ערשטער איז רעבעליש און גלויביק. דער צווייטער — דאָגמאַטיש און יעזואיטיש.

*

שאַפן אין דער שפּראַך איז אַ שווערע עובדה. געפינען דאָס אַדעקוואַטע וואָרט איז איינע פון די גרעסטע מצוות און צו דערזעלבער צייט דאָס טיפסטע שעפערישע לוסט־געפיל. דער שרייבער, וואָס שפּאַנט איין דאָס ערשט בעסטע וואָרט, וואָס קומט צופעליק אונטער דער פעדער, באַגייט די זינד פון סדום. די זינד פון סדום, ווייל ער פאַרמשפּט דעם געדאַנק זיך צו שטרעקן אָדער איינצוציען זיך אין ניט־פּאַסיקן וואָרט ווי אין א סדום־בעטל.

*

ווען אונזערע פאָלקסשפּראַכיסטן רעדן וועגן פאָלקסשפּראַך און פשטות, טראַכט איך תמיד אַזוי: שטעלט אייך פאָר, אַז די באַנק

פאָלקסשפּראַכיסטן

וואָס איז פּריווילעגירט פאַר נאָטען־אַרויסלאָז גיט אַרויס נאָר איינ־דאַלאַרדיקע פּאַפּירלעך. פאַר די קליינע קרעמערס, פאַר די פּעדלער, קורץ, פאַרן סאָציאַל טיפּסטן עמך וועט עס אפשר זיין געגוג. אָבער וועט דערמיט קענען אויסקומען די פאָלקס־ווירטשאַפט? קען די עקאָ־נאָמיע פון אַ פאָלק איינגיין דערויף, אַז אַ הונדערטער אין דער ציר־קולאַציע זאָל מוזן זיין הונדערט מאָל איינערלעך? קען די קולטור־באַלעבאַטישקייט פון אַ פאָלק שטייגן, וואַקסן, רייכער ווערן ווען איינער אַ קליינער גייסט־ווערט מוז באַשטיין פון הונדערט פלאַכקייטן?

*

מענטש ווערט באַגיטיקט מיט בליק. בן־אָדם ווערט איינגענומען דורך אַ שמייכל. מענטש־באַגעגעניש פאַרזייט קאָמפּראָמיס. געשפּרעך געבערט פאַרשטענדיקונג. פריינטשאַפט פירט צו פרידפאַרטיקן אי־דען־פאַראַט.

*

דער שונדיסט האָט אינזינען די פּסיכאָלאָגיע פון זיינע לייענער. דער קינסטלער — די פּסיכאָלאָגיע פון זיינע העלדן.